STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01589

SOF FUN VANDERUNG

R. C. Sherriff

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. ק. שעריף

סוף פון וואַנדערונג

(פיעסע אין דריי אַקטן און זעקס בילדער)

פון ענגליש

מ. געלענבערג

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

R. C. Szerif — „Sof fun wanderung“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

באַטייליקטע:

סטענהאָפּ — קאָמאַנדיר פון אַ פוסגייער־אָפּטיילונג

אָסבאָרן, טראָטער, היבערט } אָפיצירן פון דער אָפּטיילונג

ראַליי

דער קאָלאָנ'על

דער סערזשאַנט־מאַיאָר

מייסן — אַ קיכער ביי די אָפיצירן

האַרדי — אָפיציר פון אַן אַנדער פולק

אַ יונגער דייטשער סאָלדאַט

צוויי סאָלדאַטן פון דער אָפּטיילונג.

די סצענע

אַן אָקאָפּע אין די בריטישע טראַנשייען פאַר סענט־קוענטין. עטלעכע משופּעדיקע שטעגלעך פירן אריין אינעווייניק, דורך אַ נידעריקן אַריינגאַנג. אַ גרויסן שטח פונם גרובן פארנעמט אַ טיש. קעגנאיבער דער לינקער וואַנט שטייט אַ הילצערנע ראַם, איבערגעדעקט מיט אַ דראָט־נעץ, וואָס דינט אי פאר אַ בעט, אי פאר אַ זיצפלאַץ ביים טיש. די איבעריקע זיצערטער באשטייען פון אַ הילצערנער באנק, אַנטקעגן דער הינטערוואַנט, און צוויי קעסטלעך.

אַ צווייטע דראָט־באַצויגענע בעט שטייט צוגעקלאַפּט צום רעכטן ווינקל ביים אַריינגאנג.

טונקעלע טונעלן פירן ארויס פון דער אָקאָפּע, אויף לינקס און אויף רעכטס.

אַחוץ טיש, בעטן און קעסטלעך, איז דאָ מער קיין מעבל נישטאָ. אויפן טיש שטייען פלעשער, אין וועלכע ס׳שטעקן ברע־נענדיקע ליכט. די וואנט — באקלאפּט מיט עטלעכע אָפּגעריסענע זשורנאַל־בילדער — מיידלעך אין לייכטע קאָסטיומען.

די ערד־וועגט דעמפּן און שוואַכן אָפּ די קולות, וואָס טראָגן זיך פון מלחמה־פּלאַץ, פּונקט ווי זיי וואָלטן פאָרגעקומען ערגעץ ווייט, הגם די פאָדערשטע פּאָזיציע איז נישט ווייטער פון אַ פופציק יארד. די ליכט ברענען דאָ שטענדיק, טאָג און נאַכט, אין דער שטילער, פייכטער לופט.

ערשטער אקט:

מאנטיק אוונט, דעם 18־טן מערץ, 1918.

צווייטער אקט:

ערשטע סצענע — דינסטיק אינדערפרי.
צווייטע סצענע — דינסטיק נאכמיטאג.

דריטער אקט:

ערשטע סצענע — מיטוואך נאכמיטאג.
צווייטע סצענע — מיטוואך ביינאכט.
דריטע סצענע — דאנערשטיק באגינען.

ערשטער אַקט

אַן אָוונט פון א מערץ־טאָג. אַ בלייכער גלאַנץ פון לבנה־שיין באַלייכט די שמאָלע טרעפּלעך צום ווינקל־צו פון דער אָקאָפּע. וואַרעמע, געלע ליכט־פלעמלעך באַלייכטן דעם אַנדערן ווינקל, וווּ ס׳זעען זיך די העלזלעך פון צוויי פלעשער אויפן טיש. דורכן אַריינגאַנג קען מען זען דעם פאַרנעפּלטן גרויען אָנלען פון דער טראַנשיי און אַ שמאָלן פּאַס אויסגעשטערנטן הימל. אויפן טיש, צווישן אַ הויפן צייטונגען און זשורנאַלן, שטייען: אַ פלאַש וויסקי, אַ קרוג וואַסער און אַ קווערטל. פון אַ טשוואָק אויפן וואַנט הענגט אַראָפּ צעקנאָדערט אַן אָפיצירישע אויסריכטונג.

קאַפּיטאַן האַרדי, אַ רויטפּנימדיקער און מונטערער, זיצט אויף אַ קעסטל בײַם טיש, טריקענענדיק מיט גרויס כוונה אַ שקאַרפּעטקע איבער אַ ברענענדיקן ליכט. אויפן לינקן פוס טראָגט ער אַ שווערן אָקאָפּע־שטיוול, און דעם רעכטן באָרוועסן פוס האַלט ער איבער דער נאַסער פּאָדלאָגע, אָנגעשפּאַרט אויף דער לינקער קני. דער רעכטער שטיוול זײַנער שטייט אויף דר׳ערד אין אַ זײַט. בעת ער דרייט זאָרגעוודיק די שקאַרפּעטקע אַהער און אַהין — צולייגנדיק זי דערבײַ יעדעס מאָל צום פּנים, זען צי זי איז שוין טרוקן — חזרט ער זיך אַ לידל, האַלב־זינגענדיק, האַלב־ברומענדיק (ווען ער איז נישט אינגאַנצן זיכער מיט די ווערטער), צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיט די פינגער פון רעכטן פוס.

האַרדי: איינס און צוויי — מיט מאָוד און לו;
דריי און פיר — צוויי מיידלעך מער;
פינף און זעקס — מיט... המ... המ... המ...;
זיבן, אַכט — מיט קלאַראַ און מיט קאַראָליין...

(ער פאַלט אַריין אין אַן אומבאַשטימט ברומערײַ און פאַרענדיקט מיט אַ לוסטיקער ראַשיקייט)

טיקן... טאָקן — דרייט אָן דעם זייגער,
והייבט דער טאָג זיך אָן פונסניין —

(פון אויבן, איבער דער לבנה־באַגאָסענער אַקאַפּע באַווייזן זיך אַ פּאָר מענטשלעכע פיס און — אַ הויכער, מאַגערער מאַן לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ איבער די טרעפּלעך איינגעבויגענערהייט, אויסצומיידן דעם דאַך. ער ציט אַראָפּ דעם העלם און ס׳באַווייזט זיך אַ שיינער קאָפּ, מיט קורץ־געשוירענע, אייזן־גרויע האָר. ער זעט אויס ווי פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, שטאַרק געבויט און האַרט, ווי טשוועקעס).

האַרדי: (אַרומקוקנדיק זיך) העלאָ, אָסבאָרן נו, געקומען שוין דיינע לייט?

אָסבאָרן: (בינדט־אָפּ זיין פּעקל און לאָזט עס אַראָפּ אין ווינקל) יאָ, זיי קומען ערשט אָן.

האַרדי: פּרעכטיק, נעם אַביסל משקה.

אָסבאָרן: אַ דאַנק, (שפּריצט אַרום אַ ווילע און זעצט זיך דערנאָך אויפן בעט לינקס).

האַרדי: (דערלאַנגט אים די וויסקי מיט אַ קווערטל) נאָר זע נישט צופיל וואַסער. ס׳איז היינט זייער אַ טייערע משקה.

אָסבאָרן: (צעמישט און זופּט ביסלעכווייז) כ׳קען גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס איז עס פאַר אַ זאַך, וואָס מ׳טוט אריין אין וואַסער.

האַרדי: כ׳רעכן, אַז אַזאַ מין דעזינפעקציע-מיטל.

אָסבאָרן: יאָ, כ׳וואָלט שוין בעסער געוואָלט אריינזופּן אין זיך די מיקראָבן. און דו?

האַרדי: יאָ, איך אויך.

אָסבאָרן: זייער גוט, בראַוואָ

האַרדי: בראַוואָ נעם נישט פאַר אומגוט מיין שקאַרפּעטקע.

אָסבאָרן: ס׳מאַכט נישט אויס. ס׳זעט אויס אַ זייער עלעגאַנטע שקאַרפּעטקע.

האַרדי: אַוודאי אַזוי, ווי דען? ס׳איז געווען גאַראַנטירט צו האַלטן די פיס טרוקן, האָב איך יעצט דערמיט אַ גאַנצן קלאַפּאַט: ס׳וועט באַלד נאַס און שווער אויפן פוס אָנצוטון.

אָסבאָרן: סטענהאָפּ האָט מיך פאַרבעטן צו זיך צו פאַר־ברענגען אַביסל צוזאַמען. ער זוכט פּשוט מענטשן, וואָס זאָלן קומען צו אים.

האַרדי: פּרעכטיקן ווייסט, איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס דו ביסט יעצט געקומען.

אָ ס ב אָ ר ן: כ'האָב געהערט, דאָ איז געווען אַ נישקשהדיקע שלאַכט.

ה אַ ר ד י: יאָ, אין אַ געוויסער מאָס. קענסט אָבער קיינמאָל נישט וויסן פאָרויס, ווען דאָס דאַרף פּאָרקומען. אָפטמאָל גייען אַוועק לאַנגע שעהן און ס'געשעט גאָרנישט. פּלוצלונג — „זי איז דאָ" — ביקסן-קוילן, מינעס און יענע שרעקלעכע קוילעכלעך, ווי די אַנאַנאַסלעך — ווייסט שוין וועלכע.

אָ ס ב אָ ר ן: כ'ווייס.

ה אַ ר ד י: סוויש... סוויש... — טראַכן

אָ ס ב אָ ר ן: אָלרייט, אָלרייט, איך ווייס.

ה אַ ר ד י: נעכטן האָט מען אונז פּשוט שיעור נישט צע־בלאָזן אויף שטיקער. מינעס — אַזעלכע ריזיקע. אפשר אַ צוואַנציק שטיק. זענען דריי אַריין אין אונזער אָקאָפּע... כ'בין באמת צופרידן, וואָס דו ביסט איצט געקומען. כ'בין פּשוט נישט העפלעך צו דיר.

אָ ס ב אָ ר ן: האָט עס אַ גרויסן שאָדן אָנגעמאַכט?

ה אַ ר ד י: שרעקלעך. אַ שטיק ערד האָט זיך אַ ריס געטון פון דער אָקאָפּע און אַריינגעפאַלן אין עמעצנס טיי אַריין. מ'האָט זיך דעמאָלט שטאַרק געלאַנגווייליקט.

אָ ס ב אָ ר ן: כ'ווייס. נישטאָ קיין ערגערס, ווי בלאָטע אין טיי אַריין.

ה אַ ר ד י: אגב, ווייסטו, אַז דער גרויסער דייטשער אָנגריף ווערט דערוואַרט אַ ליאַדע טאָג?

אָ ס ב אָ ר ן: אַ גאַנצן חודש ריכט מען זיך שוין דערויף.

ה אַ ר ד י: יאָ, אָבער איצט האַלט עס שוין זייער נאָענט. עפּעס משונהדיקע זאַכן קומען פאָר אין באָשנלאַנד*). ביינאַכט, ווען ס'איז שטיל, בין איך געווען אין דרויסן און זיך צוגעהערט צום אַרום: ס'האַלטן אין איין אָנקומען נייע טראַנספּאָרטן, מער ווי שטענדיק. און ס'טראָגט זיך זייער געקלימפּער איבערן שאָסיי גאַנצע נעכט אַזוי. און די צוגן זייערע — סאַפּען אָפּ און לאָזן זיך צוריק אַוועק, איינער נאָכן צווייטן, איבערלאָזנדיק יעדעס מאָל מחנות, מחנות מענטשן...

אָ ס ב אָ ר ן: יאָ, ס'קומט אָן, און — גאָר גיך שוין.

ה אַ ר ד י: ביסטו געקומען אַהער אויף זעקס טעג?

אָ ס ב אָ ר ן: יאָ.

*) באָשנלאַנד — דייטשלאַנד. איבערזעצער.

האַרדי: אויב אַזוי, מיין איך, אַז דו וועסט נאָך כאַפּן אַ קויל גלייך אין קאַרק אַריין.

אָסבאָרן: לאָז אָפּ. קום, לאָמיר זיך אַביסל אַדורכגיין, דו ווילסט דאָך נישט זיין ווייט פונדאַנען. ווו איז די מאַפּע?

האַרדי: אָט איז זי (טאַפּט צווישן די צייטונגען אויפן טיש, און געפינט אַ צעריסענע מאַפּע). מיר האָבן דאָ אַ פראָנט־ליניע פון צוויי הונדערט יאַרד. מיר האָבן נאָרוואָס געקריגן אַהער אַ לואיס־האַרמאַט און אָט איז דער צווייטער, אין דער קליינער אונטערגראָבונג. דער וואַכמייסטער שיקט אַזעלכע, ווו נאָר אַ קרייצוועג איז פאַראַן.

אָסבאָרן: ווו שלאָפן דאָ די לייט?

האַרדי: כ׳ווייס נישט. דער סערזשאַנט־מאַיאָר, ווייזט אויס, שלאָפט דאָרט (ווייזט אָן אויף לינקס). די דינערס און די סיגנאַליסטן שלאָפן דאָרט. צוויי אָפיצירן דאָ און דריי — דאָרט (ווייזט אויפן רעכטן טונעל). דאָס איז דער סך־הכל פון די פינף אָפיצירן.

אָסבאָרן: מיר האָבן ביז יעצט געהאַט בלויז פיר, די נאַכט איז אָבער צוגעקומען אַ נייער. ער איז אָנגעקומען מיט דער טראַנספּאָרט־ליניע, ערשט מיט אַ טאָג אָדער צוויי צוריק.

האַרדי: כ׳גלויב, אַז איר האָט מער נחת פון אייערע, ווי איך פון מיין לעצטן אָפיציר. באַלד די ערשטע נאַכט האָט אים אַ קויל אַדורכגעשאָסן און ער איז אַוועק אַהיים. איצט האָט ער געקריגן אַ פּאָסטן: ער האַלט לעקציעס פאַר יונגע אָפיצירן וועגן „לעבן אויפן פראָנט״.

אָסבאָרן: יאָ. עפּעס שיקט מען היינט אַהער אַזעלכע משונהדיקע יונגעלייטלעך. איך מיין, אַז אונז איז בעסער — מיר קריגן דאָס יונגוואַרג גלייך פון שול. דאָס זענען די בעסטע סאָלדאַטן.

האַרדי: ריכטיק. איך בין אויך ביי דערזעלבער מיינונג.

אָסבאָרן: פינף בעטן, זאָגסטו? (ער באַטראַכט דאָס בעט, וואָס ער זיצט אויף דעם) איז דאָס שוין דאָס בעסטע?

האַרדי: אָ, ניין (ער ווייזט אויפן בעט אין רעכטן ווינקל). דאָס בעט איז מיינס. די בעטן אין דער צווייטער אָקאָפּע האָבן נישט געקריגן די אונטערטיילן, ליגסטו דאָרטן קוים איין, און פון ביידע זייטן הענגען דיר אַראָפּ די הענט און די פיס. אָבער צו־נידעריק טאָרסטו די פיס נישט אַראָפּלאָזן, — די שטשורעס וועלן דיר די שטיוול צעגריזשע

אָסבּאָרן: האָט איר דאָ אַ סך שטשורעס?

האַרדי: כ'וואָלט געזאָגט — גראָב גענומען — אַן ערך פון צוויי מיליאָן. אָבער פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב זיי נאָך נישט אַלע געזען (ער הייבט אָן אָנצוטון די שקאַרפּעטקע און אַרויפציען דעם שטיוול). גוט. און מער ווילסטו שוין גאָרנישט וויסן?

אָסבּאָרן: האָסט מיר נאָך גאָרנישט דערציילט.

האַרדי: אַדרבּא, וואָס ווילסטו נאָך וויסן?

אָסבּאָרן: יאָ, ווי האַלט עס מיטן טראַנספּאָרט-מאַגאַזין?

האַרדי: סאַראַ זשוואַווערדיקער זקן דו בּיסט עס. עמעצער וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דו בּיסט שוין אַמאָל געווען אין דער אַרמיי. (ער געפינט אַ צעריסן שטיקל צייטונג). אָט האָסטו: הונדערט און פופצן בּיקסן-קוילן... איך וואָלט זיי נישט בּאַנוצט, ווען כ'וואָלט געווען אויף דיין אָרט. זיי בּרענגען אום דעם דייטש און האַלטן אים אונטער אַ שטענדיקן אָנגריף. אַחוצדעם, זענען זיי בּכלל פאַרזשאַווערט. דערנאָך גייען פינף הונדערט מילימעטערדיקע בּאָמבּעס, פיר און דרייסיק גומענע שטיוול...

אָסבּאָרן: ס'הייסט זיבּעצן פּאָר...

האַרדי: אָ, ניין; פינף און צוואָנציק רעכטע און ניין לינקע... נאַ, זע. דאָ איז אַלץ פאַראַן. (דערלאַנגט אָסבּאָרנען די רשימה).

אָסבּאָרן: האָסטו אונטערגעשריבּן, ווען דו האָסט דאָס איבערגענומען?

האַרדי: ניין, כ'רעכן, דער סערזשאַנט-מאַיאָר האָט דאָס געטון. ס'איז אַלץ אין פולער אָרדנונג.

אָסבּאָרן: כ'גלייבּ, סטענהאָפּ וואָלט דיך געוואָלט זען, איידער דו גייסט אַוועק. ער האָט שטענדיק ליבּ צו רעדן מיט זיין קאָמאַנדיר, ווען יענער איז פריי.

האַרדי: וואָס מאַכט ער טאַקע, דער טייערער יונגער בּחור? טרינקט ער נאָך אַלץ ווי אַ פיש, פונקט ווי אַלעמאָל?

אָסבּאָרן: פאַרוואָס זאָגסטו עס אַזוי?

האַרדי: זאָל זיין, כאַפּט עס דער טייוול! ס'איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך אויסצופרעגן זיך וועגן סטענהאָפּן (ער רייסט איבּער און קוקט נייגיריק אויף אָסבּאָרן) ווײַלער, אָרעמער אַלטיטשקערן ס'איז דיר שוין געווים גוט צוגעגעסן צו זיין אין דער קאָמאַנדע דער צווייטער נאָך אים, און דו בּיסט דאָך אַזאַ שטילער, גוטער אַלטינקער.

אָסבּאָרן: ער איז די גאַנצע צייט דער בעסטער קאָמאַנדיר, וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט.

האַרדי: אָ, כ׳ווייס, ער איז אַ ווילער יונג. כ׳האָב נאָך אָבער קיינמאָל נישט געזען, אַ יונגערמאַן זאָל עס אַריינגעמען אין זיך אַזויפיל וויסקי, ווי ער. ווייסט דאָך, לעצטנס זענען מיר געווען אויף אָפּרו אין וואַלנס; איז ער געקומען צו אונז אויף אָוונטברויט און דער-ביי אויסגעטרונקען אַ גאַנץ פלעשל אין אַ שעה מיט פערצן מינוט, — מיר האָבן ריכטיק אויסגערעכנט.

אָסבּאָרן: כ׳רעכן, אַז ס׳האָט אוודאי אַלעמען אַמוזירט, און יעדער האָט אים באַגריסט און באַוואונדערט זיין קונץ.

האַרדי: ער האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט, מ׳זאָל זיך אַזוי פריי-ען מיט אים...

אָסבּאָרן: מעגלעך, אָבער יעדער איינער האָט געווים גע-האַלטן, אַז דאָס איז אַ גרויסע זאַך (פּויזע). נישט אמת?

האַרדי: ריכטיק. קענסט נישט בלייבן גלייכגילטיק, נעמען דעם הוט און זיך אַהיימגיין, נישט באַוואונדערנדיק אַ גוטן ברודער, וואָס קען אַזעלכעס באַווייזן.

אָסבּאָרן: ווען אַזאַ בחור ווי סטענהאָפּ באַקומט דאָ אַ שם פאַר אַ טרינקער, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק אויסטערליש-קייט, כאַטש נעם און שטעל אים אַרוים פאַר אַ שיינדל. יעדער וועט זיך לאָזן קאָסטן אַ גאַנצע פלאַש וויסקי, צוליב דער קרענקלעכער נייגעריקייט צו זען אים טרינקען.

האַרדי: ביסט גערעכט, אַזוי איז עס טאַקע. איר דאַרפט אים דאָרט, למען השם, אַריינלייגן אין בעט אַריין, ווי נאָר ער קומט אַהיים.

אָסבּאָרן: ס׳דערמאָנט דיר גיכער אין צערייצטע בערן אָדער אין אַ פּאָר הענער, וואָס שלאָגן זיך — דאָס זיצן און אַכטונג געבן אויף אַ בחור, וואָס טרינקט אַזוי אָן אַ זינען.

האַרדי: גייט עס צום טייוול! ס׳איז געגוג נודנע, אָן אַ שום אינטערעס, צוזאַמענצולעבן זיך מיט אַזעלכע מענטשן. איך מיין, אַז באמת איז סטענהאָפּ זייער מאָדנע. ס׳איז גאַנץ היימלעך צו זען אַ חברה-מאַן טרינקען ווי ער טוט דאָס — גלאָז נאָך גלאָז. און נאָך זיין לעצטן אָפּשיד גייט ער נאָכנישט אַזוי גיך אַהיים, נישט אמת?

אָסבּאָרן: געווים.

האַרדי: כ׳רעכן, אַז ס׳פאַלט אים גאָרנישט איין, אַז ער

קען אין אזא מצב באַגעגענען זיין טאטן (פויזע). ווייסט, זיין פֿאָטער איז אַ גלח אין אַ דאָרף?

אָסבאָרן: כ'ווייס.

האַרדי: (לאַכנדיק) שטעל זיך פֿאָר, ווי סטענהאָפּ פֿאַרברענגט זיין פרייע צייט אין זיין פֿאָטערס גלחישן גוט, זופנדיק טיין — ס'זעט אוים אביסל מאָדנע... דעם לעצטן אורלויב זיינעם האָט ער פֿאַרבראַכט אין פּאַריז, ווייסט?

אָסבאָרן: יאָ.

האַרדי: איך וועט זיך מיט דיר, אַז ער האָט דאָרט שוין איינמאָל גוט אַ לעב געטון.

אָסבאָרן: ווייסט אפשר, ווי לאַנג ער איז שוין דאָ?

האַרדי: אָ, יאָ — אַ שיין שטיקל צייט.

אָסבאָרן: כמעט דריי יאָר. געקומען גלייך פֿון שול, דאַמאָלסט איז ער אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. די אָפּטיילונג זיינע האָט ער אָנגעפירט אַ יאָר צייט אין און אויסער דער פּאָזיציע. ער האָט נאָך גאָרנישט געהאַט קיין רו. אַנדערע לייט קומען אָן און גייען באַלד אהיים פֿאַרוואונדעטע אָדער קראַנקע, און דער יונגער סטענהאָפּ שטעקט דאָ כסדר, חודש-איין, חודש-אויס.

האַרדי: אָ, כ'קען אים, ער איז אַ גוטער פֿריילעכער חבר.

אָסבאָרן: כ'זע אים כסדר גאַנצע טעג ליגן אין אָקאָפּעפּיבער און ביינאַכט — אויספירנדיק זיינע פליכטן.

האַרדי: אָ, כ'ווייס; ר'איז אַ ווילער יונגן

אָסבאָרן: ער איז אָבער אריינגעטון ביז איבערן קאָפּ אין טרינקען, אַז עס צעשרויפט אים ממש די נערוון און אַלע רופן אים שיכור.

האַרדי: שיכור, זאָגסטו? — אַן אמתער זויפערן וועגן זיינע נערוון, ביסטו זייער גערעכט. זיי זענען אים תמיד אין אַ צעהיצטן צושטאַנד. ביים לעצטן אָפּרו אונזערן, ווען מיר האָבן געשפּילט אין „ברידזש", איז עפּעס געשען — כ'געדענק שוין נישט, וואָס אַזוינס איז עס געווען. ס'אָבער פֿאַרבליבן אין זכרון אַ נאַרישער קליינער פֿאַל: פּלוצלינג האָט ער געטון אַ שפּרונג און אָראָפּגעשליידערט אַלע גלעזער פֿונם טיש ער האָט פּשוט פֿאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך. דערנאָך איז ער ווי אַרויס פֿון די כלים, צוגעקומען און זיך צעשריגן...

אָסבאָרן: יאָ, כ'ווייס עס.

האַרדי: האָסטו עס שוין געהערט?

אָסבאָרן: ער האָט עס מיר אַליין דערציילט.

האַרדי: טאַקע? מיר האָבן געפּרוווט פאַרייבן דעם גאַנצן ענין. דאָס באַווייזט דייטלעך, אין וואָס פאַר אַ מצב ער געפינט זיך.

(הייבט אויף און נעמט אויף זיך די זאַכן. פּויזע.) ווייסט, אָסבאָרן, דו מוזט איצט ווערן קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג.

אָסבאָרן: נאַרישקייטן!

האַרדי: דו מוזט אומבאַדינגט. ס'איז פאַר אַלעמען בולט. איך ווייס, ער וואָלט באַדאַרפט דערווייטערט ווערן פונדאַנען. אָבער, צו אַלדע טייוול, מענטש, דו ביסט דאָך צוויי מאָל אַזוי פיל עלטער פון אים און באַרעכן נאָר, וואָס פאַר אַ טייערער, בעל-שכלדיקער זקן דו ביסט.

אָסבאָרן: זיי נישט קיין אייזל. ער איז שוין דאָ געוועזן נאָך איידער איך בין אַהער צוגעשיקט געוואָרן. בלויז זיין דערפאַרונג אַליין גיט אים שוין צו אַזאַ חשיבות, ווי אַ טוץ מענטשן ווי איך.

האַרדי: פונדעסטוועגן פאַרשטייסטו אַזוי גוט ווי איך, אַז דו מוזט זיין אין דער קאָמאַנדע.

אָסבאָרן: ס'איז קיינער נישטאָ, וואָס וואָלט אים געקאָנט עפּעס פאָרוואַרפן אין זיין אַרבעט אַלס קאָמאַנדיר. ער וועט נאָך אַמאָל אָנפירן מיט אַ גאַנצן באַטאַליאָן, אויב...

האַרדי: יאָ, אויב! (לאַכט).

אָסבאָרן: דו קענסט אים נישט אַזוי ווי איך. איך האָב אים שטאַרק ליב, דעם חברה-מאַן. אין גיהנום אַריין וואָלט איך מיט אים גיין.

האַרדי: אָ, דו אַלטער, זיסער, סענטימענטאַלער טייערינקער!

אָסבאָרן: קום, לאָמיר גיין אַביסל. ענדיק דיין אַרבעט און ווער אַביסל לעבעדיקער.

האַרדי: אַז ס'איז נישטאָ עפּעס אַנדערש צו טון.

אָסאָרן: ווי האַלטסטו מיט דיין נאָטיץ-ביכל?

האַרדי: גאָט, וואָס פאַר אַ מייסטער דו ביסטן זייער גוט. אָט איז עס (ער געפינט אַן אַרומגעריסן ביכעלע צווישן די צייטונגען אויפן טיש). פאַרשריבן פונקט ביז היינטיקן טאָג. אָט איז מיין לעצטער אַריינשרייב: „פינף נאָכמיטאָג ביז אַכט נאָכמיטאָג. אַלץ איז רויק. דייטשער לופטפליער געפלויגן איבער די טראַנשייען. געשאָסן אַ שטשור."

אָסבאָרן: טאַקע באמת?

האַרדי: ניין, דעם שטשור האָב איך געשאָסן, אייזל דו. נו, טרינק אויס די וויסקי, כ׳וויל פֿאַרפּאַקן מיין קוועדטל. כ׳וועל דיר איבערלאָזן אַביסל אין פֿלאַש.

אָסבאָרן: אַ דאַנק (טרינקט אויס זיין וויסקי און דערלאַנגט האַרדין דאָס קווערטל).

האַרדי: (אַריינשטעקנדיק דאָס קווערטל אין פּעקל) כ׳גיי.

אָסבאָרן: גייסטו נישט אָפּוואַרטן און באַזוכן סטענהאָפּן?

האַרדי: ניין, כ׳וויל זיך נישט זען מיט אים. ער איז אַזוי רירעוודיק און גייט כסדר אַרום ביי די טראַנשייען. זיי מוזן איצט אוודאי זיין זייער בלאָטיק, און אויב ער וועט מיך נאָר פּאַקן, וועט ער שוין אָפּרעדן גאַנצע שעהן. (ער נעמט דעם פּאַק אויף די אַקסלען, הענגט אָן זיין גאַז־מאַסקע, די שאַכטלען פון דער מאַפּע, קאָמפּאַס און לאָרנעטע, ביז ער זעט אויס ווי אַ רייזע־פּעדלער). (אָנטוענדיק) גוט, כ׳האָף, אַז דו וועסט דאָ האָבן גלענצנדיקע זעקס טעג. פאַרגעס נישט איבערצוטון זיך די בגדים, ווען זיי וועלן ווערן נאַס.

אָסבאָרן: ניין, פּאַפּאַ.

האַרדי: און פאַרגעס אויך נישט אָן גרויסן אָנגריף.

אָסבאָרן: אָ, גאָטן ניין, כ׳טאָר עס נישט פאַרגעסן. כ׳וועל זיך עס פאַרצייכענען אין מיין טאָגביכל.

האַרדי: (שוין אינגאַנצן אָנגעטון) פּאַרטיקו! זע איך עפּעס אויס ווי אַ שטיקל סאָלדאַט?

אָסבאָרן: יאָ, כ׳וואָלט זיך זיכער דערשראָקן, ווען איך וואָלט געווען אַ דייטש און וואָלט דיך באַגעגנט, ווי דו קומסט אָן פון ערגעץ אַ ווינקל.

האַרדי: יאָ, כ׳בין אויך זיכער, אַז דו וואָלסט געכאַפּט אַ ציטער.

אָסבאָרן: כ׳וואָלט אַזש נישט געקאָנט אַנטלויפן פון געלעכטער...

האַרדי: נו, זיי נישט אַזוי נאַריש. (ער בויגט זיך איין צו פאַרזיכערן אַ פּאַפּיראָס ביי אַ ליכט און קוקט אַראָפּ אויפן טיש). כ׳בין אַ פאַרשאָלטענער. שטענדיק אַלץ ביים אייגענעם.

אָסבאָרן: וואָס איז?

האַרדי: זעסט דאָס זשוקעלע? שוין פון טיי-שעה אָן האַלט עס אין איין פליען אַרום און אַרום דעם ליכט. אוודאי אַ מייל שוין אַדורכגעמאַכט.

אָסבּאָרן: איך וואָלט דאָ נישט געוואָלט זיין, ווען איך וואָלט געווען א זשוקל.

האַרדי: איך אויך נישט. נו, מ׳דאַרף אהיימגיין. האָסטו שוין געשפּילט אַמאָל אין געיעגן פון אוונט-זשוקלעך?

אָסבּאָרן: ניין.

האַרדי: אַן אינטערעסאַנטע שפּיל. מיר פלעגן אין דעם שפּילן יעדן אוונט.

אָסבּאָרן: וואָסערע כּללים זענען דאָ פאַראַן?

האַרדי: ס׳איז אַזוי: יעדער איינער האָט א זשוקל — און לאָזט עס אָפּ אויף א גלייכער שורה. ביים וואָרט „גיי" טוסטו עס א שנעל אין א זייט און פּירסט עס אַרום מיט א שוועבעלע איבערן טיש. די לעצטע נאַכט האָב איך דערביי געוואונען צען פראַנק. ס׳איז געווען אַן אויסגעצייכנטע שפּיל... וועסט קריגן טרינק-געלט.

אָסבּאָרן: וואָס עפּעס?

האַרדי: זאָגסטו מיר צו, אַז ס׳וועט בלייבן צווישן אונז בּסוד?

אָסבּאָרן: יאָ.

האַרדי: און אויב דו ווילסט באַקומען דעם בעסטן גאַנג פון אַזא זשוקל, טונק עס איין פריער אין וויסקי, — וועט עס לויפן, ווי דער טייוול וואָלט עס געטראָגן!

אָסבּאָרן: זייער פיין. כ׳דאַנק דיר ביז גאָר.

האַרדי: גוט. כ׳מוז גיין. בּראַוואָ!

אָסבּאָרן: בּראַוואָ!

האַרדי: (גייט אַרויס דורך די שמאָלע טרעפּלעך, צוזינגענדיק זיך ווייך און צופרידן):

„איינס און צוויי — מיט מאָוד און לוי;
דריי און פיר — צוויי מיידלעך מער..."

(די ווערטער ווערן פאַרזונקען אין דער נאַכט).

אָסבּאָרן: (הייבט אויף פון דער פּאָדלאָגע זיין פּאַק און לייגט אים אַוועק אויפן בעט ביים טיש. בעת ער איז פאַרנומען, קומט אַרויס פון טונעל ליגקס דער קיכער מיט א טישטוך אויפן האַנט און א טעלער, אויף וועלכן ס׳ליגט א האַלב לעבל ברויט).

מייסן: אַנטשולדיקט, הער. קען איך גרייטן צום אוונט-ברויט?

אָסבאָרן: יאָ, אדרבא (ער ראַמט אַראָפּ פון טיש די צייטונגען און לייגט זיי אַנידער אויפן בעט).

מייסן: אַ דאַנק, הער (ער גרייט צום טיש).

אָסבאָרן: מיט וואָס ווילסטו אונז היינט מכבד זיין, מייסן?

מייסן: מיט זופּ, הער, מיט קאָטלעטן און אַנאַנאַסן.

אָסבאָרן: (מיט חשד) קאָטלעטן?

מייסן: יאָ, הער, יאָ, — קאָטלעטן.

אָסבאָרן: וואָס פאַר אַ קאָטלעטן?

מייסן: איר האָט מיך איצט געפּאַקט, הער. כ׳וואָלט זיך נישט געוואָלט צו־שטאַרק קאָמפּראָמיטירן, הער.

אָסבאָרן: אַ געוויינטלעכע פּאָרציע פליי'ש?

מייסן: יאָ, הער, אַ געוויינטלעכע פּאָרציע פלייש, נאָר דאָך אַביסל אַנדערש. ס׳שמעקט ווי לעבער, הער. אפילו נישט די אייגענע גלאַטקייט, אָבער ס׳האָט אינגאַנצן דעם אויסזען און פייכטקייט פון לעבער (פאַרלאָזט די אָקאָפּע).

אָסבאָרן: (זעצט זיך צום טיש און באַטראַכט די מאַפּע. פון איבער דער אָקאָפּע הערן זיך קולות. אַ שטרענגע שטים רופט אויס: „דאָס איז די הויפּט־קוואַרטיר פון דער אָפּטיילונג „צ״ — הער!״ אַ יינגלשער קול ענטפערט: „אָ, אַ דאַנק״. פּויזע. דערנאָך ווידער די שטרענגע שטים: „גייט בעסער אַראָפּ, הער!״ דאָס יונגלשע קול ענטפערט: „יאָ, גלייך!״ — אַן אָפיציר קומט אַראָפּ פון די טרעפּלעך, טאַפּנדיק אין דער טונקלקייט און בלייבט שטיין אין ליכט־שיין. ער קוקט זיך ארום, אביסל צעטומלט. אַ גוט־געבויטער בחור, זעט אויס געזונט און בערך פון אַ יאָר אַכצן. אָנגעטון אין אַ גאַנץ־נייעם אוניפאָרם פון אַ צווייטן לייטענאַנט).

אָסבאָרן: (קוקט ארויס פון דער מאַפּע, פאַרווונדערט און פאַרינטערעסירט צו זען דאָ אַ פרעמדן) העלאָ!

ראַליי: גוטן אָוונט (באמערקט אָסבאָרנס גרויע האָר און גייט צו), הערן!

אָסבאָרן: זענט איר דער נייער אָפיציר?

ראַליי: אָ, יאָ. כ׳בין געווען אין באַטאַליאָן־הויפּטקוואַרטיר, האָט מען מיך געהייסן זיך ווענדן אַהער.

אָסבאָרן: גוט. מיר האָבן אייך דערוואַרט. זעצט אייך.

ראַליי: אַ דאַנק (זעצט זיך, אביסל זשעני׳רט, קעגנאיבער אָסבאָרן).

אָסבאָרן: כ׳וואָלט גערן אַראָפּגענומען אייער פּאַק.

ראַליי: אָ, גערעכט (רוקט אראָפּ זיין פּאַק פון די אַקסלען).

אָסבּאָרן: ווילט איר אפשר אַ טרונק?
ראַליי: זייער גוט.
אָסבּאָרן: טרינקט איר נישט קיין וויסקי?
ראַליי: אָ, יאָ, יאָ, אַ קליין ביסעלע, הער.
אָסבּאָרן: (גיסט אַריין אַ קליין ביסל וויסקי און גיט צו וואסער) די וויסקי נעמט אַרוים דעם גאַנצן געשמאַק פונם וואַסער...
ראַליי: אַזוי גאָר? (רייסט איבער און לאַכט נערוועז).
אָסבּאָרן: און דאָס וואַסער פירט איבער דעם געשמאַק פון וויסקי (דערלאנגט ראַלייען די משקה). קומט איר יעצט נאָרוואָס פון ענגלאַנד?
ראַליי: יאָ. ערשט מיט אַ וואָך צוריק אויסגעשטיגן פון שיף.
אָסבּאָרן: אין בולאָן?
ראַליי: יאָ. (פויזע. דערנאָך רייסט ער איבער בכיוון דאָס טרינקען). דאָ זעט אוים צו זיין זייער גוט, הער.
אָסבּאָרן: (טוט אַ טרונק) אַ וויל אָרט דאָ. (נעמט אַרוים אַ פּאַפּיראָסן־פּושקע) אַ פּאַפּיראָס אפשר?
ראַליי: אַ דאַנק.
אָסבּאָרן: (בויגט אָן אַ פלאַש צו ראַליי, ער זאָל פארויכערן ביי דער ליכט אַ פּאַפּיראָס). זענט איר שוין געוועז אַמאָל אויפן פראָנט?
ראַליי: אָ, ניין. סוף זומער האָב איך ערשט פארלאָזט די שול.
אָסבּאָרן: כ׳גלויב, עס זעט אייך דאָ אוים אביסל משונהדיק.
ראַליי: (לאַכנדיק) יאָ, אַביסל.
אָסבּאָרן: איך הייס אָסבּאָרן. כ׳בין דער צווייטער אין דער קאָמאַנדע־אָפּטיילונג. איר אַליין רופט מיך אין קעגנוואַרט פון אַנדערע — „הער״.
ראַליי: יאָ, כ׳פארשטיי. אַ דאַנק.
אָסבּאָרן: איר וועט נאָך באַמערקן, אַז די איבעריקע אָפיצירן רופן מיך „פעטערל״.
ראַליי: אַזוי גאָר? (ער שמייכלט).
אָסבּאָרן: ווי הייסט איר?
ראַליי: ראַליי.

אַסבאַרן: איך האָב געקאַנט אַמאָל אַ ראַליי. אַ לערער אין ראַגבי.

ראַליי: טאַקע? איז ער געווים מיינער אַ קרוב, ווער ווייס. איך פאַרמאָג אַ היפּש ביסל פעטערס און — נאָך אַזעלכע קרובים.

אַסבאַרן: מיר האָבן זיך נאָרוואָס אַריינגעצויגן אין די דאָזיקע טראַנשייען. קאַפּיטאַן סטענהאָפּ קאָמאַנדירט אונזער אָפּטיילונג.

ראַליי: (פלוצלינג אויפגעהייטערט) וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל דאָס איז.

אַסבאַרן: וואָס עפּעס? קענט איר אים דען?

ראַליי: אָ, כ'קען אים זייער גוט! מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין איין שול, די לעצטע יאָרן, פאַרשטייט זיך. איך בין נאָך געווען אַ קליינער יאַט, בעת ער איז שוין געווען איינער פון די גרויסע בחורים. ער איז מיט דריי יאָר עלטער פון מיר. (פּויזע).

אַסבאַרן: (זעט אויס, ווי ער וואָלט וואַרטן, ראַליי זאָל פאַרזעצן, ענדלעך רופט ער זיך פלוצלינג אָפּ) איצט איז ער ווייט אויף דער ליניע, ווו ער זוכט אַביסל אָפּרו (ווידער פּויזע). ער איז אַן אויסגעצייכנטער גוטער-ברודער.

ראַליי: טאַקע אמת? ער איז געווען אַ שפּרינגער פון „ראַדזשער" אין בערפאָרד, און שטענדיק האָט ער פאַרכאַפּט דאָס טירל פריער פון אַלע עלף שפּילער. אַ פּריילעכער, גוטער שפּילערן

אַסבאַרן: האָט איר געשפּילט אַמאָל אין ראַדזשער און קריקעט?

ראַליי: אָ, יאָ. פאַרשטייט זיך, אַז כ'בין נישט געווען אין זעלבן קלאַס, ווי דענים. הערט, איך מיין, אַז כ'וועל אים דאָ מוזן רופן קאַפּיטאַן סטענהאָפּ, ניין?

אַסבאַרן: בלויז „סטענהאָפּ".

ראַליי: כ'פאַרשטיי, אַ דאַנק.

אַסבאַרן: צי האָט איר עפּעס אויסצייכנונגען?

ראַליי: יאָ, כ'האָב געקריגן, אָבער בלויז פאַר ראַדזשער, נישט פאַר קריקעט.

אַסבאַרן: ראַדזשער און קריקעט זענען גאַנץ אַנדערש, ווי אונזערע שפּילן דאָ.

ראַליי: (לאַכנדיק) נו, יאָ, פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען אַנדערש.

אָסבּאָרן: ווען מיר געפינען זיך הינטער דער פּאָזיציע, שפּילן מיר דאָ אין סאָקער.

ראַליי: גאַנץ פיין.

אָסבּאָרן: (פאַרטראַכט) אַזוי, זענט איר, הייסט עס, געווען אין איין שול מיט סטענהאָפּן (פויזע) אינטערעסאַנט, צי ער וועט אייך דערקענען. כ׳גלויב, אַז איר זענט שוין אין די דריי יאָר אַ שפּאָר ביסל אונטערגעוואַקסן.

אָסבּאָרן: אָ, כ׳רעכן, ער וועט מיך דערקענען (ער רייסט איבער און זעצט ווייטער פּאַר שווער, אומגעשיקט). איר פאַרשטייט, ס׳איז נישט בלויז דאָס, וואָס מיר זענען געווען אין איין שול; אונזערע פאָטערס זענען זיך געווען גאַנץ נאָענטע פריינט, און יום-טוב-צייט פלעגט דענים שטענדיק קומען צו אונז, און מיר פלעגן צוזאַמען פאַרברענגען. פאַרשטייט זיך, אַז אין שול האָבן מיר זיך נישט אַזוי אָפט געזען, נאָר בלויז אין די ימים-טובים פלעגן מיר זיין שטאַרק אויפגעטראָגן צוזאַמען.

אָסבּאָרן: ער איז זייער אַ גוטער קאָמאַנדיר.

ראַליי: יאָ, כ׳מיין אויך אַזוי. לעצטנס, ווען ער איז געווען אויף אורלויב, איז ער אַראָפּגעקומען צו אונז אין שול. ער האָט דאַן נאָרוואָס געקריגן זיין מיליטערישן קרייץ און געוואָרן קאַפּיטאַן. ער האָט דאַר אויסגעזען פּרעכטיק. דאָס האָט מיך פּשוט איבערראַשט און אַרויסגעבראַכט פון די כלים...

אָסבּאָרן: אַזוי שטאַרק?

ראַליי: יאָ, אַזוי שטאַרק, אַז איך בין אַזש געקומען אַהער, איך האָב שרעקלעך געגאַרט אָנצוקומען אין דעניסעס פּולק. כ׳האָב גערעכנט, אפשר וועט זיך מאַכן אַ גליקלעכער צופאַל און כ׳וועל אָנקומען כאָטש אין זעלבן באַטאַליאָן.

אָסבּאָרן: ס׳איז טאַקע אַ זעלטנהייט פּונקט צו טרעפן אין דער אייגענער אָפּטיילונג.

ראַליי: כ׳ווייס, ס׳אַ ווונדערלעכער, גליקלעכער צופאַל. ווען איך בין געווען אין שטאַב, האָב איך אויפגעטון אַ גרויסע זאַך. איר ווייסט אפשר, מיינער אַ פעטער איז דאָרט אין שטאַב... ער באַשטימט דאָרט די אָפיצירן פאַר די באַזונדערע פּולקן...

אָסבּאָרן: גענעראַל ראַליי?

ראַליי: יאָ. בין איך געקומען צו אים בסוד און געפרעגט אים, צי וואָלט ער מיך נישט געקאָנט אָפּשיקן אין דאָזיקן באַטאַליאָן. ער האָט מיך גוטמוטיק אונטערגעקלאַפּט דעם קין און מיך

געפרעגט, צי כ'נעם זיך אונטער, כ'זאָל דאָרט ווערן באַהאַנדלט ווי יעדער איינער...

אָסבאָרן: אַזוי גאָר?

ראַליי: ...און באַלד אויפצומאָרגנס האָב איך מיך דער־ווּסט, אַז איך בין טאַקע צוגעטיילט געוואָרן צו דעם באַטאַליאָן.

אָסבאָרן: באמת אַן אויסערגעוויינטלעכער צוזאַמענטרעף פון אומשטענדן.

ראַליי: און ווען כ'בין געקומען אין דער באַטאַליאָן-הויפּט-קוואַרטיר, און דער קאָלאָנעל האָט מיך אָפּגעשיקט צו דער אָפּ־טיילונג „צ", האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט און פשוט געפילט זיך גליקלעך. כ'רעכן, אַז דעניס וועט זיין שטאַרק איבעראַשט צו זען מיך דאָ. אגב, האָב איך מיט זיך עפּעס אַ ידיעה פאַר אים.

אָסבאָרן: פונם קאָלאָנעל?

ראַליי: ניין, פון מיין שוועסטער.

אָסבאָרן: פון אייער שוועסטער?

ראַליי: יאָ. איר ווייסט, דעניס פלעגט זיך שטענדיק אָפּ־שטעלן ביי אונז און מיין שוועסטער, נאַטירלעך... (ער קווענקלט זיך) נו, אפשר איז עס נישט נויטיק...

אָסבאָרן: אַלרייט. כ'האָב ווירקלעך גאָרנישט געוווּסט, אַז סטענהאָפּ...

ראַליי: ניין... זיי זענען נישט... אָפיציעל פאַרהייראַט...

אָסבאָרן: ניין?

ראַליי: זי וועט שטאַרק צופרידן זיין, וואָס איך בין צו־זאַמען מיט אים. כ'וועל איר איצט קענען אַרויסשרייבן און דער־ציילן אַלץ וועגן אים. ער רעדט נישט קיין סך אין זיינע בריוו. קען מען דאָ אָפט שרייבן?

אָסבאָרן: אָ, יאָ. דאָ נעמט מען צונויף די בריוו יעדן טאָג (פּויזע).

ראַליי: ווי מיינט איר, וועט דעניס זיך אָנשטויסן, וואָס עס האָט מיך געצווּנגען צו קומען אין זיין אָפּטיילונג? איך האָב דערפון נאָך קיינמאָל נישט געטראַכט. כ'בין געווען אַזוי איבעראַשט.

אָסבאָרן: פאַרשטייט זיך, אַז ניין, ער וועט נישט וויסן (פּויזע). זאָגט נאָר, איז שוין... איז שוין לאַנג, זינט איר האָט אים געזען?

ראַליי: באַלד וועל איך זיך דערמאָנען. דאָס איז געווען פאַראַיאָרן זומער... יאָ, שוין כמעט אַ יאָר.

אָסבאָרן: איר דארפט זיך נישט ריכטן, ראליי, צו טרעפן אים אזא רויקן, ווי שטענדיק.

ראליי פארוואס עפעס?

אָסבאָרן: איר דארפט וויסן, אז ער איז שוין דאָ א לאנגע צייט — און דאָס ווירקט אויף א מענטש גיכער שלעכט, ווי גוט.

ראליי: (פארטראכט) יאָ, פארשטייט זיך. כ׳ירעבן אויך אזוי.

אָסבאָרן: איר וועט זיכער אויסגעפינען, אז ער... אז ער פארמאָגט א היציקן כאראקטער.

ראליי: (לאכנדיק) אָ, איך קען גוט דעם אלטן דעניסעס כאראקטערן כ׳געדענק איינמאל אין שול, ווי ער האָט געפאקט אין קאבינעט עטלעכע חברה־לייט מיט א פלאש וויסקי. גאָט מיינערן וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטון. מ׳האָט די גאנצע שטוב איבער־געקערט. ער האָט יעדן איינציקן מכבד געווען מיט א טוץ קלעפּ פון א קריקעט־שטעקן.

אָסבאָרן: (לאכט).

ראליי: ער איז דעמאָלט געווען שטארק אויפגעבראכט אויף דער גאנצער חברה, וואָס זיי האָבן זיך אזוינס דערלויבט דאָרט, ווו ער דארף האַלטן אָרדנונג. ער איז אויך געווען א געוואלטיקער קעגנער פון רויכערן — און נאָך אזעלכע זאכן.

אָסבאָרן: איר מוזט געדענקען, אז ער פירט אָן מיט אונזער אָפּטיילונג שוין פון א לענגערער צייט און האָט שוין דאָ אדורכגעמאכט אלערליי ביטערע צייטן. דאָס איז — דאָס איז א גרויסע גבורה פון א מענטשן.

ראליי: יאָ, יאָ, געוויס.

אָסבאָרן: אויב איר וועט באמערקן ביי אים עפּעס א שינוי, זאָלט איר וויסן, אז דאָס איז בלויז פון שווערער אָנגעשטרענגטקייט...

ראליי: אָ, יאָ.

אָסבאָרן: (כאפּט זיך אויף און רעדט שנעל) איצט, לאָמיר זען. מר האָבן דאָ פינף בעטן — פּאָר יעדן איינע. צוויי דאָ און דריי אין יענער אָקאָפּע. כ׳האָב נאָר מורא, איר וועט דארפן ווארטן, ביז די איבעריקע וועלן קומען און אויסקלייבן זיך געלעגערס.

ראליי: גערעכט.

אָסבאָרן: האָט איר באקומען א קאָלדרע?

ראליי: יאָ, זי ליגט אין מיין פּאַק (הויבט זיך אויף צו נע־מען אים).

אָסבאָרן: וואַרט בעסער מיטן אויפּפּאַקן, ביז איר וועט שוין וויסן, ווו איר וועט שלאָפן.

ראַליי: ריכטיק (זעצט זיך צוריק אַנידער).

אָסבאָרן: אויף דער פּאָזיציע טוען מיר זיך קיינמאָל נישט אויס. איר קענט אַפילו אויסטון יעצט די שטיוול און ביי־טאָג נאָכאַמאָל. גלייכער אָבער — שטענדיק צו זיין אָנגעטון און גרייט.

ראַליי כ'פאַרשטיי, אַ דאַנק.

אָסבאָרן: ווייזט אויס, אַז צו דריי שעה וועט יעדער פון אונז האָבן דינסט און נאָכדעם זעקס שעה פריי. אויף דער וואַך גייען מיר אַלע פּעסט און מונטער. אַזוי סיי באַגינען, סיי פאַרנאַכט.

ראַליי: נו, יאָ.

אָסבאָרן: כ'גלייב, אַז די ערשטע צייט וועט אייך סטענ־האָפּ שיקן אויף דינסט צוזאַמען מיט איינעם פון אונז — ביז איר וועט זיך צוגעוווינען דערצו. (פּויזע).

ראַליי: (דרייט זיך אויס און קוקט נייגעריק אויף די טרעפּ־לעך, וואָס פירן אין דער נאַכט אַריין) זענען מיר דאָ אויף דער פּאָזיציע?

אָסבאָרן: ניין, דאָ איז די שוץ־ליניע. די אמתע פּאָזיציע איז ווייט פונדאַנען אַ פופציק יאַרד.

ראַליי: ווי שרעקלעך רויק דאָ איזן

אָסבאָרן: דאָ איז אָפט אַזוי שטיל, ווי איצט.

ראַליי: און איך האָב געקלערט, אַז דאָ מוז שטענדיק זיין אַ שרעקלעכער גערויש.

אָסבאָרן: ס'רוב מענטשן מיינען אַזוי (פּויזע).

ראַליי: כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געקענט אַזאַ שטיל־קייט, ווי דאָ אין די טראַנשייען. צייטנווייז הערט מען בלויז אַ ביקסן־שיסעריי, ווי אויפן שלאַכטפעלד ביי ביסלי און אַ פּאַרדומפּע־נעם אָפּקלאַנג פונדערווייט.

אָסבאָרן: דאָס זענען די האַרמאַטן צו צפון צו — צום ווייפּער־וועג. אַהין גייען שטענדיק די האַרמאַטן. ס'איז קיינמאָל נישט אַזוי שטיל, ווי דאַסמאָל. (פּויזע). כ'מיין, אַז דאָ קומט אייך אַלץ אויס אַזוי מאָדנע.

ראַליי: נישט דאָס האָב איך געטראַכט. כ'האָב געמיינט, אַז די רויקייט בלויז זעט דאָ אויס אַזוי משונהדיק.

אָסבאָרן: אַ הונדערט יאַרד פונדאַנען זיצן זיך די דייטשן

אין זייערע אָקאָפּעס און טראַכטן אויך אוודאי. ווי שטיל און רויק עס איז.

ראַלִיי: זענען זיי טאַקע אַזוי נאָענט, ווי איר זאָגט?

אָסבאָרן: אַן ערך פון הונדערט יאַרד.

ראַלִיי: ס׳זעט עפּעס אויס אוממעגלעך. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר — אַז מיר אַלע דערוואַרטן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך.

אָסבאָרן: בכלל, דערוואַרטן מיר טאַקע איצט אַ וויכטיקע זאַך. דאָ, אַז ס׳געשעט עפּעס, קומט עס שנעל. און דערנאָך, דערנאָך וואַרט מען ווידער אויף עפּעס נייעס.

ראַלִיי: כ׳וואָלט זיך קיינמאָל נישט גערעכט, אַז דאָ זאָל אַזוי זיין.

אָסבאָרן: איר האָט אוודאי געמיינט, אַז דאָ האַלט מען זיך כסדר אין איין שלאָגן.

ראַלִיי: (לאַכנדיק) יאָ, אַזוי האָב איך טאַקע געמיינט.

אָסבאָרן: (פּיפּקעט די לולקע. אַ קורצע ווײַלע שטיל) צי זענט איר געקומען אַהער דורך די טראַנשייען, צי דורך די בערגלעך אויבן?

ראַלִיי: דורך די טראַנשייען. זיי זענען זייער אינטערעסאַנט: דרייען זיך און שלענגלען זיך גאַנצע מײַלן אַזוי, איבערן גאַנצן שלאַכטפעלד.

אָסבאָרן: דאָס אָרט רופט זיך לאַנסערס אַלייע.

ראַלִיי: טאַקע? אַ זייער משונהדיקן וועג מאַכן זיי אַדורך, די טראַנשייען. צום אָנהויב אין אַ חרובדיק דערפל, עטלעכע טרעפּלעך אַראָפּ-צו, אין אַ קעלער אַריין; דערנאָך גלייך אונטערן הויז און דורך אַ שטיקל גאָרטן; שפּעטער אונטער דער גאָרטן-וואַנט און ווייטער לענגאויס אַ רואינירטן ריזיקן פאַבריק-פּלאַץ און אַזוי כסדר, מײַלן און מײַלן פון פּליינען, מיט יענע גרינע פּלעמלעך, וואָס שאָקלען זיך און פלאַטערן פאַר זיך, אויף און אָפּ און אַלץ אַזוי לענגאויס דעם גאַנצן פראָנט, ווי ווייט דאָס אויג קען נאָר דערקוקן.

אָסבאָרן: דאָס זענען די וועריפּלעמלעך. ביידע זייטן זייטן באַשיסן זיי איבער „קיינעמס לאַנד״, צו באַשיצן זיך פון מאַראָדערן און פּרעמדע פּאַטרולן.

ראַלִיי: איך האָב טאַקע געהערט, אַז מ׳באַשיסט די פּלעמ-

לעך. איך וואָלט זיך נישט געגלויבט צו טרעפן זיי אַזוי פיל און זען זיי אויף אַזאַ ווייטן שטח.

אַסבאָרן: כ׳וויים. (פּיפּקעט די לולקע) דאָ איז אַלץ עפּעס אַזוי ראָמאַנטיש...

ראַליי: (היציק) יאָ, איך טראַכט אויך דאָס זעלבע.

אַסבאָרן: איר מוזט שטענדיק טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז טאָקע. באַטראַכט דאָס אַלץ ווי ראָמאַנטיק. דאָ קומט עס צונויף.

(ס׳קומט אַריין מייסן מיט טעלערבע מימאָג־כלים.)

מייסן: קומט דער קאַפּיטאַן באַלד אָן, הער? די זופּ איז הייס.

אַסבאָרן: ער דאַרף דאָ באַלד זיין. (שטעלט פאָר) דאָס איז מיסטער ראַליי — מייסן.

מייסן: גוטן אָוונט, הער.

ראַליי: גוטן אָוונט.

מייסן: (צו אַסבאָרן) כ׳האָב פאַר אייך אַן אומאָנגענעמע איבעראַשונג, הער.

אַסבאָרן: וואָס איז געשען?

מייסן: איר ווייסט וועגן די צינערנע אַנאַנאַסן-פּושקעס, וואָס איך האָב באַקומען, הער?

אַסבאָרן: נו וואָס?

מייסן: ס׳טוט מיר זייער לייד, הער, צו זאָגן אייך, אַז דאָס זענען גאָר מאַרעלן.

אַסבאָרן: אָך, גרויסער הימלן ס׳אַוודאי פאַרטוישט געוואָרן.

מייסן: כ׳האָב אויסדריקלעך געזאָגט אין קאַנטין: „אַנאַנאַסן-פּושקעס“.

אַסבאָרן: איז נישט געווען אויף די פּושקעס קיין שום עטיקעט?

מייסן: ניין, הער. איך האָב געוויזן דאָרט די מענטשן און געפרעגט זיך, צי דאָס זענען זיכער אַנאַנאַסן-פּושקעס.

אַסבאָרן: נו, האָט מען אַוודאי געזאָגט, אַז דאָס זענען אַנאַנאַסן?

מייסן: יאָ, הער. דער פאַרקויפער האָט מיר געזאָגט: „ווי קען דען דער לעמפּערט בייטן זיינע פלעקן?“

אַסבּאָרן: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן דאָ לעמפּערטן מיט די אַנאַנאַסן?

מייסן: דאָס האָב איך טאַקע אַליין אויך געטראַכט, הער. אדרבא, גיט מיר צו פאַרשטיין, הער, וואָס דאָס איז. עפּעס שטעקט דאָ דערין. און דערצו נאָך ווייס איך, אַז דער קאַפּיטאַן קען נישט אָנקוקן אַפילו קיין מאַרעלן. ער האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז נאָך־אַמאָל, אויב איך וועל אים ברענגען מאַרעלן, וועט ער מיר דעם קאָפּ אַראָפּדרייען.

אַסבּאָרן: האָסטו נישט נאָך עפּעס צו עסן?

מייסן: פאַראַן נאָך בלאַנקמאַנזשע*), וואָס איך האָב צו־געגרייט, הער. אָבער ס'איז נאָך דערווייל נישט פאַרקילט.

אַסבּאָרן: נו, גענוג, נישט כדאַי דערפון צו רעדן. ווייז אַהער די מאַרעלן, וועט מען זיי פאַרזוכן.

מייסן: כ'האָב איך נאָר געוואָלט דאָס פריער זאָגן, הער, דער קאַפּיטאַן זאָל מיך שפּעטער נישט אויסמוסרן.

אַסבּאָרן: אָלרייט, מייסן. (פון דרויסן הערן זיך קולות ווייזט אויס, דער קאַפּיטאַן גייט שוין.

מייסן: (שנעל אָפּ) כ'גיי אָנגיסן אין די טעלערס דעם זופּ, הער.

(די קולות דערנענטערן זיך. צוויי געשטאַלטן באַווייזן זיך איבער דער טראַנשיי און טאַפּן דעם וועג אַראָפּ, אויף די טרעפּלעך. די ערשטע געשטאַלט איז הויך און דין, די צווייטע — נידעריק און דיק. די הויכע פיגור איז קאַפּיטאַן סטענהאָפּ. צופוסנס פון די טרעפּלעך גלייכט ער זיך אויס, ציט אַראָפּ זיין פּאַק און לייגט אים אַנידער אויף דער פּאָדלאָגע. דערנאָך נעמט ער אַראָפּ דעם העלם און וואַרפט אים אַוועק אויפן בעט, רעכטס. נישט געקוקט אויף די פיל שטערנדלעך, וואָס ווייזן זיין הויכן ראַנג, זעט ער אויס נישט מער ווי אַ יינגל. הויך, מאָגער, אָבער ברייט־פּלייציק. די טונקעלע האָר זיינע זענען זאָרגעוודיק פאַר־קעמט. זיין אוניפאָרם, הגם שוין אַלט, אָפּגעטראָגן און פול מיט מלחמה־שפּורן, ליגט אויף אים זייער גוט און איז זאָרגפעלטיק געטראָגן. ער זעט אויס גוט, אָבער גיכער איז עס מער פון זיינע

---

*) בלאַנקמאַנזשע — אַ מין דעסערט פון פאַרקילטע פרוכט־זאַפט. — איבערזעצער.

צוציענדיקע אינטערעסאַנטע פּנים־שטריכן, ווי פונם געזונטן אויסזען ביי ראַליי. נישט געקוקט אויף דער פאַרברוינטקייט זיינער פון חדשים־לאַנגן פאַרברענגען אויפן פרייען פעלד, מערקט זיך פונדעסטוועגן אַ בלייכקייט אונטער דער הויט און טונקעלע שאָטנס אונטער די אויגן. זיין נידעריקער און דיקער באַגלייטער, — דער צווייטער לייטענאַנט טראָטער — איז פון די מיטעלע יאָרן און זעט אויס גאַנץ פּשוט. דער פּנים — רויט, פעט און קווי־לעבדיק. זעט אויס, אַז פאַר דער צייט פון זיין מלחמה־דינסט איז ער געוואָרן פולער און וואָגיקער, ווייל זיין מונדיר איז שוין שטאַרק צעשעדיקט און צעפּלאַצט ביי די עקן און ביים וועסט. ער טראָגט אַ באַזונדערן פּאַק, וואָס געהער צום אָפיציר, וואָס איז געבליבן אויף דער וואך ביי דער פּאָזיציע.)

סטענהאָפּ: (אראָפּנעמענדיק דעם פּאַק, די גאַז־מאַסקע און דעם פּאַס) איז האַרדי שוין אַוועק?

אָסבאָרן: יאָ, ערשט פאַר עטלעכע מינוט.

סטענהאָפּ: זייער גוט פאַר אים, וואָס ער האָט דאָס גע־טון. כ'האָב מיט אים געהאַט צו רעדן אַ פּאָר ווערטער. איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע אומאָרדנונג די חברה לאָזט איבער אין די טראַנשייען. די אָקאָפּעס שטינקען, ווי קלאָזעט־גריבער, ווי פאַרזשאַווערטע באָמבעס, פּייכטע ביקסן־קוילן... ס'איז אויסגעצייכנט שמוציק. ווו זענען די דינער?

אָסבאָרן: אין דער צווייטער אָקאָפּע.

סטענהאָפּ: (אַריינשרייענדיק אין מייסנס אָקאָפּע) אַהער, מייסן!

מייסן: (פון יענער זייט) כ'גיי, הערן באַלד ברענג איך די זופּ, הער.

סטענהאָפּ: (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס פון פּושקע און פאַרווי־בערט) נעמט דער טייוול די גאַנצע זופּן ברענג בעסער אַביסל וויסקין

אָסבאָרן: אָט איז אַ נייער אָפיציר, סטענהאָפּ, נאָרוואָס אָנגעקומען.

סטענהאָפּ: אָ, לײדער. (דרייט זיך אויס און וואַרפט אַ בליק אין טונקעלן ווינקל, ווו ראַליי שטייט און שמייכלט אומגעשיקט) כ'זע אייך גאָרנישט אין אַזאַ נעבעכדיקער ליכטיקייט (גייט צו האַרט צו ראַליי. שטיל).

ראַליי: העלאָ, סטענהאָפּן

(סטענהאָפּ קוקט שטייף און דערשטוינט אויף ראַליי. ראַליי מאַכט אַ טריט פאָרויס, האַלב אויפהויבנדיק זיין האנט, דערנאָך לאָזט ער זי אַראָפּ אין אַ זייט).

סטענהאָפּ: (מיט אַ נידעריקער שטים) ווי ביסטו אַהער געקומען?

ראַליי: מ'האָט מיך געהייסן זיך ווענדן אין אייער אָפּטיילונג, סטענהאָפּ.

סטענהאָפּ: יאָ, כ'פארשטיי. אָן אמתער צופאַל.

ראַליי: (מיט אַ נערוועזן געלעכטער) יאָ.

(אויף אַ מינוט איז שטיל. די שטילקייט ווערט אָבער איבערגעריסן דורך אָסבאָרן, וואָס רופט זיך אָן מיט אַ טרוקענעם קול).

אָסבאָרן: ווייסט, סטענהאָפּ, ס'איז געשען אַ שרעקלעכער פאַל. מיר האָבן געמיינט, אַז מ'וועט קריגן אַ פּאָר פוּשקעס אַנאַנאַסן, ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז דאָס זענען מאָרעלן.

טראָטער: אָך, הלוואַי קריג איך שטענדיק מאָרעלן! איך קען נישט פאַרטראָגן קיין אַנאַנאַסן. די צו־שטאַרקע רייפקייט זייערע איז פאַר מיר שעדלעך.

ראַליי: כ'בין שטאַרק צופרידן, וואָס איך בין אָנגעקומען אין אייער אָפּטיילונג, סטענהאָפּ.

סטענהאָפּ: ווען ביסטו אַהער געקומען?

ראַליי: נאָרוואָס.

אָסבאָרן: ער איז אָנגעקומען מיטן טראַנספּאָרט, ווען איר זענט דאָ נישט געווען.

סטענהאָפּ: כ'פאַרשטיי.

מייסן: (ברענגט אַריין אַ פלאַש וויסקי, אַ קווערטל און צוויי טעלער זופּ. ער טראָגט זיי אַזוי אומזיכער, אַז אָסבאָרן מוז אים צוהעלפן אוועקשטעלן די טעלער אויפן טיש.)

סטענהאָפּ: (מיט אַ פּלוצלינג־געצוווּנגענער מונטערקייט) נו, גיכער, פּעטערלן קום, זעץ זיך דאָ (ווייזט אים אויפן קעסטל, רעכטס פון טיש. צו ראַליי) דו זיץ בעסער דאָרט, ראַליי.

ראַליי: גוט.

טראָטער: (נעמט אַרויס פון זיין מונדיר־קעשענע אַ פּאָר בענטשע, טוט זיי אָן און קוקט נייגעריק אויף ראַליי) זענט איר ראַליי?

ראַליי יאָ (פּויזע).

טראָטער: איך היים טראָטער.

ראַליי: טאַקע? (פּויזע).

טראַטער: וואָס מאַכט איר?
ראַליי: אַ דאַנק. אַלץ אין אָרדנונג.
טראַטער: זענט איר שוין דאָ אַמאָל געווען?
ראַליי: ניין.
טראַטער: כ'מיין, איר מוזט זיך דאָ פילן אַביסל אומהיימלעך.
ראַליי: יאָ, אַביסל.
טראַטער: (קריגנדיק אַ קעסטל צו זעצן זיך) ס'מאַכט נישט אויס. איר וועט זיך גיך צוגעוווינען דערצו. צייט אַ שעה וועט איר זיך דאָ פילן היימיש, ווי איר וואָלט שוין דאָ געווען אַ יאָר. (ער לייגט אַוועק דאָס קעסטל אויף אַ זייט און זעצט זיך. ס'איז אָבער צו־נידעריק פאַרן טיש; שטעלט ער עס אויף — איז עס צו־הויך. — ער פּרובירט אומלייגן עס אויף אַ צווייטער זייט, איז ווידער צו־נידעריק. ביז ער פאַלט ענדלעך אויף דער המצאה צו מאַכן זיך אַ באַקוועם זיצאָרט אויף זיין פּעקל, וואָס ליגט אין אַ זייט פונעם קעסטל.)
מייסאָן: (קומט אָן מיט נאָך צוויי טעלער זופּ).
אָסבאָרן: וואָס פאַר אַ זופּ איז דאָס, מייסאָן?
מייסאָן: ס'איז אַ געלער זופּ, הער.
אָסבאָרן: ס'האָט טאַקע אַזאַ שטאַרק געלן קאָליר.
טראַטער: (זופּט הילכיק) ס'פעלט פעפער. ברענג אַביסל פעפער, מייסאָן.
מייסאָן: (באַומרויקט) ס'טוט מיר זייער לייד, הער. ווען מ'האָט דאָס שפּייז־קעסטל פאַרפּאַקט, האָט מען דעם פעפער גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, הער.
טראַטער: (וואַרפט אַוועק דעם לעפל אין טעלער מיט אַ הילך) אַך, צום טייוול דאָס גאַנצע עסן
אָסבאָרן: ס'מוז שוין זיין פעפערן ס'האָט קיין שום טעם נישט.
טראַטער: שוין זאָל זיין פעפער אין זופּן
סטענהאָפּ: (רויק) פאַרוואָס האָט מען עפּעס דעם פעפער נישט אַריינגעלייגט, מייסאָן?
מייסאָן: ס'איז... אינגאַנצן פון זינען אַרויס, הער.
סטענהאָפּ: פאַרוואָס עפּעס?
מייסאָן: (נעבעכדיק) יאָ, הער, כ'האָב עס איבערגעלאָזט פאַר...
סטענהאָפּ: טאָ ראַט איך דיר, קיינמאָל נישט איבערצו-

לאָזן דעם פּעפּער פאַר עמעצן אַנדערש, אויב דו ווילסט נאָר נישט ווערן אַרויסגעוואָרפן פונדאַנען צוריק אין ראָטע אַריין (ווייזט אים אויף דער לבֿנה־באַלויכטענער טראַנשיי).

מייסן: ס׳טוט מיר... ס׳טוט מיר זייער לייד, הער.

סטענהאָפּ: שיק איינעם פון די סיגנאַליסטן נאָך פּעפּער.

מייסן: גלייך, הער. (ער איילט צום טונעל־אַריינגאַנג און רופט) בערט, מ׳רופט דיך!

(ס׳באַווייזט זיך אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל. ער שטייט שטייף אויף „אַכטונג״.)

סטענהאָפּ: ווייסט, וווּ ס׳איז די הויפּטקוואַרטיר פון דער אָפּטיילונג „אַ״?

סאָלדאַט: יאָ, הער.

סטענהאָפּ: טאָ גיי אַהין תיכף, גיב איבער מיינע גרוסן דעם קאַפּיטאַן ווילליס און פרעג אים, צי ער וואָלט מיר געקאָנט לייען אַביסל פּעפּער.

סאָלדאַט: זייער גוט, הער (דרייט זיך אויס געשיקט און גייט אַרויס דורך די טרעפּלעך.)

מייסן: (פאַרהאַלט אים אויף אַ רגע און זאָגט אים פאַרטרוי־לעך) אַ מעסטל פּעפּער, זאָלסטו זאָגן.

אָסבאָרן: פּעפּער מוז זיין!

טראָטער: נאָך אַלעמען, מיין איך, אַז די מלחמה איז גענוג שלעכט אויך מיט פּעפּער (טוט אַ רוישיקן זופּ), אָבער אַ מלחמה נאָך אָן פּעפּער, — דאָס איז שוין טאַקע גאָרנישט אויסצוהאַלטן!

אָסבאָרן: ווי זעט עס עפּעס אויס אין דרויסן?

טראָטער: שטיל, ווי אין אַ חורבה. ס׳הערט זיך אָבער אַן עקלדיקער געוויש, וואָס טראָגט זיך אויף צפון.

אָסבאָרן: ס׳אַוודאי פון וויפּער, כ׳רעכן, אַז דאָרט קומט עפּעס פאָר. ס׳וואָלט זיין כדאַי עפּעס מער געוואָר צו ווערן דערפון.

טראָטער: איך וואָלט אויך וועלן וויסן. אָבער שאַ, מיין ווייב לייענט יעדן פרימאָרגן די ציייטונגען, וועט זי מיר אַוודאי אַרויסשרייבן וועגן אַלץ...

אָסבאָרן: האַרדי זאָגט, אַז דאָ איז נעכטן געווען לעבע־דיק. דריי גרויסע מינעס זענען אַריין גלייך אין טראַנשיי.

טראָטער: יאָ, כ׳האָב אויך געהערט. און זיי האָבן אויס־געלעכערט גרויסע גריבער, מיר זאָלן זיך אין זיי אַריינלייגן (מייסן קומט אָן מיט קאָטלעטן אויף עמאַלירטע טעלערס). וואָס איז דאָס?

מייסן: פּלייש, הער.

טראַטער: כ'וויים, אַז פּלייש, אָבער וואָסערע?

מייסן: קאָטלעטן, הער.

טראַטער: קאָטלעטן, זאָגסטו? שטענדיק איז ביי דיר, מייסן, נאָר קאָטלעטן און קאָטלעטן.

מייסן: יאָ, הער, דאָס איז אַ קאָטלעט.

טראַטער: גוט, אָבער ס'לאָזט זיך עפּעס נישט שניידן.

מייסן: טאַקע באמת נישט, הער?

טראַטער: ניין, כ'שפּאַס.

מייסן: איז גוט, הער (אָפּ).

אָסבאָרן: (שטודירנדיק די מאַפּע) אָט דאָ איז אָנגעצייכנט אַ חורבה, פּונקט אויפֿן פראָנט פון דאַנען אין „קיינעמס לאַנד״; ס'רופט זיך „ביוועס-פאַרם״.

טראַטער: (צו סטענהאָפּ) דאָס איז עס טאַקע, שפּרינגער, וואָס מיר האָבן געזען אַזוי אַרויסשטאַרצן. כ'האָב גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס.

סטענהאָפּ: גיי בעסער אַרויס און באַקוק עס היינטיקע נאַכט.

טראַטער: כ'האָב אָבער מורא, אַ שמוציקער דייטש זאָל נישט פון דאָרט אַרויסשפּרינגען און אַ געשריי טון: „האָך — דער קאַיזער!״ פוי, כ'האָב פיינט די חורבות אין „קיינעמס לאַנד״.

אָסבאָרן: לויט דער מאַפּע, איז פון דאַנען ביז „קיינעמס לאַנד״ נישט מער, ווי אַ זעכציק יאַרד, און לינקס, אָנהויבנדיק פון דער דאָזיקער אונטערגראָבונג, איז עס בלויז אַ פופציק.

טראַטער: (קוקט נייגעריק אויף סטענהאָפּן, וואָס עסט זיין מאָלצייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ) פריילעכער אַביסל, שפּרינגער, זעסט דאָך אויס אַזוי פאַרחושכט.

סטענהאָפּ: כ'בין מיד.

אָסבאָרן: כ'וואָלט זיך גערן צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל נאָכן עסן.

סטענהאָפּ: איך האָב נאָך אַרבעט פאַר שלאָפן.

אָסבאָרן: איך האָב נאָך אַ סך צו פאַרשרייבן און צו זען זיך מיטן סערזשאַנט-מאַיאָר. דאָס איז אַלץ.

סטענהאָפּ: אָלרייט, פעטערל. כ'וועל נאָכזען. (קערט זיך אום צו ראַליי דאָס ערשטע מאָל) טראַטער גייט אויף דינסט נאָכן אָוונטברויט; גיי מיט אים מיט, וועסטו זיך אויסלערנען.

ראַליי: גוט.

טראַטער: זעסט, שפּרינגער, ס'שוין באַלד אַכט. אפשר וואַלטן מיר צוגעוואַרט נאָך אַ האַלבע שעה?

סטענהאָפּ: ניין. כ'האָב געזאָגט היבערטן, אַז פּונקט אַכט וועט ער פריי ווערן. ווילסטו איבערנעמען די וואַך פון עלף ביז צוויי, פּעטערל?

אָסבאָרן: זאָל זיין.

סטענהאָפּ: וועט היבערט האָבן נאָכאַמאָל דינסט פון צוויי ביז פיר, און דאַמאָלסט וועל איך גיין שוין ביזן סוף, ס'הייסט ביז זעקס אַזייגער.

טראַטער: זייער גוט, חברהן אין זעקס טעג אַרום האָבן מיר ווידער ס'אייגענע. זעקס אַזעלכע צעצויגענע אייביקע טעג. (ער חשבונט עפּעס אויפן טיש) צוזאַמען מאַכט עס אוים הונדערט פיר און פערציק שעה; אַכט טויזנט זעקס הונדערט און פערציק מינוט. ס'גאַרנישט אַזוי שלעכט. צוואַנציק מינוט פון זיי האָבן מיר שוין אַדורכגעמאַכט... איר ווייסט, ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ ווילער געדאַנקן כ'וועל אָנצייכענען אויף אַ שטיקל פּאַפּיר הונדערט פיר און פערציק רעדעלעך, און יעדע שעה וועל איך פאַרשטרייכן איין רעדעלע. אַזוי וועט די צייט אַוועק אויסגעצייכנט.

סטענהאָפּ: שוין פינף מינוט צו אַכט. גיי בעסער און נעם איבער היבערטן, וועסטו אַ זייגער עלף צוריקקומען און אויסמעקן דריי רעדעלעך...

טראַטער: כ'האָב נאָך אָבער נישט געקריגן מיינע מאַרעלן!

סטענהאָפּ: מיר וועלן דיינע מאַרעלן האַלטן פאַר דיר, ביז דו וועסט צוריקקומען.

טראַטער: כ'האָב קיינמאָל נישט געקענט אַזאַ מיאוסע זאַך ווי מלחמה, וואָס דרייט איבער דעם גאַנצן סדר פונם עסן. שטענדיק קומט מיר אוים צו גיין אויף דינסט אינמיטן עסן.

סטענהאָפּ: דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האַלטסט שטענדיק אין איין עסן.

טראַטער: נו, זאָל זיין ווי ס'ווילט זיך, לאָמיר נעמען אַביסל קאַווע. היי, מייסן, קאַווע!

מייסן: גלייך, הער.

טראַטער: (אויפשטעלנדיק זיך) גוט, כ'טו זיך אָן. קומט-מיט, ראַליי.

ראַליי: (הויבט זיך אויף שנעל) כ'גיי...

טראָטער: טוט אָן דעם פּאַס מיטן רעוואָלווער-שיידל. דעם רעוואָלווער מוזט איר האָבן צו שיסן שטשורעס. יאָ, פאַרגעסט נישט אייער גאַז-מאַסקע. קומט אהער, כ׳וועל אייך ווייזן. (ער העלפט אים צו) איר דאַרפט זי טראָגן צוגעדריקט אונטערן קין, ווי אַ סער-וועטקע.

ראָליי: יאָ, כ׳ווייס. מ׳האָט עס מיר שוין נאָך אינעדרהיים געוויזן.

טראָטער: איצט דעם העלם, פּאַרטיק. קיין שטעקן דאַרפט איר נישט. דאָס קומט צונוץ בלויז, ווען מ׳דאַרף גיך לויפן.

ראָליי: צו וואָס דאַרף מען עפּעס לויפן?

טראָטער: אָ, גאָט, דאָ לויפט מען גאָר אָפט. ווען איר זעט אָנקומען אַ קויל — דאָס איז אַ גרויסער אָקאָפּע-שראַפּנעל, באַלד פונם מינעוואַרפער — ווי זי קומט אָן גלייך פון די דייטשע טראַנשייען, שניידט אדורך די לופט און באַלד אראָפּ, אראָפּ, אראָפּ, — דאַמאָלסט מוזט איר זיך שנעל אָריענטירן, כאַפּן די פיס און אַנטלויפן, ווי פאַר אַ שטינקעכץ.

מייסן: (קומט אַריין מיט צוויי טעפּעלעך קאַווע) קאַווע, הער?

טראָטער: אַ דאַנק (נעמט אַ טעפּעלע און טרינקט שטייענדיק).

ראַליי: (נעמט דאָס צווייטע) אַ דאַנק.

טראָטער: פאַרגעס נישט איבערצולאָזן מיינע מאָרעלן, מייסן. לייגט זיי אַריין אין אַ באַזונדערן טעלער און האַלט זיי דאָרט (ווייזט אָן אויף מייסנס אָקאָפּע).

מייסן: זייער גוט, הער.

טראָטער: נאָר געדענק, נעם זיי נישט אַריין אהער, ווייל דו וועסט נישט זיכער זיין מיט זיי.

מייסן: ניין, הער.

טראָטער: (צו סטענהאָפּן) דאַכט זיך, אַז די „ב״-אָפּטיי-לונג געפינט זיך אויף רעכטס פון אונז, נישט אמת, שפּרינגער?

סטענהאָפּ: יאָ, דאָס איז אינמיטן פונם פּופּציק-יאַרדיקן אומבאַשיצטן פּלאַץ. דאַרפסט דאָרט אַ סך פאַטרולירן.

טראָטער: נו, יאָ, געוויס, הער.

סטענהאָפּ: זאָלסט דאָרט גוט אכטונג געבן. דער לואיס-האַרמאַט איז לינקס. באַמערק גוט, וווּ די שלאַכט קומט פאָר.

טראָטער: געוויס, געוויס, הער. דאַרפסטו מיך נישט, כ׳זאָל אַרויסגיין און אַ קוק טון אויף דער בליקנדיקער חורבה?

סטענהאָפּ: כ׳וועל נאָך זען.

טראָטער: כ'שטעל זיך גאָרנישט פאָר, ווי כ'וועל דאָרט קענען אַרומקריכן אויפן בויך נאָכן קאָטלעט. (צו ראַליי) גוט, קום מיט, בחור מיינער, לאָמיר גיין און באַקוקן אַביסל די מלחמה (די צוויי גייען אַרויס דורך די טרעפּלעך, איבערלאָזנדיק אַליין סטענהאָפּן און אָסבאָרנען).

מייסן: (באַווייזט זיך ביים אַרויסגאַנג פון זיין אָקאָפּע) ווילט איר די מאַרעלן, הער?

סטענהאָפּ: ניין, אַ דאַנק.

מייסן: און איר, מיסטער אָסבאָרן?

אָסבאָרן: אויך ניין, אַ דאַנק.

מייסן: כ'האָב גרויס עגמת-נפש, וואָס זיי זענען מאַרעלן, הער. איך האָב עס שוין דערקלערט דעם מיסטער אָסבאָרן.

סטענהאָפּ: (אָפּגעהאַקט) ס'איז אַלרייט, מייסן, אַ דאַנק. נישט געזאָרגט.

מייסן: זייער גוט, הער (גייט אַרויס).

אָסבאָרן: (נעבן דעם רעכטן בעט) ווילסטו זיך אפשר דאָ צולייגן שלאָפן? דאָס איז געווען האַרדיס בעט.

סטענהאָפּ: ניין, שלאָף דו דאָרט. איך וואָלט בעסער גע-שלאָפן דאָ ביים טיש, כ'זאָל קענען צו דער צייט אויפשטיין און אַרבעטן, נישט צו שטערן דיך.

אָסבאָרן: דאָס איז אָבער אַ בעסער בעט.

סטענהאָפּ: ניין. נעם דו עס בעסער. אין דיין עלטער דאַרפסטו שוין האָבן אַביסל באַקוועמלעכקייט, פעטערל.

אָסבאָרן: כ'וואָלט זייער וועלן, זאָלסט זיך צולייגן און זיך אַביסל איבערשלאָפן.

סטענהאָפּ: שלאָפן? כ'קען נישט שלאָפן (ער נעמט אַ קווערטל וויסקי, געמישט מיט וואַסער).

(ביי דער טראַנשיי באַווייזט זיך אַ מענטש און גייט אַראָפּ דורך די טרעפּלעך. קליין, מאָגער און שוואַך-געבויט, אין די פריע צוואַנציקער יאָרן, מיט אַ פּאָר קליינע וואָנסעלעך און אַ בלאַס פּנים.)

סטענהאָפּ: (קוקט שאַרף אָן דעם ניי-אָנגעקומענעם) וואָס הערט זיך, היבערט?

היבערט: אַלץ איז רויק. נאָר עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן ערגעץ און טראָגט זיך אויף לינקס פון אונזער טראַנשיי. און אויף רעכטס פאַלן כסדר גראַנאַטן.

סטענהאָפ: כ'פאַרשטיי. מייסן האָט פאר דיר אָוונט-ברויט.

היבערט: (רייבט זיך לייכט דעם שטערן) ווער ווייס, סטענהאָפ, צי כ'וועל היינט קענען עפּעס עסן. אַלץ די פאַרשאָלטענע נערוון-קראַנקייט. ס'זעט אויס צו זיין דאָ אינעווייניק אין אויג. און דער מוראדיקער ווייטיק ווערט נאָך ערגער פון טאָג צו טאָג.

סטענהאָפ: אַביסל הייסע זופּ און אַ גוטער האַרטער קאָטלעט וועט אַלץ אויסהיילן.

היבערט: כ'האָב מורא, דער ווייטיק וועט מיר דעם גאַנצן אַפּעטיט אַוועקנעמען. ס'קרענקט מיך געווג, וואָס איך דאַרף דער-פון רעדן, סטענהאָפּ. כ'האָב נאָר געמיינט, איר וועט זיך וווּנדערן, פאַרוואָס איך עס נישט.

סטענהאָפ: פונדעסטוועגן, פּרובּיר עסן און פאַרגעס וועגן דעם אַלעם.

היבערט: (מיט אַ דראָבנע געלעכטערל) כ'וואָלט אַליין וועלן, ס'גייט אָבער נישט.

סטענהאָפ: שטאַרק זיך.

היבערט: כ'רעכן צוצולייגן זיך אָפּרוען אַביסל, אפשר וועל איך אַנטשלאָפן ווערן.

סטענהאָפ: אָלרייט, גיי, לייג זיך. דיין אָרט איז אין יענער אָקאָפּע, אָט דאָרט. דאָ האָסטו דיין פּאַק (ער הויבט אויף דעם פּאַק, וואָס טראָטער האָט מיטגעבראַכט). אויף דינסט גייסטו ווידער צוויי אַ זייגער. פּונקט פיר וועל איך דיך איבערנעמען. כ'וועל אָנ-זאָגן מייסן, ער זאָל דיך וועקן.

היבערט: (שוואַך) אָ, גוט, אַ דאַנק, סטענהאָפּ. בראַוואָ!

סטענהאָפ: בראַוואָ! (ער קוקט נאָך היבערטן, ביז ער פאַר-שווינדט דורכן טונעל אין דער פינסטערניש).

היבערט: (קערט זיך אום) קען איך קריגן אַ ליכט?

סטענהאָפ: (נעמט אַראָפּ איינס פון טיש) דאָ האָסטו.

היבערט: כ'דאַנק. (אָפּ. שטיל.)

סטענהאָפ: (צו אָסבאָרן) אַ קליינער וואָרעם, וויל זיך אַרויסדרייען אַהיים.

אָסבאָרן: (אָנפילנדיק די לולקע) שווער צו דערקענען, צי איז ער טאַקע באמת אַזוי שלעכט. ער זעט אויס אינגאַנצן צעבראָכן, ווי אויס מענטש.

סטענהאָפ: אַן אמתער שלאַק, נישט מער. ער וואָלט גע-

קאָנט עסן, ווען ער זאָל נאָר וועלן. ער פּייניקט זיך בכיוון מיט הונגער. א כיטרער קליינער חזירן די נערוון-קראַנקייט זיינע איז אַן אויסגעצייכנט פּאָרטל. איך פאַרשטיי זיך אויף אַזעלכע זאַכן.

אָסבאָרן: קענסט אָבער גאָרנישט העלפן מיט דיין ערגערן זיך. איך מיין, אַז ער איז שוין גוט אויסגעפּרוווט אין די זאַכן.

סטענהאָפּ: ווי לאַנג איז ער דאָ אינגאַנצן? כ׳רעכן, אַז ערשט דריי חדשים, און איצט האַלט ער שוין זיין אַרבעט פאַר אָפּגעטון. ר׳האָט זיכער באַשלאָסן אַהיימצוגיין און פאַרברענגען ביזן סוף מלחמה אין אַ באַקוועמען נערוון-שפּיטאָל. גאַנץ גוט, ער האָט אָבער אַ טעות. כ׳קען אים לאָזן גיין, אָבער נישט מער.

אָסבאָרן: כ׳פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קענסטו שטערן אַ קאָלעגע, וואָס האַלט ביי קראַנק ווערן.

סטענהאָפּ: איידער ער וועט עס טון, וועל איך נאָך פריער זיך אַדורכרעדן מיטן דאָקטאָר. ער מיינט אוודאי, אַז ס׳וועט זיך אים איינגעבן אַהיימצוגיין נאָך פאַרן גרויסן אָנגריף. מיר וועלן טאַקע זען. פון מיינע מענטשן ווערט קיינער נישט קראַנק פאַרן אָנגריף. אַלע צוזאַמען טיילן זיי זיך מיטן גורל.

אָסבאָרן: ווייסט,ראַליי זעט אויס צו זיין אַ ווויל׳ער בחור.

סטענהאָפּ: (קוקט אַן שטייף אָסבאָרנען, איידער ער ענטפערט אים) יאָ.

אָסבאָרן: אַ שיינער יונג. צוזאַמען מיט דיר אין איין שול, נישט אמת?

סטענהאָפּ: האָט ער עס דיר שוין דערציילט?

אָסבאָרן: יאָ. ער האָט עס טאַקע דערמאָנט. ס׳איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, ער זאָל עס מיר דערציילן, בעת ער האָט געוווסט, אַז דו ביסט אין דער קאָמאַנדע. (סטענהאָפּ ציט זיך אויס ביים טיש מיטן רוקן צו דער וואַנט. אָסבאָרן, זיצנדיק אויפן בעט, רעכטס, פאַרוי-בערט זיין לולקע און פּילט אָן די לופט מיט גאַנצע וואָלקנס רויך) ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס ער איז אָנגעקומען אין דיין אָפּ-טיילונג. (סטענהאָפּ ענטפערט נישט. ער נעמט אַ בלייפעדער און הויבט אָן פאַטשקען אויף דער צווייטער זייט פון אַ זשורנאַל) ער האַלט אין איין טראַכטן וועגן דיר.

סטענהאָפּ: (כאַפּט אַ שנעלן בליק אויף אָסבאָרן און לאַכט) יאָ, איך בין זיין העלד.

אָסבאָרן: ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך.

סטענהאָפּ: פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

אָסבּאָרן: בכלל האָבן זיך קליינע שול-יינגלעך זייערע העלדן.

סטענהאָפּ: יאָ. שול-קינדער זענען אַזוי.

אָסבּאָרן: אָפּטמאָל געדויערט עס אַזוי לאַנג, כל-זמן...

סטענהאָפּ: ...כל-זמן דער העלד איז אַ העלד.

אָסבּאָרן: אָפט אָבער געדויערט עס אַ גאַנץ לעבן.

סטענהאָפּ: ווער ווייס... וויפל מיליטער-באַטאַליאָנען זענען פאַראַן אין פראַנקרייך?

אָסבּאָרן: וואָס עפּעס פּלוצלינג?

סטענהאָפּ: לאָמיר זאָגן, פופציק דיוויזיעס. דאָס הייסט אַ הונדערט און פופציק בריגאַדעס — פיר הונדערט און פופציק באַטאַליאָנען. מאַכט עס אויס טויזנט אַכט הונדערט אָפּטיילונגען (ער הויבט אויף די אויגן פון זיינע חשבונות אויף דער זשורנאַל-הילע און קוקט אָן אָסבּאָרנען). הייסט עס, פּעטערל, אַז אין פראַנקרייך זענען פאַראַן טויזנט אַכט הונדערט מיליטער-אָפּטיילונגען. ראַליי האָט דאָך געקאָנט צוגעשיקט ווערן צו איינער פון זיי, צום סוף, גאָט מיינערן — איז ער גאָר געקומען צו מיר.

אָסבּאָרן: דאַרפסט דערמיט זיין צופרידן. ר'איז אַ ווויילער בחור. כ'האָב אים ליב.

סטענהאָפּ: כ'האָב געוווּסט, אַז דו וועסט אים ליב קריגן. אַ פערזענלעכקייט, נישט אמת? (נעמט ארויס פון בוזעם-קעשענע אַ צעריסענעם לעדערנעם טאַש און דערלאַנגט אָסבּאָרנען אַ קליינע פאָטאָ־גראפיע) האָב איך דיר עס שוין געוויזן אַמאָל?

אָסבּאָרן: (באטראכטנדיק די פאָטאָגראפיע) ניין. (פּויזע). ראַליס שוועסטער, ניין?

סטענהאָפּ: פון וואַנען ווייסטו דאָס?

אָסבּאָרן: שטאַרק ענלעך צו ראַליי.

סטענהאָפּ: ווייזט אויס אַזוי.

אָסבּאָרן: (פאַרטון אין בילד) ז'איז זייער אַ שיין מיידל.

סטענהאָפּ: פאַקטיש ווייזט אַ בילד נישט קיין סך, בלויז אַ פּנים. (שטיל. סטענהאָפּ פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס.)

אָסבּאָרן: (גיט צוריק די פאָטאָגראפיע) ביסט אַ גליקלעכער יונג.

סטענהאָפּ: (לייגט אַריין דאָס בילד צוריק אין טאַש) דעם אמת געזאָגט, ווייס איך נישט, צו וואָס איך האַלט דאָס.

אָסבּאָרן: פאַרוואָס? איז זי דען נישט... כ'מיין...

סטענהאָפ: וואָס מיינסטו?

אָסבאָרן: נו, יאָ, כ׳מיין, אַז זי וואַרט אויף דיר, ניין?

סטענהאָפ: יאָ. זי וואַרט אויף מיר — און זי ווייסט נישט... זי מיינט, אַז איך בין אַ וואונדערבאַרער יונג, וואָס פירט אָן מיט אַן אַפּטיילונג. (דערנענטערט זיך צו אָסבאָרנען און ווייזט אים אויף די טרעפּלעך, וואָס פירן צו דער פּאָזיציע) זי ווייסט נישט, אַז ווען איך גיי אַרויס דורך די טרעפּלעך אויפן פראָנט, נישט אָנטרינקענדיק זיך פריער מיט וויסקי, וואָלט איך משוגע געוואָרן פון שרעק. (פּויזע).

אָסבאָרן: (מאַכט אַ באַוועגונג צו רעדן) טו אַ קוק, אַלטיטשקער, כ׳האָב עס שוין לאַנג אין זינען געהאַט דיר צו זאָגן, ס׳וואָלט אָבער אויסגעזען אפשר צו גראָב און העזהדיק. דו פאַרברענגסט שוין דאָ לענגער, ווי ווער עס איז אין באַטאַליאָן. שוין צייט, זאָלסט אַוועק אַביסל רוען. ס׳קומט דיר. האָסט עס שוין פאַרדינט.

סטענהאָפ: דו ווילסט מיר איינרעדן, אַז איך בין קראַנק, ווי יענער קליינער וואָרעם דאָרט מיט די נערוון אין אויג? (ער לאַכט און טוט אַ טרונק).

אָסבאָרן: ניין, נישט דאָס. דער קאָלאָנעל וואָלט דיך שוין לאַנג אָפּגעשיקט אויף אָפּרו, אָבער...

סטענהאָפ: וואָס אָבער?

אָסבאָרן: אָבער ער קען זיך אָן דיר נישט באַגיין.

סטענהאָפ: (לאַכט) אָ, נאַרישקייטן!

אָסבאָרן: ער האָט עס מיר געזאָגט.

סטענהאָפ: ער מיינט אַוודאי, איך בין אין אַזאַ מצב, אַז איך נויטיק זיך אין רו, נישט אמת?

אָסבאָרן: ניין. ער פאַרשטייט אָבער, אַז עס קומט דיר.

סטענהאָפ: אָלרייט, פעטערל. איצט וועל איך עס אונטערשטיצן. ס׳זאָל שוין לענגער נישט געדויערן. מיין חלק גליק האָב איך שוין דאָ געהאַט, מער נאָך וויפל ס׳קומט מיר. זינט איך בין אַהערגעקומען, איז שוין קיין איינער נישטאָ, וואָס זאָל דאָ האָבן געבליבן... אָבער ס׳איז נאָך ערגער פאַר יענעם בחור — טויזנט מאָל ערגער ווי די גאַנצע וועלט — וואָס ער איז געקומען צו מיר. כ׳האָב זיך עס געקאָנט פאַרשפּאָרן.

אָסבאָרן: דו קוקסט אויף אַלץ צו שוואַרץ.

סטענהאָפ: כ׳האָב דאָך עס דיר נאָרוואָס געזאָגט. דער

יונג איז אַ פּאַרערער פון העלדן. איך בין מיט דריי יאָר עלטער פון אים. דו ווייסט דאָך, וואָס עס באַטייט אין שול. איך בין גע-ווען אַ שפּרינגער פון ראַדזשער און נאָך אַנדערע אַזעלכע שפּילן. פאַר אונז דאָ איז עס נישט אַזוי וויכטיק, דאָס האָט אָבער אַ סך צו זאָגן אין שול פאַר אַ יאַט פון אַ יאָר פערצן. כאַפּסט עס דער רוח, פעטערל. דו ביסט דאָך אַ לערער, דאַרפסטו דאָך וויסן.

אָסבאָרן: איך האָב דיר שוין געזאָגט, וואָס איך טראַכט וועגן העלדן-פאַרערונג.

סטענהאָפּ: ראַליס פאָטער האָט געקאָנט מיין פאָטער. האָט מען מיך אָנגעזאָגט צו האָבן אַן אויג אויף דעם קליינעם יאַטל. מיר איז עס זייער געפעלן, אַכטונג צו געבן אויף אים. איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף פאַרשיידענע זאַכן. זיין פאַמיליע האָט מיך געבעטן צו בלייבן ביי זיי אויף אַ זומער. דעמאָלט האָב איך זיך געטראָפן מיט זיין שוועסטער...

אָסבאָרן: יאָ?

סטענהאָפּ: אין אָנהויב האָב איך וועגן איר געטראַכט, דאָס זעלבע, ווי וועגן אַנדערע קליינוואַרג, ווי למשל, וועגן ראַליי. דאָס איז געווען פונקט פאַר מיין ערשטן אָנקומען אַהער. דעמאָלט האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז זי איז זייער אַ וויכטיק מיידל. ס'עפּעס מאָדנע, ווי דו שטעלסט זיך פּלוצלינג פאַר עפּעס אַ זאַך, אומגעריכט. איך האָב טאַקע באמת געבעטן גאָט איבערצולעבן די מלחמה און צוגרייטן זיך צו זיין פּאַסיק פאַר איר.

אָסבאָרן: האָסט זיך זייער שיין אויסגעאַרבעט: אי אַ מי-ליטערישן קרייץ געקריגן, אי די קאָמאַנדע פון דער מיליטער-אָפּטיילונג.

סטענהאָפּ: (נעמט נאָך אַביסל וויסקי) באַלד אין אָנהייב איז עס געגאַנגען אַלרייט. ווען איך בין געקומען אַהיים אויף אור-לויב, נאָך זעקס חדשים, איז עס געווען זייער אָנגענעם און פריילעך צו האָבן דאָס געפיל, אַז איך האָב עפּעס געטון פאַר איר פאַרגע-ניגן... (נעמט אַ שלוק וויסקי) דאָס איז געווען נאָך מיין צוריקקומען אַהער, בעת יענער שרעקלעכער געשעעניש ביי ווימי רידזש. כ'האָב דעמאָלט געוווסט, אַז כ'וועל פּשוט משוגע ווערן, אויב כ'וועל נישט גובר זיין די שטערונגען. כ'האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן, זייענ-דיק די גאַנצע צייט ביים פולן באַוווסטזיין. האָסטו שוין אַמאָל איבערגעלעבט אַזעלכעס, פעטערל?

אָסבאָרן: יאָ, גאַנץ אָפט.

סטענהאָפּ: צוויי וועגן זענען געווען פאַר מיר גובר צו

זיין די אַלע מניעות. איינער — קומען מיט אַן אויסרייד, אַז איך בין קראַנק און אַהיימגיין; דער צווייטער — איז געווען דער דאָזיקער (הויבט אויף דאָס קווערטל וויסקי). וועלכן וואָלסטו אויסגעקליבן, פעטערל?

אָסבאָרן: כ'האָב נאָך נישט אַזוי פיל אַדורכגעמאַכט אין לעבן ווי דו. כ'האָב נאָך קיין ידיעה נישט אין די זאַכן.

סטענהאָפּ: איך האָב דאָס אַלץ גוט אַדורכגעטראַכט. ס'איז באמת אַ צעקראַכנקייט אַהיימצוגיין, ווען דו ביסט נישט ווירקלעך קראַנק, נישט אמת?

אָסבאָרן: כ'מיין אויך אַזוי.

סטענהאָפּ: אויב אַזוי, איז גוט. (הויבט אויף זיין קווערטל צו אָסבאָרן) בראַוואָ! לאַנג לעבן זאָלן די מענטשן, וואָס גייען אַהיים מיט נערוון-קראַנקייט. (לאָזט אַראָפּ דאָס קווערטל) בעת מיין לעצטן אורלויב בין איך נישט געווען אין דערהיים. כ'האָב נישט געקענט פּועלן ביי זיך צו טרעפן זיך מיט איר, אפשר וואָלט זי זיך פאַרגעשטעלט...

אָסבאָרן: דערפאַר, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און די אַלע מניעות וועלן אַוועק, וועסטו ווידער זיין פעיק אַלץ אויסצופירן, ווי שטענדיק.

סטענהאָפּ: דערויף האָב איך די גאַנצע צייט געהאָפט. כ'וואָלט אַוועק אויף חדשים גאַנצע, לעבן אויפן פרייען פעלד, צוגרייטן זיך צום ווייטערדיקן לעבן און ערשט דערנאָך צוריקקומען צו איר.

אָסבאָרן: אַזוי קענסטו דאָך טאַקע טון.

סטענהאָפּ: יאָ, כ'קען... ווען ראַלי זאָל האָבן אָנגעקומען אין איינער פון יענע טויזנט אַכט הונדערט אָפּטיילונגען...

אָסבאָרן: כ'פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי טראַכטן.

סטענהאָפּ: אַך, אום גאָטס ווילן, זיי נישט אַזאַ פאַרשאָלטענער טיפּשן דו ווייסטן דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער וועט איר שרייבן און דערציילן, אַז אַ גאַנצן טאָג טראָגט פון מיר די וויסקי.

אָסבאָרן: פאַרוואָס זאָל ער עס טון? ער איז דאָך נישט קיין...

סטענהאָפּ: דעם אמת געזאָגט, איז ער נישט אַזאַ פאַרשאָלטענער קליינער חזיר, וואָס זאָל אָפּנאַרן זיין שוועסטער.

אָסבּאָרן: ער איז אַ בּראַווער יונג. ער וועט זיך דאָ דער־וויסן הונדערטער משונהדיקע זאַכן. אים דאַכט זיך, אַז די מענטשן זענען דאָ אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע.

סטענהאָפּ: ס׳איז נישט גוט, פּעטערל. האָסטו נישט געזען אים, זיצנדיק ביים אָונטבּרויט? ווי ער האָט מיך אַזוי אָנ־געקוקט? און אַזוי זיך געוווּנדערט? איצט איז ער דאָרט, אין יענע טראַנשייען, נאָך אַלץ פאַרוווּנדערט, אָנהויבּנדיק שוין עפּעס צו פאַרשטיין... און די לעצטע חדשים האָט ער כסדר געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיר דאָ. אָרעמער קליינער טייוולן

אָסבּאָרן: כ׳גלויבּ, אַז ראַליי וועט דיך אויך אויף ווייטער ליב האָבּן, נישט געקוקט אויף אַלץ. דאָ שטעקט עפּעס אַ טיפע זאַך און אַ נאָך שענערע, ווי די בּלויזע העלדן־פאַרערונג.

סטענהאָפּ: צו אַלדי טייוול די גאַנצע העלדן־פאַרערונגן (רייסט איבּער, דערנאָך זעצט ער פאַר מיט אַ מאָדנער, הויכער אָבּער געדריקטער שטים) ווייסט, פּעטערל, כ׳בּין אַ שרעקלעכער שוטהן איך בּין קאַפּיטאַן פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג. וואָס קען עס אים אָנגיין, דעם קליינעם אויסוואורף? פאַרשטייסט? אַ קליינער אויס־וואורף איז ער. ער וויל עס שרייבּן אַהיים און דערציילן איר, מעדזשן, אַלצדינג וועגן מיר. גוט... ער וועט נישטן פאַרשטייסט, פּעטערל? ער ט׳נישט שרייבּן, — צענזורן איך צענזוריר זיינע בּריוו — אויסשטרייכן אַלץ, וואָס ער זאָגט וועגן מיר...

אָסבּאָרן: האָסט דאָך קיין רעכט נישט צו לייענען זיינע בּריוו.

סטענהאָפּ: (פאַרחלומט) אויסשטרייכן אַלץ, וואָס ער זאָגט וועגן מיר... דערנאָך וועלן מיר אַלע גיין אויף מערבֿ אין דער גרויסער אַטאַקע — און זי וועט אויך אויף ווייטער טראַכטן, אַז איך בּין אַ פיינער יונג. אויף שטענדיק... און שטענדיק... און שטענדיק... (גיסט אָן אַבּיסל משקה בּרומענדיק: „אויף שטענדיק... און שטענדיק... און שטענדיק...”)

אָסבּאָרן: (הויבּט זיך אויף פון בּעט) ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, ווי דו מיינסט. דערווייל, גיי בּעסער שלאָפן.

סטענהאָפּ: שלאָפן! דו ווילסט נאָר, כ׳זאָל מיין צייט פטרן אויף שלאָפן.

אָסבּאָרן: (הויבּט אויף סטענהאָפּס פּאַק און שלעפּט אַרוים די קאָלדרע) נו, קום שוין, דו אַלטער גוטער בּרודער. קום, לייג זיך

דאָ אַנידער (ער לייגט אַוועק דעם פּאַק אויף סטענהאָפּס בעט, ווי אַ קישן, און שפּריִט אויס די קאָלדרע).

סטענהאָפּ: (האַלטנדיק דעם קין אין די הענט) אַזאַ קליי- נער אויסוווּרף, וואָס ער איז! כ'האָב אים דען געהייסן קומען אין מיין אָפּטיילונג? ניין! זייער גוט... ער וועט שוין טייער באַצאָלן פאַר דער פאַרשאָלטענער געמיינהייט זיינער.

אָסבאָרן: (לייגט מילד ארויף זיין האנט אויף סטענהאָפּס אַקסל, צוצורעדן אים ער זאָל זיך לייגן.)

סטענהאָפּ: אַוועק! (טרייסלט אראָפּ פון זיך אָסבאָרנס האַנט) וואָס ווילסטו דאָ, צו אַלדי טייוול?

אָסבאָרן: לייג זיך שלאָפן, כ'בעט דיך.

סטענהאָפּ: גיי אַליין שלאָפן! איך וועל צענזורירן זיינע בריוו. פאַרשטייסט, פּעטערל? און דו זאָלסט אַכטונג געבן און זען, ער זאָל דאָרט נישט אַדורכשמוגלען עטלעכע בריוו.

אָסבאָרן: יאָ, כ'וועל אַזוי טון. איצט קום און לייג זיך. האָסט דאָך היינט געהאַט אַזאַ שווערן טאָג.

סטענהאָפּ: (פּלוצלינג אַ קוק טוענדיק) ווו איז האַרדי? איז ער אַוועק?

אָסבאָרן: יאָ, ער איז אַוועק.

סטענהאָפּ: אַוועק, טאַקע אמת? כ'ווייס. כ'האָב געהאַט עפּעס צו רעדן מיט האַרדי, איז ער גאָר אַוועק, דער שוויין! שמו- ציקע טראַנשייען... אַלץ שמוציק... כ'האָב שוין קיין כוח נישט צו האַלטן אין איין זאָגן אים, די טראַנשייען זאָלן זיין ריין.

אָסבאָרן: (שטייט נעבן סטענהאָפּן און לייגט אים ווידער ארויף מילד די האנט אויפן אקסל) מאָרגן וועלן מיר אַלץ ריין מאַכן.

סטענהאָפּ: (קוקט אָן אָסבאָרנען און לאַכט פריילעך) אַלטער פּעטערל, טייערינקערן! וועסט אויסרייניקן די טראַנשייען — מיט אַ שטויב-קעסטל אַ קליינס, מיט אַ באַרשט, יאָ? (לאַכט) מאַך זיך אַ קליין פאַרטוכל מיט אַ שנירעלע צוצובינדן...

אָסבאָרן: דאָס וועט זיין זייער פיין. נו, איצט קום, אַלטער בחור. כ'וועל זען, מ'זאָל דיך אויפוועקן צוויי אַ זייגער. (נעמט אָן שטאַרק סטענהאָפּן ביי דער האנט און שלעפּט אים צו צום בעט) ביסט דאָך אַזוי מיד.

סטענהאָפּ: (מיט אַ שוואַכן קול) גאָט מיינער, כ'בין אַזוי שרעקלעך מיד. אַ ווייטיק... אינעווייניק... אומעטום... כ'בין קראַנק.

אָסבאָרן: (העלפט אים זיך לייגן. דעקט אים איין מיט דער קאָלדרע) צייט אַ מינוט וועסטו זיך פילן זייער גוט. נו, ווי איז דיר איצט? באַקוועם?

סטענהאָפּ: יאָ, באַקוועם. (קוקט אַריין אָסבאָרנען אין פּנים אַריין און לאַכט ווידער) טייערינקער, אַלטיטשקער פּעטערל מיינערן דעק מיך גוט צו.

אָסבאָרן: (פאַרשטעקט די קאָלדרע אין אַלע זייטן אַרום סטענהאָפּן) שוין, פאַרטיק.

סטענהאָפּ: גיב אַ קוש, פּעטערלן

אָסבאָרן: מ'דאַרף נישט קושן ווער בעסער אַנטשלאָפן.

סטענהאָפּ: (מאַכט צו די אויגן) יאָ, כ'וועל אַנטשלאָפן...
(דרייט זיך לאַנגזאַם אויס אויף אַ זייט מיטן פּנים צו דער ערד־וואַנט.)

אָסבאָרן: (שטייט אַ ווײַלע וואַכנדיק איבער אים, דערנאָך לעשט ער אויס די ליכט בײַ סטענהאָפּס בעט. סטענהאָפּ טוט אַ טיפן זיפץ און הייבט אָן שווער צו אָטעמען. אָסבאָרן גייט צו צום דינערס אָקאָפּע און רופט שטיל) מייסן!

מייסן: (באַווייזט זיך אין טונעל־אַרייַנגאַנג אין אַן אויפֿקנעפּלטן מונדיר) וואָס וויל דער הער?

אָסבאָרן: וועסטו קענען אויפוועקן — מיך אַרום צען מינוט צו עלף און הער היבערט — צען מינוט צו צוויי? איך גיי זיך דערווייל צולייגן.

מייסן: זייער גוט, הער. (פּויזע) דער פּעפער ז'שוין דאָ, הער.

אָסבאָרן: אָ, זייער פיין.

מייסן: כ'האָב געהאַט אַ סך קרענקונג צוליבן פּעפער, הער.

אָסבאָרן: ס'איז אָלרייט, מייסן.

מייסן: אַ גוטע נאַכט, הער.

אָסבאָרן: אַ גוטע נאַכט.

(מייסן פאַרלאָזט די אָקאָפּע. אָסבאָרן דרייט זיך אויס און קוקט אַרויף צו די שמאָלע טרעפּלעך, וואָס פירן אין דער נאַכט אַריין, ווו די פלעמלעך פון דער פּאָזיציע גייען אויף און פאַרבלייכן אַנטקעגן דעם אויסגעשטערנטן הימל. ער כאַפּט נאָכאַמאָל אַ בליק אויף סטענהאָפּן און שפּאַנט צו צו זיין בעט, נעמט אַרויס פון זיין מונדיר־קעשענע אַ גרויסן, אַלט־פרענקישן זייגער און דרייט אים רויק אָן. דורך דער שטילקייט דערטראָגן זיך שוואַכע פאַרדומפּענע קולות פון ווייטע שיסערייען).

(פאָרהאַנג פאַלט)

צ ו ו ײ ט ע ר א ק ט

ערשטע סצענע

אויף מאָרגן אינדערפרי. אַ בלייכער סנאָפּ זונליכט באַשײַנט די טרעפּלעך, דאָך ברענען די ליכטלעך אין טונקעלן ווינקל, וווּ אָסבאָרן און ראַלײַ פרישטיקן. מייסן האָט דערלאַנגט פאַר יעדן אַ גרויסן טעלער מיט שינקע און וויל אַוועקגיין. אין דעם מאָמענט קומט אָן טראָטער, פייפט־צו פריילעך עפּעס אַ לידל און רײַבט זיך די הענט.

ט ר אָ ט ע ר: וואָס פאַר אַן אָנגענעמער ריח פון שינקע דאָ איז!

מ יי ס ן: יאָ, הער. כ׳רעכן, אַז דער ריח פון שינקע איז דאָ אַזוי שטאַרק, אַז ער וועט אונז געננוג זײַן ביז מיטאָג.

ט ר אָ ט ע ר: זייער גוט. ס׳איז נישטאָ קיין בעסערס, ווי אַ גוט פעט שטיקל שינקע, בפרט נאָך, ווען דו ביסט אַזוי אויסגעהונגערט ווי איך.

מ יי ס ן: כ׳בין זייער צופרידן, הער, וואָס איר האָט ליב דאָס פעטע.

ט ר אָ ט ע ר: יאָ, אָבער כ׳האָב דאָס מאָגערע אויך נישט פײַנט.

מ יי ס ן: אין אייער חלק, הער, איז טאַקע געווען אַ שטיקל מאָגערס, ס׳האָט זיך אָבער כמעט אינגאַנצן אויסגעקאָכט מיט דער יויך.

ט ר אָ ט ע ר: אויב אַזוי, איז עס שלעכט געקאָכט. האָסט אפשר קאַשע?

מ יי ס ן: אָ, יאָ, הער. דאָ האָט איר קאַשע.

ט ר אָ ט ע ר: ס׳אוודאי מיט געדיכטע שטיקער, נײַן?

מ יי ס ן: יאָ, הער. מיט געדיכטע שטיקלעך און ס׳זעט אויס זייער פײַן.

ט ר אָ ט ע ר: נו, גוט. די שטיקלעך אָבער מעגסטו אַרויסנעמען.

מ יי ס ן: און באַלד ברענגען אייך די יויך, הער? זייער גוט, הער. (מייסן גייט ארויס. טראָטער קוקט אים נאָך מיט חשד).

טראַטער: (צו אָסבאָרן) ווייסט, דער מאַן ווערט דאָ עפּעס צו היימיש.

אָסבאָרן: ר׳איז אָבער נישט קיין שלעכטער קוכער.

טראַטער: (נעמט דאָס קאַווע־טעפּעלע און שמעקט) יאָ, כ׳ווייס. ווי מיינסטו, האָט ער אויסגעוואַשן די שטשירקע?

אָסבאָרן: כ׳האָב שוין מיט אים גערעדט וועגן דעם.

טראַטער: ווירקלעך? אָ, האָסטו זייער גוט געטון. ווי איז עס צוגעגאַנגען?

אָסבאָרן: כ׳האָב אַוועקגעשריבן מיין ווייב און געבעטן, זי זאָל מיר שיקן אַ פּעקל לוקס. האָב איך עס געגעבן מייסענען און צוגערעדט אים, ער זאָל עס פּרובירן צו באַנוצן.

טראַטער: ביסט אַ ווויליער יונג. ניין, קיין שלעכטער קי־כער איז ער טאַקע נישט. ס׳האָט נאָך געקענט זיין אַ ערגערער. כ׳געדענק ווען איך בין געווען אין די פאָדערשטע רייען, האָבן מיר געהאַט אַ טייערן, אויסגעצייכנטן קיכער; פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ בליי־אַרבעטער. האָסטו שוין געדאַרפט זען, ווי ער פּלעגט איינדעמפּן פלייש. שיטער, וואָס שיטער הייסטן וואָס רעד איך, שיטער איז נאָך גאָרנישט. ווען דו טוסט אַריין אַ עמער פלייש זיינע אין אַ וואַנע אַריין און שלעפּסט אַרויס פון דער וואַנע אַיין ברעטל וואָלט עס אינגאַנצן אויסגערונען, אַז ס׳וואָלט קיין טראָפּן נישט בלייבן.

(מייסן ברענגט אַריין טראַטערס קאַשע).

מייסן: די שטיקלעך האָב איך אַרויסגענומען, הער.

טראַטער: גוט. האַלט זיי ווען דו וועסט מאַכן אַ פּודינג. דאָס צווייטע מאָל האָבן מיר געקאָכטע רינדפלייש, יאָ?

מייסן: זייער גוט, הער (אָפּ).

טראַטער: יאָ. אַ ווויליער, אויסגעצייכנטער קיכער איז ער געווען, יענער בליי־אַרבעטער, ביז גאָר... צום גליק האָט ער זיך אַמאָל ביים טיי אַזוי שטאַרק אָפּגעבריט, אַז ער איז געקומען אַהיים אינ־גאַנצן אָן אָפּגעפּרעגלטער... האָט מייסן געקריגן פּעפער?

אָסבאָרן: יאָ.

טראַטער: זייער גוט. פּעפער מוז שטענדיק זיין.

אָסבאָרן: כ׳האָב געמיינט, דו ביסט היינט געווען אויף דינסט.

טראַטער: כ׳האָב טאַקע גערעכנט צו זיין, האָט מיך סטענ־

האָפּ אַראָפּגעשיקט צום פּרישטיק. ער וועט דאָרט אַלץ היטן, ביז איך וועל דאָ ענדיקן.

אַסבאָרן: אַ שיין שטיקל אַרבעט האָט ער זיך גענומען.

טראָטער: אָ, ניין. איך בין פון די גיכע עפּערס. אַהער, מייסן שינקען

מייסן: (פון יענער זייט) גלייך, הערן

אַסבאָרן: סאַר אַ וווּנדערבאַרער פרימאָרגן הײַנט איזן

טראָטער: יאָ, זייער אַ פיינער פרימאָרגן. עפּעס פילט מען זיך אַזוי יונג און האָפנונגספול. כ׳בין נאָר־וואָס געווען אין יענער אַלטער טראַנשיי, אונטער דער ציגל־וואַנט און — זאָל מיך דער טייוול כאַפּן, אויב האָב איך נישט געזען דאָרט ווי אַ קליין־פייגעלע האָט זיך צעזונגען. דאָס האָט געקלונגען אַזוי מאָדנע. ס׳איז געווים אַ סימן פון פרילינג. (ס׳קומט אַריין מייסן מיט טראָטערס שינקען ס׳זעט אוים אויסגעצייכנט.

מייסן: ווען איר וועט קוקן דערויף גלייך פון אויבן, הער, וועט איר זען, ווי דאָס שטיקל מאָגערס איז אינגאַנצן קלאָר און ריין.

טראָטער: אָ, גאָט, טאַקע דאָס איז עס, ניין?

מייסן: ניין, הער, דאָס איז גאָר אַ שטיקל זשאַווער פון דער פּאַטעלניע.

טראָטער: אַך, אַזוי גאָר?

מייסן: יאָ, הער (אָפּ).

טראָטער: שנייד אָפּ, פעטערל, אַ שטיקל ברויט.

אַסבאָרן: (שניידט אים אָפּ אַ פּעניצל) ווי האַלט עס עפּעס דאָרטן?

טראָטער: כ׳האָב נישט ליב דאָרט אַלץ צו באַטראַכטן.

אַסבאָרן: מיינסט אוודאי די שטילקייט, וואָס געפעלט דיר נישט?

טראָטער: יאָ. שטייענדיק דאָרט הײַנטיקע נאַכט אין דער פינסטערניש, האָב איך קיין לעבעדיק באַשעפעניש נישט געפילט אַרום זיך, אחוץ די פּישטשענדיקע שטשורעס און מיין מאָגן, וואָס האָט זיך צעבורטשעט נאָכן קאָטלעט.

אַסבאָרן: ס׳איז נאָך אַפילו איצט אויך שטיל.

טראָטער: אַ פאַרשאָלטענע שטילקייטן קענסט די שטיוול איינלייגן, אויב דער באָש גרייט נישט צו דאָרטן עפּעס. כ׳רעכן, אַז דער גרויסער אָנגריף איז שוין גאָר נאָענט. פוי, כ׳האָב עס נישט ליב, פעטערל. דערלאַנג דעם מאַרמעלאַד.

אָ ס ב אָ ר ן: דאָס איז רויטע יאַגעדעס.

ט ר אָ ט ע ר: טאַקע? כ׳בין זייער צופרידן, וואָס מיר זענען שוין פּטור געוואָרן פונם מאַלינעם מאַרמעלאַד. ס׳קען לאַנג נישט שטיין. באַלד האָסטו די קערעלעך הינטערן טעלער.

ס ט ע נ ה אָ פּ: האָט דיר סטענהאָפּ דערציילט, אַז ער וויל די נאַכט באַשטימען צוויי גרופּעס צו די דראָט-פאַרצוימונגען?

ט ר אָ ט ע ר: יאָ. ער באַשליסט טאַקע איצט וועגן דעם. (רייסט איבער און זעצט פאָר שטיל) אַך, גאָט מיינער, — פּעטערל, ווי קראַנק ער זעט אויס!

אָ ס ב אָ ר ן: כ׳האָב מורא, ער פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען.

ט ר אָ ט ע ר: קיינעם וואָלט נישט זיין בעסער, ווען ער פירט זיך ווי ער. (פּויזע) געדענקסט, ווי דו ביסט די נאַכט געקומען מיך איבערנעמען?

אָ ס ב אָ ר ן: אַנטקעגן וואָס פרעגסטו דאָס?

ט ר אָ ט ע ר: הער זשע. ווען איך מיט ראַליי זענען אַהער צוריקגעקומען, האָבן מיר געטראָפן סטענהאָפּן זיצן אויפן בעט און טרינקען וויסקי. ער האָט דעמאָלט אויסגעזען ווייס, ווי אַ ליילעך. גאָט, וואָס פאַר אַ געפערלעך אויסזען ער האָט דעמאָלט געהאַטן ער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען פון מיטאָג אָן. איך האָב אים געזאָגט „העלאָן״ און ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיך אינגאַנצן נישט דערקענט. ס׳עפּעס אומפאַרשטענדלעך, נישט אמת, ראַליי?

ר אַ ל י י: (מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ) יאָ.

ט ר אָ ט ע ר: ער האָט בלויז געזאָגט: „לייג זיך בעסער שלאָפן, ראַליי״ — פּונקט ווי ראַליי וואָלט דאָ געוועזן זיינס אַ שול-יונגל.

אָ ס ב אָ ר ן: האָט ער טאַקע אַזוי געזאָגט? (פּויזע) טו נאָר אַ קוק אויף דער זון. ווייזט אויס, ס׳וועט גיך ווערן וואַרעם.

(זיי קוקן אַלע אויפן בלייכן פירעקיקן זונשיין אויף דר׳ערד).

ט ר אָ ט ע ר: ס׳איז איצט גאַנץ וואַרעם. פילסט עס זייער גוט, שטייענדיק אין דרויסן. ס׳ערשטע מאָל היינטיקס יאָר. ס׳איז צו דערוואַרטן אַ הייסן זומער.

אָ ס ב אָ ר ן: כ׳מיין אויך אַזוי.

ט ר אָ ט ע ר: ס׳עפּעס מאָדנע מיט יענע פייגעלע. ס׳מאַכט מיך עפּעס אַזוי מונטער. ס׳דערמאָנט זיך מיר מיין גאָרטן אין

אָונטצייט, נאָכן עסן, ווי איך פּלעג זיך אַרומגיין אין שטעק-שיך, רויכערנדיק אַ לולקע.

אָ ס ב אָ ר ן: האָסטו עפּעס ליב גערטנעריי?

ט ר אָ ט ע ר: אָ, איך פלעג יעדן טאָג אַריינאַרבעטן אַ שטיק אין אָוונט אַריין. כ'האָב געהאַט אַ שיין שטיקל פראָנט-פּלאַץ, באַוואַקסן מיט גראָז און אַרומגעפּלאַנצט מיט אַלערליי בלומען — שנאָבעלעך, לאָפּעליעס, קאַלסאַלאַריעס — אַזעלכע רויטע, ווייסע, בלאָע, אַלערליי קאָלירן. צום שענסטן האָט עס אויסגעזען אום זומער.

אָ ס ב אָ ר ן: נו, יאָ.

ט ר אָ ט ע ר: און נעבן די בלומען זענען נאָך געוואַקסן שיינע ריבעלעך. איינמאָל זענען זיי אויסגעוואַקסן ביז אַכט פוס די הויך. אַט האָסטו אַ פאָטאָגראַפיע פון זיי. (ער טאַפּט אין קעשענע) ווילסט זען?

אָ ס ב אָ ר ן: אַדרבא. (באַטראַכט דאָס בילד) אָ, גאָט, ווי שיין דאָס איז!

ט ר אָ ט ע ר: (אַריבערקוקנדיק איבער אָסבאָרנס אַקסל) זעסט יענץ, אַט דאָרט?

אָ ס ב אָ ר ן: וואָס איז עס?

ט ר אָ ט ע ר: דאָס איז דער דאַך פון דער זומער-וווינונג.

אָ ס ב אָ ר ן: יאָ, ס'איז טאַקע.

ט ר אָ ט ע ר: דאָ קענסטו זען די הויכקייט פון די ריבעלעך.

אָ ס ב אָ ר ן: מ'זעט טאַקע· (ער ווייזט דאָס בילד ראַלייען) אַ שיין בילד, ווי מיינסטו?

ר אַ ל י י: אָ, זייער.

ט ר אָ ט ע ר: מ'האָט קיינמאָל נישט באַדאַרפט אַריינשטעקן קיין שטעקלעך צו לאָזן זיי וואַקסן גלייך, קיינמאָל נישט. (פּויזע) און דו ביסט עפּעס פעיק צו גערטנעריי?

אָ ס ב אָ ר ן: יאָ, אַביסל. ווען כ'פלעג זיין אינדערהיים פריי, פלעג איך מיין גאָרטן אַרומצאָמען מיט שטאַכעטן. כ'פלעג אויף מיין ראָוווער אַרומפאָרן אין די וועלדער, אויסזוכן „שלאָפּמיצלעך" און אַנדערע בלומען און פּרווון זיי פאַרפלאַנצן אין מיין גאָרטן.

ט ר אָ ט ע ר: כ'מיין, אַז זיי וואָלטן נישט געוואַקסן דאָרט.

אָ ס ב אָ ר ן: זיי וואָלטן יאָ געוואַקסן, ווען מ'וואָלט זיי אַרומגעלייגט פון אַלע זייטן מיט מאָך...

ט ר אָ ט ע ר: ...זיי זאָלן זיך פילן, ווי ביי זיך אינדערהיים, האָ? (ער לאַכט).

אָסבאָרן: ווען זיי האָבן זון, וואָלטן זיי גיך אַרויסגעוואָקסן.

טראָטער: יאָ, כ'רעכן אַזוי. איך דערמאָן זיך אַ פרימאָרגן פון פאַראַיאָריקן פרילינג. מיר זענען דעמאָלט געהאַט אַרויסגעקומען פון דער אונטערגראָבונג, פונקט ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, בעת דער באָש האָט אונז מכבד געווען מיט די גאַז זיינע, וואָס שמעקן ווי בערן-זאַפט, ווייסט דאָך וועלכע.

אָסבאָרן: כ'ווייס. פאָסגען-גאַז.

טראָטער: דאָס איז עס טאַקע. מיר האָבן זיך דערשראָקן, ווי פאַר אַ טייוול. פלוץ-פּלוצלינג האָבן מיר דערשפּירט דעם עקלדיקן זיסן ריח. איינער פון אונז האָט אַ געשריי געטון: „גאַז!" — און מיר האָבן תיכּף זיך אָנגעטון די מאַסקעס. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, וואָס דאָ איז געווען.

אָסבאָרן: וואָס אַ שטייגער?

טראָטער: וואָס, פרעגסטו? — אַ בלישטשענדיקער מאַי-בוימען אינגאַנצן איינגעהילט אין בליעכץ, איז ער זיך געשטאַנען אָן אַ זייט פונם שטעגל. מיר האָבן זיך געפילט זייער נאַריש, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעטון די גאַז-מאַסקעס צוליב עפּעס אַ פאַרשאָלטענעם מאַי-בוימען (ער ציט זיך אויס און פרוווט פאַרקנעפּלען דעם מונדיר) אָ, גאָטן איך מוז זען אָפּצערן זיך אַביסל. (ער הויבט זיך אויף) גוט, כ'וועל בעסער גיין און איבערנעמען סטענהאָפן. ער וועט שעלטן ווי דער טייוול, אויב כ'וועל נישט קומען. כ'וועט זיך מיט דיר, אַז ער האָט היינטיקן מאָרגן געקריגן אַ רויטן לעבער...

אָסבאָרן: איך וועל איבערנעמען דיין דינסט אַ זייגער עלף.

טראָטער: זייער גוט. כ'האָב נישט ליב אין די דאָזיקע שעהן צו געפינען זיך אויפן פראָנט. דער אַלטער באָש ענדיקט דאַן זיין פרישטיק, און איז אונז מכבד מיט עטלעכע שראַפּנעלן אָדער גראַנאַטן צו באַווייזן, אַז ער האָט אונז נישט פאַרגעסן... שאַ, ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן, — איך וואָלט בעסער געוואָלט קריגן אַ קויל אָדער צוויי, איידער צו פאַרטראָגן דאָ די טייוולדיקע שטילקייט (ער טוט אָן זיין העלם און די גאַז-מאַסקע און גייט אַרויס דורך די טרעפּלעך) בראַוואָ!

אָסבאָרן: בראַוואָ!

ראַלײַ: בראַוואָ!

אָסבאָרן: (צו ראַלײַ) כ'גלויב נישט, אַז סטענהאָפּ וועט דיך שוין פון איצט לאָזן אַליין גיין אויף דינסט.

ראליי: אזוי? ווען קען דאָס אויסקומען?

אָסבאָרן: כ׳רעכן, אז נאָך מיר. פון ארום צוויי ביז פיר.

ראליי: כ׳פאַרשטיי.

(פויזע. דערנאָך קוקט אָסבאָרן אויף ראַליי און לאַכט.)

אָסבאָרן: וואָס קלערסטו וועגן דעם אַלעם?

ראליי: אָ, אָלרייט, אַ דאנק. (ער לאַכט) כ׳פיל זיך, ווי כ׳וואָלט שוין דאָ געווען ווער ווייס ווי לאַנג.

אָסבאָרן: (אָנפּילנדיק די לולקע) כ׳פאַרשטיי אויך אזוי. די צייט רוקט זיך פונדעסטוועגן.

ראליי: זענען מיר דאָ אויף זעקס טעג?

אָסבאָרן: יאָ. ס׳זעט אויס אַ לאַנגע צייט, נישט אמת?

ראליי: (מיט אַ דראָבנע געלעכטערל) נו, געוויס אזוי. כ׳קען זיך גאָרנישט פאַרשטעלן, ווען ס׳וועט אַ סוף נעמען צו די זעקס טעג...

אָסבאָרן: ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן מיר שוין צוועלף שעה אַדורכגעשטופּט. ווייסט, ס׳איז זייער גוט, ווען דו ווערסט באַפרייט פון דער ארבעט, גייסט זיך אראָפּ אויף דער ליניע און קריגסט אַ גוטע, הייסע באָד; דערנאָך זעצסטו זיך אוועק אונטער אַ בוים און לייענסט אַ בוך... ווי גוטן

ראליי: אָך, גאָט מיינער, ס׳דאַכט זיך, אַז איך האָב שוין יאָרן גאַנצע קיין בוים נישט אָנגעקוקט פאַר די אויגן, קיין אמתן בוים, מיט בלעטער און צווייגן און — אינגאַנצן בין איך דאָ נישט מער, ווי צוועלף שעה.

אָסבאָרן: בכלל, ווי פילסטו זיך דאָ, אויף דער פּאָזיציע?

ראליי: אָ, אָלרייט. אין אָנהויב האָט דאָ אויסגעזען אזוי שרעקלעך, דערצו נאָך די משונהדיקע רויקייט, — ווי יעדער איינער קריכט דאָ ארום און רעדט אזוי שטיל. איך מיין, אַז איר האָט אזאַ באַפעל צו רעדן שטיל, בעת איר זענט נאָענט צו דער דייטשער פראָנט-ליניע. ס׳איז, דאַכט זיך, נישט מער, ווי אַ זיבעציק יאַרד, ניין?

אָסבאָרן: יאָ. בערך די זעלבע ברייט פון אַ ראַדזשער-פעלד.

ראליי: ס׳עפּעס אזוי מאָדנע. ווי דו באַטראַכסט אַלץ לויטן ראַדזשער.

אָסבאָרן: איך מעסט שטענדיק די שטחים לויט ראַדזשער. כ׳געדענק גוט דעם רעכענונג.

ראַלײ: האָסטו געשפּילט אַמאָל אין ראַדזשער?

אָסבאָרן: יאָ. אָבער אַממײנסטן אין די לעצטע עטלעכע יאָר אין שול.

ראַלײ: אויב אַזוי, ביסטו אַ שול־פּירער?

אָסבאָרן: יאָ. כ׳מוז זיך פאַר דיר אַנטשולדיקן.

ראַלײ: אָ, אדרבא, כ׳האָב גאָרנישט קעגן די שול־פּירער. (האַסטיק) איך... איך... כ׳מײן, איך האָב קײנמאָל נישט געטראָפן זיך מיט אַזעלכע אויסער דער שול.

אָסבאָרן: זײ זענען אַמאָל אויך אויסער דער שול.

ראַלײ: אין וואָס האָסטו געשפּילט?

אָסבאָרן: אין האַרלעקין־שפּיל.

ראַלײ: טאַקע באמת?

אָסבאָרן: בײ אַ וויכטיקער געלעגנהײט פלעג איך שפּילן אין רעפּרעזענטאַנץ־דרוזשינע פאַר ענגלאַנד.

ראַלײ: אַזוי? פאַר ענגלאַנד?!

אָסבאָרן: כ׳בין געווען זײער צופרידן פונם גליק צו שפּילן אין אַזאַ דרוזשינע. אָ, ס׳איז שוין אַ לאַנגע צײט...

ראַלײ: (מיט גרויס דרך־ארץ) אָבער, גאָט מײנערן ס׳איז דאָך עפּעס גאָר אַ גרויסע זכיה. ווו האָסטו געשפּילט?

אָסבאָרן: אין דריטן פליגל.

ראַלײ: כ׳פאַרשטײ, כ׳פאַרשטײ, איך... איך וואָלט זיך קײנמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז דו זאָלסט האָבן געשפּילט אין אַ רעפּרעזענטאַנץ־דרוזשינע פאַר ענגלאַנד.

אָסבאָרן: דאָס איז טאַקע נישט קײן קלײניקײטן אויף יעדן פאַל דאַרפסטו עס נישט צעטראָגן צווישן אַלע.

ראַלײ: ווײסט נאָך קײנער נישט דערפון?

אָסבאָרן: מיר האָבן נאָך דאָ וועגן ראַדזשער קײנמאָל נישט גערעדט.

ראַלײ: אָ, נײן. זײ מוזן עס ווײסן, זײ וואָלטן דערפון שטאַרק הנאה געהאַט.

אָסבאָרן: (לאַכט) ס׳איז זײ דאָ אַ גאַנץ קנאַפּער אונטערשײד, יאָ געשפּילט, נישט געשפּילט.

ראַלײ: ס׳מוז אָנכאַפּן אַ ציטער, ווען מ׳שפּילט עפּנטלעך פאַר אַזאַ ריזיקער מאַסע, און יעדער שרײט און לאַכט...

אָסבאָרן: ווען די שפּיל הײבט זיך אָן, באַמערקט מען אָבער דאָס אַלץ נישט.

ראליי: איז דאָס דערפאַר, וואָס מ׳איז צופיל אַריינגעטון אין שפּילן?

אָסבאָרן: יאָ, געוויס.

ראליי: איך פלעג אין שול אָפּטמאָל שפּילן, כ׳האָב אָבער געהאַט נישט מער, ווי עטלעכע צוקוקער, פונם קליינוואַרג.

אָסבאָרן: ווען ס׳איז פאַראַן בלויז עטלעכע צוקוקער, פילט זיך עס נאָך מער. (ער הייבט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פון טיש. פּלוצלינג צעלאַכט ער זיך) טו נאָר אַ קוקן

ראליי: (קוקט עס אָן נייגעריק) וואָס איז עס אַזוינס?

אָסבאָרן: טראָטערס אַן איינפאַל, די צייט זאָל גיך אַוועק. הונדערט פיר און פערציק קליינע רעדעלעך — צו איין רעדעלע אויף יעדער שעה פון די זעקס מעת-לעת. זעקס האָט ער שוין פאַרשטראָכן. ער האַלט נאָך מיט זעקס שעה צוריק.

ראליי: דאָס איז זייער אַ ווילער איינפאַל. כ׳האָב אים ליב, טראָטערן.

אָסבאָרן: ער איז אַ ווילער יונג.

ראליי: אַלץ איז ביי אים אַזוי פּשוט, נאַטירלעך.

אָסבאָרן: ער איז אַן אמתער גוטער-ברודער.

ראליי: יאָ, ר׳איז אַן אמתער גוטער-ברודער. (פּויזע. ער פילט אָן פון דאָס ביי זיין לולקע. אָסבאָרן רויכערט נאָך די פריערדיקע). אָך, וואָס פאַר אַ זכיה דאָס איז—צו האָבן געשפּילט ווי אַ רעפּרעזענטאַנט פון ענגלאַנדן

אָסבאָרן: ס׳איז געווען גאַנץ לייכט, אַ שפּאַס.

ראליי: (נאָך אַ פּויזע) ווייזט אויס, די דייטשן זענען גאַנץ רויק, נישט אמת? איך מיין, אַ חוץ די צייטונגען זייערע.

אָסבאָרן: יאָ. (פּויזע) כ׳דערמאָן זיך, ביי וויפערס האָבן מיר דערשאָסן אַ סאָלדאַט, בעת ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך. דאָס איז געווען באַגינענצייט. מיר האָבן נישט געקאָנט אים צונעמען. ער איז דאָרט געלעגן אַ גאַנצן טאָג און געהאַלטן אין איין קרעכצן. אויף דער צווייטער נאַכט זענען דריי פון אונזערע אַרויסגעקראָכן ברענגען אים. דאָס אָרט איז געווען אַזוי נאָענט פון די דייטשע טראַנשייען, אַז מ׳וואָלט לייכט געקאָנט דערשיסן אונזער חברה, איינס ביי איינס. ווען זיי האָבן אָבער אָנגעהויבן צו שלעפּן דעם פאַרוואונדעטן איבער דער צעגריבלטער ערד, איז אַרויס אַ הויכער דייטשער אָפיציר פון דער טראַנשיי און אויסגערופן: „טראָגט אים אַריין!״ — און די דריי חברה-לייט אונזערע האָבן אים תיכף

צוריקגעטראָגן, און דער אָפיציר האָט נאָך אָנגעצונדן אַ פייער, מ'זאָל גוט זען.

ראַלײ: ווי פּײַן דאָס איזן

אָסבאָרן: און אויף מאָרגן האָבן מיר צעפּלאָקערט און צע־שאָסן אויף פּיצלעך איינע די אַנדערעס טראַנשייען.

ראַלײ: דאָס זעט שוין אויס אַזוי נאַריש, נישט אמת?

אָסבאָרן: נו, יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי. (שטיל אַ ווײַלע.)

ראַלײ: די נאַכט, ווען כ'בין צוריקגעקומען פון דער וואַך, האָב איך שוין אָנגעהויבן צו שרייבן אַ בריוו. ווי אַזוי שיקט מען דאָ אָפּ בריוו?

אָסבאָרן: דער קוואַרטירמייסטער־סערזשאַנט נעמט זיי צו־נויף, נאָכדעם ווי ער ברענגט אין אָוונט די פּאָרציעס אונזערע.

(סטענהאָפּ קומט אָן לאַנגזאַם פון די טרעפּלעך. ראַלײ הויבט זיך אויף.)

ראַלײ: כ'רעכן דעם בריוו באַלד צו ענדיקן, אויב כ'וועל גיך האָבן דינסט.

אָסבאָרן: קום בעסער אַהער און שרײַב אים דאָ. ט'זיין אַביסל היימלעכער.

ראַלײ: אָלרייט, אַ דאַנק. ס'איז מיר דאָרטן געווען באַקוועם. כהאָב דאָרט געמאַכט זיך אַ טישל, נעבן בעט

אָסבאָרן: זייער פּײַן.

(ראַלײ גייט אַרויס אין זיין אָקאָפּע. סטענהאָפּ טוט לאַנגזאַם אויס די אויבערשטע בגדים.)

סטענהאָפּ: פוי, וואָס פאַר אַ מיאוסער ריח פון שינקע דאָ שפּירט זיך.

אָסבאָרן: יאָ, מיר האָבן געקריגן אויף פרישטיק שינקע.

סטענהאָפּ: אַזוי גאָר? האָסטו געזאָגט ראַלייען וועגן דער ביקסן־אינספּעקציע זיינער?

אָסבאָרן: ניין.

סטענהאָפּ: (ווענדט זיך צום אַריינגאַנג פון ראַלײס אָקאָפּע) ראַליין

ראַלײ: (באַווייזט זיך) וואָס איז?

סטענהאָפּ: אַ זייגער ניין דאַרפסטו אַדורכפירן די אינ־ספּעקציע פון די ביקסן אין דיין ראָטע.

ראַלײ: גוט, סטענהאָפּ (גייט צוריק אַרויס).

סטענהאָפּ: (זעצט זיך ביים טיש) ווייסט, כ'האָב באַ־

שטימט צוויי פארטיעס צו די דראָט-פאַרצוימונגען, נאָך אויף היינט אַכט אין אָוונט — קאַפּראַל בערט מיט צוויי סאָלדאַטן און סערזשאַנט סמיט מיט צוויי. כ'האָב זיי אָנגעזאָגט צו פּאַרפעקטיקן די דראָטן לענגאויס דעם גאַנצן פראָנט.

אָסבאָרן: די יעצטיקע פארצוימונגען זענען שוין טאַקע זייער שוואַך.

סטענהאָפּ: יעדע אָפּטיילונג פארלאָזט זיך אויף אַ צווייטער, אַז יענע וועט דאָס טון. שוין זינט עטלעכע וואָכן, אַז דאָרטן זענען פאַראַן גרויסע גריבער.

אָסבאָרן: יאָ, כ'ווייס.

סטענהאָפּ: קומענדיקע נאַכט וועלן מיר פארלייגן אַ פּאַס שטעכעדיקן דראָט פוןביידע זייטן פון אונזער טראַנשיי.

אָסבאָרן: אונטן פון ביידע זייטן?

סטענהאָפּ: יאָ, מיר וועלן זיך דאָ גוט פּאַרפעקטיקן. אויב דער אָנגריף וועט זיך טאַקע אָנהייבן, וויל איך מיך נישט אָנטרויען אויף די איבעריקע אָפּטיילונגען, אַז זיי וועלן קענען איינהאַלטן זייער פּאָזיציע.

(מייסן קומט אַריין און שטעלט זיך אַוועק, אָפּגערוקט אין הינטערגרונט).

מייסן: ווילט איר אפשר אַ גוט שטיקל שינקע, הער?

סטענהאָפּ: ניין, כ'דאַנק, כ'וויל בעסער אַ טעפעלע טיי.

מייסן: גלייך, הער (אָפּ).

סטענהאָפּ: כ'האָב איצט געמאַכט אַ נישקשהדיקן אומקרייז. מיר האָבן דאָ אַ שטאַרקע פּאָזיציע, — אויב מיר וועלן זי נאָר ווי געהעריק אַרומצאָמען מיט דראָט. דער קאָלאָנעל האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם.

אָסבאָרן: אָ, איז ער אויך געווען דאָרט?

סטענהאָפּ: יאָ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ דייטשער געפאַנגענער האָט אָנגעגעבן דעם טאָג פונם אָנגריף אויפן איינאונצוואָנציקסטן.

אָסבאָרן: אויף דאָנערשטיק?

סטענהאָפּ: יאָ, היינט איז דינסטיק.

אָסבאָרן: דאָס הייסט איבערמאָרגן באַגינען.

סטענהאָפּ: יאָ, פון היינט אויפן צווייטן באַגינען.

(פּויזע).

אָסבאָרן: אויב אַזוי, וועט דאָס פּאַרקומען, ווען מיר וועלן נאָך זיין דאָ.

סטענהאָפּ: יאָ, דאָס וועט פּאַרקומען, ווען מיר וועלן נאָך זיין דאָ. און מיר וועלן זיין אין דער פאָדערשטער ריי פון דער קאַוואַלעריע.

אָסבאָרן: אָ, גוט. (אין דער שטילקייט, וואָס נאָכן שמועס, קומט אַריין מייסן מיט אַ טעפּעלע טיי.)

מייסן: ווילט איר גוטע סאַרדינען, הער?

סטענהאָפּ: כ'האָב עס פיינט. כ'קען עס נישט פאַרטראָגן.

מייסן: זייער גוט, הער (אָפּ).

אָסבאָרן: האָט דער קאָלאָנעל אַ סך גערעדט מיט דיר?

סטענהאָפּ: בלויז דאָס, אַז ווען דער גרויסער אָנגריף וועט אָנקומען, דאַרפן מיר זיך נישט ריכטן אויף קיין שום הילף פון הינטער-פראָנט. מיר טאָרן זיך פונדאַנען נישט רירן. פאַראַן אַ באַפעל, אַז מיר מוזן דאָ בלייבן.

אָסבאָרן: כ'פאַרשטיי.

סטענהאָפּ: מיר וועלן זיך אַרומדראַטעווען ווי ווייט מעגלעך. כ'האָב געקריגן אַ באַפעל איינצואָרדנען קאַמף-פּאָזיציעס פאַר יעדער ראָטע און פאַר יעדער סעקציע, נאָך היינט נאָכמיטאָג.

אָסבאָרן: זייער גוט. כ'בין שטאַרק צופרידן, וואָס ס'קומט שוין ענדלעך אָן. כ'בין שוין פּשוט קראַנק פון וואַרטן.

סטענהאָפּ: (קוקט אויף טראָטערס קאַרטע) וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַן אויסטערלישע זאַך?

אָסבאָרן: דאָס איז טראָטערס אַ פּלאַן, די צייט זאָל וואָס-גיכער אַוועק. הונדערט פיר און פערציק רעדעלעך — צו איין רעדעלע אויף יעדע שעה פון די זעקס מעת-לעת.

סטענהאָפּ: וויפיל שעה קען נאָך זיין ביזן באַגינען פונם איינאונצוואַנציקסטן?

אָסבאָרן: ווייסט דער גוטער יאָר. כ'רעכן, אַז נישט קיין סך.

סטענהאָפּ: איצט איז שוין באַלד ניין אַ זייגער, איז פיר און צוואַנציק שעה ביז מאָרגן אין דער צייט; און נאָך צוועלף ביז ניין אויפדערנאַכט, מאַכט עס אויס זעקס און דרייסיק; דערנאָך ניין שעה ביזן צווייטן באַגינען אַ זייגער זעקס, — צוזאַמען פינף און פערציק שעה. (ער הויבט אָן אַראָפּצונעמען פינף און פערציק רעדעלעך פון טראָטערס קאַרטע).

אָסבאָרן: וואָס האָסטו בדעה דערמיט צו טון?

סטענהאָפּ: ביים סוף פון פינף און פערציקסטן רעדעלע, וועל איך אָנצייכענען אַ בילד פון טראָטערן, ווי ער ווערט צעשאָסן אויף פיר שטיקער.

אָסבאָרן: מאַך נישט קאַליע די קארטע זיינע. העכער אַ שעה האָט גדוויערט, ביז ער האָט עס געמאַכט.

סטענהאָפּ: ער וועט עס נישט פארשטיין. ער פארמאָגט נישט קיין פאַנטאַזיע.

אָסבאָרן: איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געמיינט, ער זאָל עס האָבן.

סטענהאָפּ: ס'איז עפּעס מאָדנע, נישט צו האָבן קיין שום פאַנטאַזיע. ס'זעט אוים אַזוי משונהדיק.

אָסבאָרן: דערצו נאָך אַביסל נודנע אויך.

סטענהאָפּ: ס'איז זיכער אַזוי. איך גלויב, אַז אַ גאַנץ לעבן זיינס פילט זיך טראָטער, ווי מיר ביידע, בעת מיר זענען שטאַרק שיכור.

אָסבאָרן: אָרעמער בחורן

סטענהאָפּ: איך מיין, אַז ווען טראָטער וואָלט אַ קוק געטון אויף דער דאָזיקער וואַנט, וואָלט ער דאָ געזען נישט מער, ווי איר ברוינעם אויבערפלאַך. ער וואָלט נישט אַריינגעדרונגען מיט זיין בליק צו זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין דער ערד — די ווערעם, וואָס קריכן אַרום די שטיינער און די וואָרצלען פון די ביימער... ווייסט, איך קען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ וואָרעם ווייסט, ווען ער קריכט אַרויף און ווען אַראָפּ.

אָסבאָרן: קען זיין, אַז ווען ער קריכט אַראָפּ, קומט אים אָן דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין און פולסירט דאָרט שטאַרקער, אַזוי־אַרום ווייסט ער ווו ער קריכט.

סטענהאָפּ: ווערעם האָבן אָבער נישט קיין בלוט.

אָסבאָרן: אויב אַזוי, איז טאַקע מעגלעך, אַז זיי ווייסן טאַקע גאָרנישט.

סטענהאָפּ: ס'מוז אויסקומען זייער נאַריש — ער מיינט, דער וואָרעם, אַז ער קריכט אַרויף, בעת אין אמתן קריכט ער גאָר אַראָפּ.

אָסבאָרן: יאָ. מעגלעך, אַז דערפאַר טאַקע שרעקן זיי זיך שטענדיק אַזוי.

סטענהאָפּ: צי מיינסט נישט, אַז דאָס לעבן פאַרשאַרפט די חושים און די פאַנטאַזיע?

אָסבאָרן: יאָ, כ'רעכן אַזוי.

סטענהאָפּ: ווען איך זאָל נישט קוקן אויף עפּעס, דרינג איך באַלד אַריין אינעווייניק און דערזע אַלץ דורך און דורך. אָט איצט, למשל, ווען איך קוק אויף דיר, זע איך דיין מונדיר, די מאַרינאַרקע, דאָס וועסטל, דאָס העמד און דערנאָך ווייטער...

אָסבאָרן: לאָמיר בעסער רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, — וועגן קראָקעט, אַ שטייגער, אָדער וועגן דער מלחמה.

סטענהאָפּ: (לאַכט) ליידערן שוין אַזאַ געוווינהייט, וואָס האָט זיך לעצטנס צוגעטשעפּעט צו מיר אַדורכצודרינגען אַלץ מיט מיין בליק און אַזוי כסדר אַלץ מער און מער, ביז ס'פאַלט אָן אויף מיר אַ פּחד און — סטאָפּ!

אָסבאָרן: איך מיין, אַז דאָ, אויפן פראָנט, פילט יעדער אַ סך שאַרפער, נישט אמת?

סטענהאָפּ: יאָ, כ'מיין אויך אַזוי... איך ווייס נישט, צי ס'איז שלעכט אָדער ניין. האָסטו אַמאָל דערפילט פּלוצלינג, ווי אַלץ אַרום דיר רוקט זיך אַוועק און אַנטלויפט פון דיר אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז דו בלייבסט איינער אַליין אין דער וועלט... און דערנאָך — ווי די וועלט רוקט זיך אָפּ, און דו ביסט דאָס איינציקע באַשעפעניש אין... אין דעם גאַנצן אוניווערס... שטרענגסט זיך אָן אַלץ צוריק צו באַקומען און דו קענסט נישט, — האָסטו עס שוין געפילט אַמאָל?

אָסבאָרן: אָך, ס'איז נישט מער, ווי אַ נערוון-אָנ-שטרענגונג.

סטענהאָפּ: מיינסטו נישט, אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען?

אָסבאָרן: אָ, גאָט, ניין! ווי פאַלט עס דיר איין?

סטענהאָפּ: (פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף הינטן און לאַכט) טייערינקער, אַלטער פעטערל מיינערן דו ווייסט טאַקע נישט באמת? דו מאַכסט זיך אַזוי, כדי כ'זאָל זיך בעסער פילן, ניין?

אָסבאָרן: ווען אַ מענטש גייט אַראָפּ פון זינען, רעדט ער נישט דערפון און דערציילט עס קיינעם נישט. ר'האַלט עס אין זיך.

סטענהאָפּ: נו, פעטערל, אויב אַזוי, איז אַלרייט. (שטילט אויף אַ ווייל.) כ'האָב געהאַט אַט דעם געפיל היינט אינדערפרי,

שטייענדיק אויף דער ליניע, בעת די זון איז אויפגעגאנגען. אגב, האסטו געזען דעם זון-אויפגאנג? ווי פרעכטיק ער איז געווען

אָסבאָרן: יאָ, ס׳הייגט אַ גלענצנדיקער פרימאָרגן.

סטענהאָפּ: כ׳האָב געקוקט אויף די דייטשע טראנשייען און פון דאָרטן — ווייט הינטער זיי... ס׳איז שטיל געווען, מ׳האָט קיין שאָרך נישט געהערט און קיין לעבעדיקער נפש איז נישט געווען. בלויז אַ רחבותדיקער פליין צעשאָסן און צעגראָבן, ווי אַ ים, וואָס ווערט אַלץ מער בלאָטיקער און בלאָטיקער, ביז ער ווערט אינגאנצן פארגליווערט, אָן שום באַוועגונג. האסט געקענט הערן, ווי אַ שפּילקע פאַלט אַראָפּ, אַזוי שטיל איז עס געווען, הגם דו ווייסט, אַז דאָ געפינען זיך באַהאַלטן טויזנטער הארמאַטן, אַלע געריייניקט און געשמירט גרייט צום שיסן; מיליאָנען קוילן ליגן אין די קעסטלעך און קויל-בייטלען; טויזנטער דייטשן, וואָס וואַרטן און טראַכטן דאָרט דאָסזעלבע. דעמאָלט איז בהדרגהדיק געקומען צו מיר יענץ געפיל...

אָסבאָרן: כ׳האָב גאָר קיינמאָל זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די זון גייט אויף אַזוי שיין און פילפאַרביק, ביז איך בין אָנגעקומען אהער און אַליין געזען. גרין, ראָז, רויט, בלאָ, גרוי... ס׳עפּעס אויסערגעוויינלעך, נישט אמת?

סטענהאָפּ: יאָ. — מייסן, אהערן

מייסן: (פון יענער זייט) גלייך, הערן

סטענהאָפּ: ברענג אַ פּאָר קווערטלעך און אַ פלעשל וויסקי

מייסן: גלייך, הערן

אָסבאָרן: (שמייכלט) שוין מיטן באַגינען?

סטענהאָפּ: איצט איז פונקט גוט. ס׳אַ פאַרשאָלטענע קעלט דאָ.

אָסבאָרן: (בלעטערט אַ זשורנאַל) זעסט דאָ דעם היפּאָדראָם? אַ לאַנגע צייט זענען דאָרט אָנגעגאַנגען די געיעגן.

סטענהאָפּ: וואָסערע? זיגזאַג?

אָסבאָרן: יאָ. דאָרט איז פאַראַן דזשאָרדזש ראַביי.

סטענהאָפּ: האַרפּער איז טאַקע דאָרט געווען, בעת ער איז געווען פריי. ער דערציילט, אַז ס׳איז געוואַלטיק שיין. ראַביי איז דאָרט אומפאַרגלייכלעך קאָמיש.

(מייסן ברענגט אַריין וויסקי, וואַסער און קווערטלעך.)

אַסבאָרן: אַ שאָד, וואָס איך בין נישט געגאַנגען אַמאָל באַקוקן.

סטענהאָפּ: מיינסטו דערמיט צו זאָגן, אַז דו האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען די פערד-געיעגן?

אַסבאָרן: (לאַכט) ניין. כ'פלעג שטענדיק פאַרברענגען אין גאָרטן, אַרומצוימען און פלאַנצן. אין די אָוונטן פלעג איך זיצן און לייענען און מיין ווייב פלעגט פאַרצירעווען שקאַרפעטן, אַמאָל אויך שפּילן פּיאַנאָ. מיר האָבן געמיינט, ס'איז גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישטאָ, ביז מיינע צוויי קליינע יאַטלעך האָבן עס מיר דערמאָנט, ווען זיי פלעגן זיך שפּילן אויף דער פּאָדלאָגע מיט צינערנע סאָלדאַטלעך.

סטענהאָפּ: אָרעמער, אַלטער פעטערלן קענסט זיך גאָר-נישט אָפּגעוווינען פון זיי.

אַסבאָרן: אַ שאָד, וואָס איך קען נישט פירן קיין מלחמה, ווי יענע יאַטלעך מיינע. האָסט באַדאַרפט זען, ווי זיי פלעגן עס אַרונטערוואַרפן די סאָלדאַטלעך אונטער דער סאָפע און צודריקן זיי מיט די פיס.

סטענהאָפּ: (לאַכט און נעמט אַ טרונק) האַלסטו איצט ביי אַביסל משקה?

אַסבאָרן: איצ טנישט. אַ דאַנק.

סטענהאָפּ: אויף דינסט גייסטו ערשט אַ זייגער עלף,ניין?

אַסבאָרן: יאָ. איך דאַרף איבערנעמען טראָטערן.

סטענהאָפּ: דערנאָך וועט ראַליי גיין איינס אַ זייגער און וועט שטיין מיט דיר אַ שעה צייט. דאַן וועט ער שוין קענען אַליין זיין ביז פיר. און נאָך אים וועט זיין היבערט.

אַסבאָרן: זייער גוט.

סטענהאָפּ: וואָס טוט ער איצט, ראַליי?

אַסבאָרן: ער פאַרענדיקט אַ בריוו.

סטענהאָפּ: האָסטו אים דערציילט?

אַסבאָרן: וועגן וואָס?

סטענהאָפּ: וועגן צענזור.

אַסבאָרן: מיינסט עס טאַקע ערנסט?

סטענהאָפּ: צי כ'מיין עס ערנסט? פאַרשטייט זיך, וואָס דען?

אַסבאָרן: טאָרסט עס אים נישט טון.

סטענהאָפּ: אָפּיציעל דאַרף איך לייענען אַלע אייערע

בריוו. כאַפּט עס דער רוח, פּעטערלן שטעל דיך פאַר, ווען דו ביסט אויף מיין אָרט — ס׳ווערט אָפּגעשיקט פון דאַנען אַ בריוו... פון דעם בחור... און צו איר נאָך...

אָסבאָרן: נאַרישקייטן, ער וועט וועגן דיר גאָרנישט שרייבן.

סטענהאָפּ: פונוואַנען ווייסטו דאָס? (פּויזע) היינטיקע נאַכט האָב איך געהערט, ווי דו ביסט אַוועק אויף דער וואַך. נאָך דיין אַוועקגיין, האָב איך זיך אויפגעהויבן. כ׳האָב זיך געפילט זייער שלעכט. כ׳האָב אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז ראַליי איז אַוועק מיט טראָטערן. לגמרי פאַרגעסן. כ׳בין געווען שלעפעריק. כ׳האָב נאָר געוווּסט, אַז ס׳איז עפּעס געשען. דאַן איז ער אַריינגעקומען מיט טראָטערן און מיך אָנגעקוקט. כ׳פאַרשטיי, אַז נאָכן אַריינקומען אַהער פון דער פרישער נאַכט-לופט, האָט ער אַוודאי דערשפּירט דאָ דעם ריח פון די חלבנע ליכט, פון שטשורעס און פון וויסקי. ס׳איינציקע, וואָס אַזאַ יינגל ווי ער, קען נישט פאַרטראָגן, איז אַ נישט-פרישער ריח. האָט ער מיך אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט, פונקט ווי איך וואָלט אים דערלאַנגט מיט עפּעס צווישן די אויגן... פונקט ווי כ׳וואָלט אויף אים אָנגעפאַלן און ווער ווייס וואָס געטון.

אָסבאָרן: טרייבסט איבער, שטעלסט זיך פאָר מער, וויפל ס׳איז.

סטענהאָפּ: (לאַכט) כ׳טרייב איבערן מ׳דאַרף דאָ נישט איבערטרייבן...

אָסבאָרן: פאַרוואָס קענסטו אים נישט באַהאַנדלען גלייך מיט אַלע?

(ראַליי קומט אַריין פון זיין אָקאָפּע מיט אַ בריוו אין האַנט. ער בלייבט שטיין, באַמערקנדיק די פּלוצלינגדיקע שטילקייט, וואָס איז געוואָרן צוליב זיין אַריינקומען.)

ראַליי: כ׳באַדויער זייער, כ׳האָב אייך געשטערט.

אָסבאָרן: אָ, ניין, ראַליי, אַלרייטן גייסטו צו דער ביקסן-אינספּעקציע?

ראַליי: יאָ.

אָסבאָרן: דאַרפסט זיך נישט ערגערן, אויב די האָלץ-טיילן וועלן אַפילו זיין נישט אַזוי ריין, — דער עיקר זענען די רערלעך און די איבעריקע מעטאַלענע טיילן.

ראַליי: גוט.

אָסבאָרן: זע, צי דאָרט איז פאַראַן אַ סך אייל, און כאַפּ אַ קוק צו דער אַמוניציע אין די קעסטלעך פון די סאָלדאַטן.

ראַלײ: (גייט צו האַרט צו דער טיר און קערט זיך אום) ווו קען מען דאָ אָוועקלייגן בריוו?

אָסבאָרן: אָט דאָ אויפן טיש.

ראַלײ: אַ דאַנק. (הויבט אָן אַרומלעקן מיטן צונג די ראַנדן פון קאָנווערט.)

סטענהאָפּ: (רויק) לאָז דעם בריוו אָפן.

ראַלײ: (איבעראַשט) אָפן?

סטענהאָפּ: יאָ. איך מוז צענזורירן אַלע בריוו.

ראַלײ: (שטאַמלט) אַך, אָבער... כ'האָב דאָרט גאָרנישט גע-שריבן וועגן... גאָרנישט... ווו זענען מיר דאָ?

סטענהאָפּ: אַזוי איז דאָס געזעץ, אַלע בריוו מוזן דאָ געלייענט ווערן.

ראַלײ: (נערוועז) אָ, איך... איך האָב זיך עס גאָרנישט פאָרגעשטעלט. (שטייט צעטומלט, דערנאָך זאָגט ער מיט אַ דראָבנעם געלעכטערל) איך... איך מיין... אויב אַזוי, וועל איך דעם בריוו צוריק-נעמען (קנעפּלט אָפּ די מונדיר־קעשענע אַרויסצוציִען צוריק דעם בריוו.)

סטענהאָפּ: (הויבט זיך אויף, דערנענטערט זיך צו ראַלײ און שטעלט זיך אַוועק האַרט פאר זיין פּנים) גיב אָפּ דעם בריוון

ראַלײ: (דערשטוינט) אָבער... דעניס...

סטענהאָפּ: (ציטערט פון אויפרעגונג) גיב אָפּ דעם בריוון

ראַלײ: אָבער... ס'איז דאָך פּריוואַט. כ'האָב גאָרנישט גע-ווּוּסט...

סטענהאָפּ: ווייסטו וואָס הייסט אַ געזעץ? גיב אָפּ דעם בריוון

ראַלײ: איך זאָג דאָך אייך... דאָ איז גאָרנישטאָ.

סטענהאָפּ: (כאַפּט אים אָן פאר דער האַנט און רייסט ארויס דעם בריוו.)

ראַלײ: דעניסן... כ'בין...

סטענהאָפּ: וואָס פאַר אַ „דעניס"? סטענהאָפּ הייס איךן ביסט דאָ נישט אין שולן שוין גיי אויף דער ביקסן-אינספּעקציען

ראַלײ: (שטייט אַ דערשטוינטער ביי די טרעפּלעך).

סטענהאָפּ: (שרייט) ווייסט וואָס הייסט אַ געזעץ?

ראַלײ: (קוקט אַ ווײַלע מיט ברייט-צעעפנטע אויגן אויף

סטענהאָפּן, וואָס שווידערט איינגאַנצן און סאָפּעט שווער. דערנאָך זאָגט ער כמעט שעפּטשענדיק: „גוט!" און גייט אַרום דורך די טרעפּלעך.)

סטענהאָפּ: (דרייט זיך אום צום טיש.)

אַסבאָרן: אַך, גאָט אין הימלן סטענהאָפּ, וואָס איז מיט דיר?

סטענהאָפּ: (קוקט זיך אום ווילד צו אַסבאָרן) קיין וואָרט נישטן איך פיר אָן מיט דער אָפּטיילונג. ווען כ'וועל דאַרפן, וועל איך דיר פרעגן עצותן

אַסבאָרן: זייער פיין.

(סטענהאָפּ בויגט זיך אָן אויפן טיש מיטן בריוו אין האַנט. שטיל. דערנאָך טוט ער אַ וואָרף דעם בריוו אויפן טיש און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ אויףביידע הענט.)

סטענהאָפּ: אָך, גאָטן כ'וויל עס נישט לייענען, כ'וויל נישטן

אַסבאָרן: ווערסטו אפשר דעם בריוו אַזוי אַדורכלאָזן?

סטענהאָפּ: זאָל שוין זיין! (פּויזע).

אַסבאָרן: זאָל איך דעם בריוו אַדורכקוקן אַנשטאָט דיר?

סטענהאָפּ: אויב דו ווילסט.

אַסבאָרן: כ'האָב נישט קיין חשק.

סטענהאָפּ: כ'קען נישט. לייען דו בעסער.

(אַסבאָרן נעמט דעם בריוו פון טיש און עפנט אים. סטענהאָפּ זיצט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויפן האַנט, און גראַבלט מיט אַ בלייפעדער אין אַ זשורנאַל. ס'געדויערט אַ ווײַלע. אַסבאָרן קוקט אויף סטענהאָפּן.)

אַסבאָרן: ווילסט הערן?

סטענהאָפּ: לייען, לייען, וועל איך בעסער פאַרשטיין.

אַסבאָרן: ער הייבט אָן מיט אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי ער איז אַהער אָנגעקומען... ער דערמאָנט נישט קיין שום נעמען פון עפּעס אַן אָרט.

סטענהאָפּ: נו, און ווייטער?

אַסבאָרן: דער לעצטער אָפּזאַץ איז וועגן דיר.

סטענהאָפּ: לייען

אַסבאָרן: (לייענט) ער זאָגט: „און איצט קום איך צו דער גרויסער נייעס. כ'בין געקומען אין דער באַטאַליאָן-הויפּטקוואַרטיר. דער קאָלאָנעל האָט אַריינגעקוקט אין אַ קליין ביכל און געזאָגט: „איר ווערט צוגעטיילט צו דער „צ"-אָפּטיילונג — צו קאַפּיטאַן סטענהאָפּ". קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי כ'האָב זיך דע-

מאָלט דערפֿרייט. כ'בין געגאַנגען לענגאויס די טראַנשייען און דער־זען ענדלעך די געהעריקע אָקאָפּע. דאָרט איז געווען אַ זייער שיינער אָפיציר... אינגאַנצן געעלטערט... מיט גרויע האָר...'' (אָסבאָרן פֿאַרהוסט זיך) ...,,און שפּעטער איז אָנגעקומען דעניס. ער האָט אויס־געזען אַזוי פֿאַרמאַטערט, אָבער דאָס איז צוליב זיין שווערער אַר־בעט. און דערצו נאָך איז ער פֿאַר אַלץ פֿאַראַנטוואָרטלעך. דערנאָך בין איך געגאַנגען אויף דינסט אין דער פֿאָדערשטער פּאָזיציע און אַ סערזשאַנט האָט מיר דאָרט אַלץ דערציילט וועגן דעניסן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דעניס איז דער בעסטער אָפיציר אין באַטאַ־ליאָן. אַלע סאָלדאַטן האָבן אים שטאַרק ליב. ער שלאָפט כמעט קיינמאָל נישט אין דער אָקאָפּע. שטענדיק נאָר אויף דער פֿראָנט־ליניע מיט די סאָלדאַטן. ער ווילט זיי דאָרט מיט זיינע וויצן און דערציילט זיי וועגן אַ סך זאַכן, פּונקט ווי פֿאַר שול־קינדער. כ'בין זייער שטאָלץ און צופֿרידן, וואָס ער איז מיין פֿריינט.''

(שטיל. די גאַנצע צייט פֿון לייענען האָט זיך סטענהאָפּ קיין ריר נישט געטון.)

אָסבאָרן: דאָס איז אַלץ. (פּויזע) קען איך שוין דעם בריוו אַריינלייגן?

(סטענהאָפּ זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער ברומט שטיל: ,,יאָ, ביטע''. ער הויבט זיך שווער אויף און שפּאַנט צו צו די שאָטנס ביי אָסבאָרנס בעט.

פֿון דרויסן שיינט אַריין אַ העלע בלישטשענדיקע זון)

(פֿאָרהאַנג פֿאַלט)

צווייטע סצענע

(המשך)

נאָכמיטאָג פון זעלבן טאָג. אויף דער פּאָדלאָגע פון דער אָקאָפּע שיינט שוין נישט די זון, דאָך איז נאָך אינעווייניק גענוג ליכטיק פונם טאָגליכט.

סטענהאָפּ ליגט אויף זיין בעט און לייענט אַ זשורנאַל ביי אַ ליכט, וואָס שטייט אויפן טיש, נעבן אים. אויף די טרעפּ־לעך באַווייזט זיך אַ שווערע פיגור, לאָזט זיך אַראָפּ און בלייבט שטיין, בליקנדיק אויף די שאָטנס אין דער אָקאָפּע. אַ הויכער, ברייט־גופיקער, מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס, אַ פעט רויט גע־זיכט און געגווידערטן קין.

סטענהאָפּ: (לייגט אַוועק דעם זשורנאַל, הויבט זיך אויף און זעצט זיך אַנידער ביים טיש) כ'האָב עפּעס צו רעדן מיט דיר, סערזשאַנט־מאַיאָר.

סערזשאַנט־מאַיאָר: וועגן וואָס, הער?

סטענהאָפּ: זעץ זיך אַנידער. ווילסט אַביסל וויסקי?

סערזשאַנט־מאַיאָר: (מיט אַן אויפגעהייטערטער שטים) אַדאַנק, הער (גיסט זיך אַן אומדרייסט אַ קליין ביסעלע).

סטענהאָפּ: כ'פאַרשטיי, ווילסט אוודאי בלויז פאַרזוכן. נעם בעסער אַ גאַנצע כוסה.

סערזשאַנט־מאַיאָר: זייער גוט, הער.

(סטענהאָפּ ציט זיך אויס, העלפט צו דעם סערזשאַנט־מאַיאָר אָנ־גיסן זיך אַ היפּש קווערטל און נעמט זיך אויך אַביסל).

סערזשאַנט־מאַיאָר: ס'ווערט ווידער קיל, הער. אינ־דערפרי איז שוין געווען גאַנץ וואַרעם.

סטענהאָפּ: יאָ.

סערזשאַנט־מאַיאָר: איך טרינק פאַר אייער געזונט, הער (ער הויבט אויף דאָס קווערטל וויסקי און טרינקט).

סטענהאָפּ: בראַוואָ. (ער לאָזט אַראָפּ דאָס קווערטל און ענ־דערט פּלוצלינג דעם טאָן) הער זיך איין, סערזשאַנט־מאַיאָר, דעם אָנ־גריף דערוואַרטן מיר אויף דאָנערשטיק פרי, באַגינען צייט. דאָס הייסט איבערמאָרגן.

סערזשאַנט־מאַיאָר: (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שמו־

ציק קליין נאָטיץ־ביכעלע און פאַרצייכנט שנעל, אַנוואַרפנדיק, מיט אַ זייער קליין שטיקל בלייפעדער) דאַנערשטיק אינדערפרי. זייער גוט, הער.

סטענהאָפּ: מיר מוזן איינהאַלטן די טראַנשייען. קיינער טאָר זיך פונדאַנען נישט אַרויסרירן.

סערזשאַנט־מאַיאָר: יאָ, הער, ריכטיק.

סטענהאָפּ: ס׳קען מעגלעך זיין, אַז די איבעריקע קאָמ־פּאַניעס, אין דיביידע זייטן פון אונזערע טראַנשייען, וועלן אוועק און איבערלאָזן אונז אומבאַשיצט, אויסגעשטעלט אויפן גאַנצן פייער. ווייל איך פאַרלייגן אַ גרויסע דראָט־פאַרצוימונג, וואָס זאָל אַרומ־נעמען ביידע זייטן, ביז די דראָטן פון דער שוץ־ליניע.

סערזשאַנט־מאַיאָר: (שרייבט שנעל) דראָט־פאַרצוי־מונג... ביידע זייטן... גוט, הער.

סטענהאָפּ: ווען דער אַנגריף וועט זיך אָנהייבן, וועל איך איבערנעמען די קאָמאַנדע איבער דער לינקער זייט, און מיסטער אָסבאָרן — אויף דער רעכטער. דו וועסט זיין צוזאַמען מיט מיסטער אָסבאָרן און איך וועל נעמען צו מיר סערזשאַנט בייקער. די נייַנ־טע און צענטע ראָטעס וועלן אַרויס פון דאַנען (ווייזט אויף דער פּאָזיציע־צייכנונג פון דער טראַנשיי־מאַפּע) און די עלפטע און צוועלפ־טע וועלן גיין אויף לינקס.

סערזשאַנט־מאַיאָר: כ׳זע, הער.

סטענהאָפּ: ווייסטו שוין אַלץ? איז דיר אפשר נאָך נישט קלאָר עפּעס?

סערזשאַנט־מאַיאָר: (קוקט אויף זיינע נאָטיצן) ס׳זעט אויס אַלץ קלאָר, הער.

סטענהאָפּ: ווילסטו אפשר נאָך עפּעס וויסן?

סערזשאַנט־מאַיאָר: זייער גוט, הער. (הוסט אָפּ) ווען דער אַנגריף וועט קומען, וועלן מיר אים, פאַרשטייט זיך, אָפּשלאָגן, — וואָס וועט אָבער זיין, אויב זיי וועלן האַלטן בסדר אין איין אָנגרייפן?

סטענהאָפּ: וועלן מיר האַלטן בסדר אין איין אָפּשלאָגן.

סערזשאַנט־מאַיאָר: יאָ, הער, אָבער נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן. כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז קיין מעגלעכקייט נישטאָ אַ סך אויפצוטון.

סטענהאָפּ: (מונטער) אָ, איך מיין, אַז מ׳קען יאָ.

סערזשאַנט־מאַיאָר: אויב אַזוי, איז גוט, הער. ווען

מ׳וועט נישט דערגרייכן אַלץ אין ערשטן טאָג, וועט מען אַטאַקירן אויפן צווייטן טאָג, אויפן דריטן און אַזוי כסדר...

סטענהאָפ: דאָס איז אָבער אוממעגלעך.

סערזשאַנט-מאַיאָר: אויב אַזוי זענען מיר דאָך נישט מחויב איצט אַלץ צו באַשטימען, ווי אַזוי... המ... (זוכט אַ פּאַסיק וואָרט) ווי אַזוי אָפּצוטרעטן?

סטענהאָפ: מ׳דאַרף עס טאַקע נישט, פאַרשטייסט? די דאָזיקע אָפּטיילונג אונזערע שטייט אַ סך בעסער ווי די אָפּטיילונגען „א״ און „ב״, פון ביידע זייטן פון אונזער טראַנשיי.

סערזשאַנט-מאַיאָר: ריכטיק, הער.

סטענהאָפ: יאָ, ס׳וועט זייער גוט זיין. ווען מ׳וועט אַנטלויפן, וועלן עס די „א״- און „ב״-אָפּטיילונגען טון פריער פאַר אונז. כל-זמן מיר זענען נאָך דאָ, אַפילו ווען די איבעריקע וועלן אַנטלויפן, וועלן מיר נאָך קענען געבן דעם באָש גענוג פייער, בעת ער וועט זיך פּרוּוון צוקריגן צו אונז, — מיר וועלן פּשוט אַ תל מאַכן פון אים. מיר וואָלטן געקענט אָפּהאַלטן דעם אָנגריף אַ גאַנצן טאָג צייט.

סערזשאַנט-מאַיאָר: (צוריקגעהאַלטן) יאָ, הער, אָבער וואָס וואָלטן מיר געטון, ווען דער באָש רינגלט אונז אַרום פון אַלע זייטן?

סטענהאָפ: וואָלטן מיר אָנגעגריפן און געוווּנען די מלחמה...

סערזשאַנט-מאַיאָר: (וויל פאַרצייכענען) געוווּנען די מלחמה... זייער גוט, הער.

סטענהאָפ: דאַרפסט פאַרשטיין געניי, וואָס איך מיין, סערזשאַנט-מאַיאָר. מיר האָבן אַ באַפעל אומבאַדינגט צו בלייבן דאָ אויפן אָרט. איז ווען מ׳זאָגט דיר אָפּצושטעלן זיך דאָ, דאַרפסטו דאָך נישט מאַכן קיין פּלענער, ווי אַזוי צו אַנטלויפן.

סערזשאַנט-מאַיאָר: אויסגעצייכנט, הער.

(פון איבער די טרעפּלעך הערט זיך אָסבאָרנס קול)

סערזשאַנט-מאַיאָר: (הויבט זיך אויף.)

אָסבאָרן: ביסט דאָ, סטענהאָפּ?

סטענהאָפ: (הויבט זיך שנעל אויף) יאָ, וואָס איז

אָסבאָרן: דער קאָלאָנעל איז דאָ פאַראַן, ר׳וויל זיך זען מיט דיר.

סטענהאָפ: אָ, גוט, כ׳קום שוין אַרויס.

קאלאנעל: (פון דרויסן) אָלרייט, סטענהאָפ, איך גיי אַראָפּ.

סערזשאַנט-מאַיאָר: (שטייענדיק שוין) האָט איר פאַר מיר נאָך עפּעס, הער?

סטענהאָפ: דערווייל נישט. כ׳וועל זיך נאָך זען מיט דיר אויף דער וואך-שעה, אין אָוונט.

סערזשאַנט-מאַיאָר: אויסגעצייכנט, הער.

(ער שטעלט אַ טריט אויף צוריק און באַגריסט עלעגאַנט סטענהאָפּן. סטענהאָפּס בליק פאַלט אויפן סערזשאַנט-מאַיאָרס נישט אויסגעטרונקען ביסל וויסקי, וואָס איז געבליבן אויפן טיש. ער ווייזט עס אים.)

סטענהאָפ: און וואָס וועט זיין דערמיט?

סערזשאַנט-מאַיאָר: אַ דאַנק אייך, הער. (ער פאַרענדיקט דאָס טרינקען.)

(דער קאַלאָנעל קומט אַראָפּ פון די טרעפּלעך.)

קאַלאָנעל: גוט מאָרגן, סערזשאַנט-מאַיאָר.

סערזשאַנט-מאַיאָר: גוט מאָרגן, הער. (גייט אַרויס)

סטענהאָפ: העלאָ, הער קאַלאָנעלן

קאַלאָנעל: העלאָ, סטענהאָפּן (שנאַפּט מיט דער נאָז) ס׳אַרא שטאַרקער ריח פון שינקע.

סטענהאָפ: יאָ, הער. מיר האָבן היינט געהאַט אויף פרי-שטיק שינקע.

קאַלאָנעל: הענגט דאָ ביי אייך די שינקע?

סטענהאָפ: יאָ, ס׳טריקנט זיך אויפן וואַנט.

קאַלאָנעל: אַ ווילער טאָג היינט.

סטענהאָפ: אַ גלענצנדיקער טאָג, הער.

קאַלאָנעל: ס׳קומט שוין דער פרילינג. (פּויזע) כ׳בין זייער צופרידן, וואָס איר זענט דאָ אַליין. כ׳האָב באַקומען ערנסטע נייעס.

סטענהאָפ: ס׳איז מיר זייער לייד דאָס צו הערן, הער. ווילט איר אפשר אַ טרונק?

קאַלאָנעל: גוט, גוט, אַ דאַנק. איצט איז טאַקע גאַנץ גוט אַ טרונק.

סטענהאָפ: (צעמישט אַביסל וויסקי פאַרן קאַלאָנעל און פאַר זיך.)

קאַלאָנעל: ס׳איז זייער גוט דאָ.

סטענהאָפּ: בראַוואָ, הער קאָלאָנעל! (ברענגט אַ קעסטל) זעצט אייך, הער.

קאָלאָנעל: כ'דאַנק.

סטענהאָפּ: וואָס פאַר אַ נייעס, הער?

קאָלאָנעל: דער בריגאַדיער האָט מיך היינט אינדערפרי באַזוכט. (פּויזע) ס'זעט שוין אויס כמעט ווי זיכער, אַז דער דייטשער אָנגריף הייבט זיך אָן דאָנערשטיק גאַנץ פרי. מ'האָט באַקומען ידיעות פון מער ווי איין קוועלע. מ'ווייסט נאָך אָבער נישט, אויף וועלכן אָרט דער אָנגריף וועט זיין צום שטאַרקסטן. דער באָש האָט שוין נעכטן אָנגעהויבן אַרויספירן זיינע פראָנט-סאָלדאַטן. מ'מוז אָוועקשטעלן די געהעריקע פאָלקן אויף די אַלע ערטער, ווו זיי האָבן בדעה צו געבן דעם שטאַרקסטן קלאַפּ.

סטענהאָפּ: נאַטירלעך.

קאָלאָנעל: און דער גענעראַל הייסט אונז מאַכן אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל, כדי אויסצוגעפינען, פון וואַנען דער אָנגריף וועט זיך אָנהייבן. (פּויזע).

סטענהאָפּ: כ'פאַרשטיי. אויף ווען?

קאָלאָנעל: ווי ווייט מעגלעך וואָס-גיכער. ער זאָגט, אַז נאָך היינט אויפדערנאַכט.

סטענהאָפּ: אָ, דאָס איז דאָך אַן אַבסורדן

קאָלאָנעל: איך האָב עס אים געזאָגט. כ'האָב אים אויפגעוויזן, אַז צום פריסטן וואָלט דאָס געקאָנט געשען ערשט מאָרגן נאָכמיטאָג. אַן איבעראַשנדיקער אָנפאַל אינמיטן העלן טאָג, אונטער אַ רויך-וואָלקן פון דער אַרטילעריע, — דאָס, מיין איך, איז צום בעסטן. דווקא בייטאָג. יעצט וועט זיין צו-ווייניק לבנה-ליכט. און דערצו נאָך איז ממש לעבנסוויכטיק צו פאַנגען איין באָש אָדער צוויי.

סטענהאָפּ: פולקאָם גערעכט.

קאָלאָנעל: איך לייג פאָר צו שיקן צוויי אָפיצירן און צען סאָלדאַטן. פולשטענדיק גענוג. דאָ, פּונקט אַנטקעגן, איז בלויז זיבעציק יאַרד פון „קיינעמס לאַנד". היינטיקע נאַכט קען אונזער אַרטילעריע דורכשיסן אַ לאָך אין די דייטשע פאַרצוימונגען, און איר וועט אַזעלכעס קענען אויסשניידן אין אייערע. העריסאָן, פון דער אַרטילעריע, קומט היינט אָוונט עסן מיט מיר, וועלן מיר אַלץ אַרומרעדן. כ'וואָלט זייער וועלן איר זאָלט אויך זיין. וועט איר קענען אַ זייגער אַכט?

סטענהאָפּ: יאָ, זיכער, הער.

קאַלאַנעל: אויסצוקלויבן די זעלנער, וועל איך זיך פאַר־לאָזן אויף אייך.

סטענהאָפּ: הייסט איר מיך אויך גיין מיט זיי, הער?

קאַלאַנעל: אָ, ניין, סטענהאָפּ. כ׳קען אייך נישט לאָזן אוועקגיין. איך וויל, איין אָפיציר זאָל אָנפירן מיטן איבערפאַל, און איינער זאָל זיך אַריינרייסן און כאַפּן אַ פּאָר באָשן.

סטענהאָפּ: וועמען רעכנט איר צו באַשטימען, הער?

קאַלאַנעל: דעם ערשטן רעכן איך — אָסבאָרנען. ער פאַרמאָגט אַ רויקן אויסגערעכנטן קאָפּ. ער וועט זיך טויגן אָנצופירן מיטן איבערפאַל.

סטענהאָפּ: און דער צווייטער?

קאַלאַנעל: דער צווייטער זאָל זיין טראָטער, — ער איז אָבער אַביסל צו-דיק, נישט איבעריק פּאַסיק צו מאַכן די אַטאַקע.

סטענהאָפּ: געווים. אפשר היבערט?

קאַלאַנעל: זייער גוט. וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איר וועגן היבערטן?

סטענהאָפּ: איך מיין נישט, ער זאָל דערצו טויגן.

קאַלאַנעל: טאַקע נישט.

(פּויזע. זיי טראַכטן.)

סטענהאָפּ: פאַרוואָס זאָל מען נישט קענען שיקן קיין גוטן סערזשאַנט, הער?

קאַלאַנעל: ניין, דערצו טויג נישט קיין סערזשאַנט. די סאָלדאַטן האַלטן פאַר וויכטיקער, ווען אָפיצירן פירן אָן מיט דער אַטאַקע.

סטענהאָפּ: יאָ, ס׳איז טאַקע אַזוי.

קאַלאַנעל: דעם אמת געזאָגט, סטענהאָפּ, רעכן איך צו שיקן דעם יינגעטשקן, וואָס איך האָב אייך אַהערגעשיקט די לעצ־טע נאַכט.

סטענהאָפּ: ראַלי?

קאַלאַנעל: יאָ. ער איז דער ריכטיקער טיפּ. אַ לעבעדי־קער מונטערער יונג.

סטענהאָפּ: ער איז דאָך אָבער נאָך אַ פרישער און נאָך נישט צוגעוווינט צו דעם אַלעם.

קאַלאַנעל: איז נאָך בעסער. זיינע נערוון זענען נאָך געזונט און אויסגערוט.

סטענהאָפּ: ס'איז זייער איינגעשטעלט צו שיקן אַ יינגל, וואָס איז נאַר-וואָס אָנגעקומען.

קאָלאָנעל: נו, גוט, ווער נאָך איז דאָ פאראן? כ'וואָלט געקאָנט שיקן אַן אָפיציר פון אַן אַנדער אָפּטיילונג.

סטענהאָפּ: (כאַפּט אונטער שנעל) אָ, גאָט, ניין. מיר וועלן עס אַליין מאַכן.

קאָלאָנעל: אויב אַזוי, לייג איך ווידער פאָר דאָס אייגענע: אָסבאָרן זאָל אָנפירן מיטן איבערפאַל, און ראַליי זאָל אַטאַקירן. זיי וועלן האָבן מיט זיך צען גוטע סאָלדאַטן. ביים אָוונטעסן וועלן מיר זיך טרעפן מיט העריסאָן און באַשטימען די רויך-באָמבעס און ווי אַזוי דורכצולעבערן די דראָט-פאַרצוימונגען. איר קלויבט דערווייל אויס די סאָלדאַטן און גיט איבער אָסבאָרן און ראַליי וועגן דעם גאַנצן ענין.

סטענהאָפּ: אויסגעצייכנט, הער.

קאָלאָנעל: בעסער שיקט מיר צו אינדערפרי אָסבאָרן און ראַליי, וועט מען אַלץ אַדורכשמועסן. אָדער — שאַ — איך וועל אַהערקומען באַלד באַגינען.

סטענהאָפּ: גוט, הער.

קאָלאָנעל: ס'איז אַ גאַנץ נישט-אָנגענעמע זאַך. ס'אָבער זייער, זייער נויטיק.

סטענהאָפּ: געוויס אַזוי.

קאָלאָנעל: נו, גוט. דאָס איז אַלץ, סטענהאָפּ. זעען מיר זיך אַכט אין אָוונט... האָט איר ליב פיש?

סטענהאָפּ: פיש גאָר?

קאָלאָנעל: יאָ, פיש. מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פון דער הויפּט-ליניע אַביסל פרישע פיש.

סטענהאָפּ: אָ, אויסגעצייכנט, הערן

קאָלאָנעל: דאַכט זיך, אַז דאָס זענען מערלאַנען.

סטענהאָפּ: זייער פיין

קאָלאָנעל: אַ גוטן טאָגן (גייט אַרויס).

(סטענהאָפּ שטייט אַ ווײַלע און קוקט אים נאָך, דערנאָך קערט ער זיך אום און גייט צו לאַנגזאַם צום טיש.

היבערט: קומט אַריין אין אָקאָפּע פון זיין שלאָף-ווינקל.)

סטענהאָפּ: העלאָ, היבערטן כ'האָב געמיינט, דו שלאָפסט.

היבערט: כ'האָב געוואָלט עפּעס רעדן מיט דיר, סטענהאָפּ.

סטענהאָפּ: נו, שיס אַרויסן

היבערט: אלץ די נערוון-קראנקייט מיינע. כ'בין שרעק-לעך דערשלאגן, כ'האב מורא, כ'קען דא לענגער נישט פארבלייבן...

סטענהאפ: כ'ווייס. ס'נישט מער, ווי אן איינרעדעניש. איך האב עס אויך געקריגן, ווי א גיהנם...

היבערט: (ציט זיך צוריק) דו האסט עס?

סטענהאפ: געהאט דאס פאר עטלעכע וואכן.

היבערט: כ'בין זייער געקרענקט דערפון, סטענהאפ. ס'נישט גוט. כ'פיל זיך זייער שלעכט. געפרווט זיך נישט וויסנדיק מאכן, קען איך נישט. כ'מוז גיין אראפ...

סטענהאפ: אראפ — וווהין?

היבערט: כ'וועל קראנק, און כ'מוז אראפ אויף דער ליניע. אין שפיטאל, היילן זיך.

(ס'איז שטיל א ווײַלע. סטענהאפ קוקט אן היבערטן, ביז דער לעצטער דרייט זיך אוים און גייט צו זיין אקאפע.)

היבערט: כ'וועל גלייך גיין אהין.

סטענהאפ: (רויק) דו מוזט דא בלייבן.

היבערט: כ'גיי צום דאקטאר. ער וועט מיך שיקן אין שפי-טאל, אויב ער וועט נאר איינזען...

סטענהאפ: איך האב זיך שוין געזען מיטן דאקטאר, היינט אינדערפרי. ער וועט דיך אין שפיטאל אריין נישט שיקן, היבערט. ער וועט דיך צוריקשיקן אהער. אזוי האט ער מיך פאר-זיכערט. (שטיל) קענסטו זיך איינשפארן א גאנג.

היבערט: (בייז) וואס פאר א טייוולן

סטענהאפ: בלייב דאן

היבערט: איך האב פולע רעכט צו ווערן קראנק. סאל-דאטן מעגן, פארוואס זאל דאס נישט טארן אן אפיציר?

סטענהאפ: קיינער ווערט נישט געשיקט אין שפיטאל אריין, אויב ער איז נישט שטארק קראנק. ס'איז נאך גארנישט אזוי שלעכט מיט דיר, היבערט, ווי דו מאכסט זיך. די דייטשע אטאקע הויבט זיך אן דאנערשטיק. שוין כמעט ווי זיכער. מוזטו דא בלייבן און צוזאמען מיט אונז אלע אדורכלעבן דאס.

היבערט: (היסטעריש) איך זאג דאך דיר, אז איך קען נישט. דער ווייטיק מאטערט אזוי, אז כ'וועל פשוט משוגע. כ'גיין כ'האב אלע מיינע זאכן פארפאקט. איצט גיי איך — דו קענסט מיך נישט פארהאלטן

(ער גייט אויפגערעגט אריין צו זיך אין אקאפע. סטענהאפ גייט

לאנגזאם צו צו די טרעפּלעך, דרייט זיך אוים און שפּיליעט אויף זיין רעוואָלווער־שוידל. ער נעמט ארוים דעם רעוואָלווער און שטעלט זיך אַוועק אויספּרובירן אים.

היבערט קומט צוריק מיט זיין פּעקל אויפן רוקן און מיט אַ שטעקן אין האנט. אונטער סטענהאָפּס בליק שטעלט ער זיך אָפּ ביי די טרעפּלעך.)

היבערט: לאָז מיך אדורך, סטענהאָפּ.

סטענהאָפּ: דו מוזט דאָ בלייבן און טון דיין ארבעט.

היבערט: כ'האָב דאָך דיר געזאָגט: כ'קען נישט. פאַרשטייסט נישט? לאָז, סטענהאָפּ. לאָז מיך אדורך.

סטענהאָפּ: טו אַ קוק, היבערט. איך האָב נאָך זייער אַ סך ארבעט אָפּצוטון און כ'וויל נישט פּטרן מיט דיר אומזיסט קיין צייט. איינמאָל פאַר אַלעמאָל — דו מוזט דאָ בלייבן און צוזאמען מיט אונז אדורכמאַכן דעם אַנגריף.

היבערט: כ'וועל אומקומען פון ווייטיק, אויב כ'וועל נישט אַוועק.

סטענהאָפּ: בעסער שטאַרב פון ווייטיק, איידער פון אַ קויל פאַר דעזערציע.

היבערט: (מיט אַ נידעריקער שטים) וואָס מיינסטו דערמיט?

סטענהאָפּ: דו ווייסט, וואָס איך מיין...

היבערט: איך האָב דאָס רעכט צו גיין צום דאָקטאָרן

סטענהאָפּ: אָך, גאָט מיינערן פאַרשטייסט נישט, וואָס מ'רעדט צו דיר — ער וועט דיך זיכער צוריקשיקן. ד״ר פּריסטן לאָזט קיינמאָל נישט אַוועק קיין פּחדנים, בפרט נאָך צוויי טעג פאַרן אַנגריף.

היבערט: (בעטנדיק זיך) סטענהאָפּ... ווען דו וואָלסט נאָר געוווסט, ווי שרעקלעך איך פיל זיך... כ'בעט דיך... לאָז מיך גיין. לאָז... (ער גייט לאנגזאם אַדורך הינטער סטענהאָפּן. סטענהאָפּ טוט אים גראָב אַ שטופּ אָפּ אויף צוריק. מיט אַ פלינקער באַוועגונג הויבט היבערט אויף זיין שטעקן און דערלאנגט מיט אים בלינד סטענהאָפּן. יענער כאַפּט אָן דעם שטעקן, רייסט אים אַרויס פון היבערטס הענט, צעברעכט אים אויף דער קני און ווארפט אים אַוועק.)

סטענהאָפּ: גאָטן דו חזיר, דון ווייסט, וואָס דו האָסט געטון? שלאָגן אַ העכערן אָפיציר?

(ס'איז שטיל. סטענהאָפּ נעמט אָן זיין רעוואָלווער, וואָס הענגט נאָך אָן פּאַס. היבערט שטייט פאַר אים און ציטערט).

סטענהאָפּ: ס׳מאַכט נישט אויס, פונדעסטוועגן. כ׳וועל דיך דערפאַר נישט שיסן...

היבערט: לאָז מיך גיין... לאָז מיך...

סטענהאָפּ: ווען דו וואָלסט געגאַנגען, וואָלט איך דיך דערשאָסן פאַר דעזערציע. דאָס איז אַ גרויסער אומכבוד, צו שטאַרבן פאַר אַזאַ זאַך. איך וועל דיר דאָס איינשפּאָרן. כ׳גיב דיר אַ האַלבע מינוט צו באַדענקען זיך. בלייב בעסער דאָ און זיי אַ בראַווער מאַן, איידער צו דעזערטירן. אויב דו פאָלגסט מיך נישט, וועט געשען אַ קאַטאַסטראָפע. פאַרשטייסט? זעסט, איך שפּיל זיך מיט מיין רעוואָלווער? איך רייניק אים, כ׳פּאָכע מיט אים און פּלוצלינג קען ער אויסשיסן. אַזעלכעס געשעט דאָ אָפט. זעסט, כ׳לאָז אָפּ און ס׳שיסט גלייך אוים צווישן דיינע אויגן...

היבערט: (שעפּטשעט שטיל) דערוועג נישט...

סטענהאָפּ: האָסט זיך נישט פאַרדינט דערשאָסן צו ווערן פון אַ פּלוצלינגדיקער קאַטאַסטראָפע... אָבער איך וויל עס דיר איינשפּאָרן אויף אַן אַנדער אופן... כ׳גיב דיר אַ האַלבע מינוט צייט צו דעצידירן זיך. (ער הייבט אויף די האַנט אַ קוק צו טון אויפן זייגערל) נו, פון איצט אָן אַ האַלבע מינוט.

(ס׳איז שטיל. ס׳געדויערט עטלעכע סעקונדעס. פּלוצלינג ברעכט היבערט אוים אין אַ הילכיקן געלעכטער.)

היבערט: נו, טאָ שים זשען דו לאָזט מיך נישט גיין אין שפּיטאָל... איך שווער דיר, אַז איך וועל מער אין די טראַנשייען נישט פאַרבלייבן. שים, שים מיך און דאַנק גאָט...

סטענהאָפּ: (קוקט אויפן זייגערל) נאָך פופצן סעקונדעס...

היבערט: שיסן כ׳בין גרייט...

סטענהאָפּ: נאָך צען (קוקט אויף היבערטן, וועלכער האַלט צוגעמאַכט די אויגן) פינף

(סטענהאָפּ קוקט אים ווידער אָן. אין אַ רגע ארום לאָזט ער רויק אַראָפּ דעם רעוואָלווער אין שוידל אריין און שפּאַנט צו צו היבערטן. וואָס שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרשטאַרטע אויגן, די אָרעמס זענען אים שטייף צעשפּרייט פון ביידע זייטן, און די הענט קלאַמערן זיך פאַרגליווערט אין די ראַנדן פון זיין מונדיר. סטענהאָפּ לייגט מילד ארויף זיין האַנט אויף היבערטס אַקסל. היבערט רייסט זיך האַסטיק אָפּ פון זיין אָרט מיט אַ לייכטן אויסגעשריי. ער עפנט די אויגן זיינע און קוקט פריי סטענהאָפּן אין פּנים אריין. סטענהאָפּ שמייכלט.)

סטענהאָפּ: ביסט אַ ווילער מאַן, היבערט. מיר געפעלט זייער, ווי דו האָסט געשלאָגן.

היבערט: (הייזעריקלעך) פאַרוואָס האָסטו נישט געשאָסן?

סטענהאָפּ: בלייב דאָ, אַלטער בחור, און צוזאַמען מיט אונז וועסטו אַלץ איבערטראָגן...

(היבערט שטייט און ציטערט. ער פּרוווט עפּעס רעדן און קען נישט. פּלוצלינג ברעכט ער אויס אין אַ געשריי. סטענהאָפּ נעמט אַראָפּ די האַנט פון זיין אַקסל און קערט זיך אָפּ פון אים.)

היבערט: סטענהאָפּן כ׳האָב אַלץ שוין אויסגעפּרווט, כ׳שווער דיר, אַז יאָ. פון זינט איך בין אַהערגעקומען, פיל איך דערצו אַ האַס און אַן עקל. יעדער קויל, יעדער קלאַנג דאָ מאַכט מיך קאַלט און קראַנק, ס׳גראָבט אונטער מיין גאַנץ געזונט. איך בין גלייכגילטיק צו... צו די אַלע איבעריקע... פאַרשטייסט עס נישט. ס׳ווערט וואָס אַמאָל אַלץ ערגער און ערגער און איצט קען איך שוין לענגער נישט פאַרטראָגן. כ׳וועל מער נישט קומען צו די דאָזיקע אָקאָפּעס... אויף דער פּאָזיציע... מיט די סאָלדאַטן, וואָס קוקן מיך אַזוי אָן... איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט דאָ שטאַרבן, ווי לעבן ווייטער ווי ביז יעצט. (ער זעצט זיך אויף סטענהאָפּס בעט און שרייט כסדר אָן אַ שום באַמיונג זיך צו באַהערשן).

סטענהאָפּ: (גיסט אָן אַביסל וויסקי) נעם אַ טראָפּן, אַלטער בחור...

היבערט: ניין, אַ דאַנק.

סטענהאָפּ: נעם אַביסל, טרינק.

היבערט: (נעמט דאָס קווערטל און טרינקט.)

סטענהאָפּ: (זעצט זיך אַוועק נעבן היבערטן און נעמט אים אַרום מיט אַן אָרעם ביים אַקסל) איך ווייס, היבערט, וואָס דו פילסט. איך האָב עס שוין לאַנג געוווסט...

היבערט: פונוואַנען קענסטו דאָס וויסן?

סטענהאָפּ: פונוואַנען? — ווייל איך פיל אויך דאָס אייגענע — טאַקע געניוי דאָס אייגענע. יעדער קלענסטער שאָרך דאָ ווירקט אויף מיר און כ׳ליעב איבער דאָס זעלבע, וואָס דו. פאַר-וואָס האָסטו עס מיר באַלד נישט געזאָגט, אַנשטאָט צו דערציילן מיר מעשיות פון אַ נערוון-קראַנקייט? דאַרפסט וויסן, אַז מיר אַלע דאָ פילן און לעבן איבער דאָס זעלבע. אַלץ איז ביי מיר פאַרהאַסט און עקלדיק. אָפטמאָל פיל איך, אַז איך וואָלט געקענט זיך אַוועק-לייגן דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט, און קלאָגן זיך, אַז איך בין פאַרא-

ליזירט — אָדער עפּעס אַנדערש — און קען זיך נישט רירן, און אַזוי ליגן, ביז כ'וואָלט געשטאָרבן, אָדער מ'וואָלט מיך פונדאַנען אַוועקגעשלעפּט.

היבערט: כ'קען נישט מער זיין דאָ, אין די שרעקלעכע אָקאָפּעס...

סטענהאָפּ: ווען האָסטו צו גיין אויף דינסט?

היבערט: גאָר גיך. אַרום פיר.

סטענהאָפּ: לאָמיר אפשר ביידע צוזאַמען גיין? מיר ווייסן דאָך שוין אונזערע ביידנס געפילן. אפשר וועלן מיר עס ביידע צוזאַמען קענען דערשטיקן?...

היבערט: איך קאָן נישט...

סטענהאָפּ: שטעל זיך פאָר, אַז איך וואָלט אויך געזאָגט, איך קען נישט; לאָמיר זאָגן, אַז מיר אַלע טענהן, אַז מיר קענען נישט, — וואָס וואָלט דעמאָלט געשען?

היבערט: דאָס גייט מיר לחלוטין נישט אָן. וואָס באַטייט עס דען? אַלץ איז עפּעס אַזוי... אַזוי חיהש, אַזוי ווילד...

סטענהאָפּ: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז געשען דאָס ערגסטע, אַז מיר זענען אַרויסגעשלאָגן געוואָרן פונדאַנען. דערמאָן זיך נאָר פון די אַלע יינגע בחורים, וואָס זענען שוין אַוועק. דאָ קען מען נישט זיין אַליין — צוזאַמען מיט אַלע דאַרף מען אַלץ פאַרטראָגן. הגם צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז דאָ איז מען צום איינזאַמסטן. (פּויזע)

היבערט: (זעצט זיך רויק אַוועק, זיינע אויגן בלאָנדזשען פריי אַרום.)

סטענהאָפּ: נו, היבערט, יעצט גיי רו זיך אַביסל אויס. שפּעטער וועלן מיר צוזאַמען אַרויסגיין.

היבערט: כ'בעט דיך, סטענהאָפּ, לאָז מיך גיין...

סטענהאָפּ: ווען דו זאָלסט איצט האָבן אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזן דאָ אָסבאָרן, טראָטער און ראַליי און די אַלע סאָל-דאַטן, זיי זאָלן אויספירן דיין אַרבעט, וואָלסו דאָך שוין קיינעם פון זיי נישט געקענט מער קוקן גלייך אין פּנים אַריין, נישט אמת? (ווידער שטיל) קען זיין, אַז דו וועסט פאַרוואונדעט ווערן. דאַן וועסטו אַהיימגיין און פילן זיך שטאָלץ... און ווען דו זאָלסט זיך דערהרגענען, וואָלסטו שוין נישט באַדאַרפט מער פאַרטראָגן דאָ אַזאַ גיהנם. איך האָב נאָרוואָס געקאָנט לייכט שיסן. ווען כ'וואָלט עס געטון, וואָלסטו שוין איצט געליגן אַ טויטער. דו ביסט אָבער גע-

בליבן לעבן, האסט מזל, און דער גורל האט דיר געדינט. נעם עס צום גוטן און שטעל דיך צוריק מיט אסבארן, טראַמער און ראַליי. מיינסטו נישט, אַז ס׳איז כדאי צו בלייבן דאָ מיט אַזעלכע לייט, ווי זיי זענען? בפרט נאָך, אַז דו ווייסט, אַז זיי אַלע פילן אין זייערע הערצער דאָס זעלבע ווי דו, און דאָך בלייבן זיי דאָ, ווייל זיי ווייסן, אַז — אַז דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס אַן ערנט-לעכער מאַן קאָן טון. (ס׳איז ווידער שטיל. פויזע) וואָס טראַכסטו וועגן דעם?

היבערט: כ׳וועל... כ׳וועל פרווון...

סטענהאָפ: ביסט אַ ווילער יונגן

היבערט: ווּעסטו גאָרנישט דערציילן, סטענהאָפ, וועגן דעם אַלעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען?

סטענהאָפ: אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, נישט אויסצו-זאָגן קיינעם, וואָס פאַר אַ מיאוסער פחדן איך בין...

היבערט: (מיט אַ געלעכטערל) ניין.

סטענהאָפ: אויסגעצייכנטן יעצט גיי, פאַרויכער און דו זיך אָפּ אַ צען מינוט, דערנאָך וועלן מיר צוזאַמען אַרויסגיין און האַלטן זיך ביידע ביי די הענט און אַריבערשפּרינגען אַלעמאָל די פישטשענדיקע שטשורעס.

היבערט: (הויבט זיך אויף און בלאָזט מיט דער נאָז.)

סטענהאָפ: מיר וועלן אַלע האָבן מזל אין דער מלחמה. איך מיין, אַז מיר וועלן אַלע איבערקומען, וואָס זאָגסטו?

היבערט: יאָ. כ׳מיין אויך אַזוי. (ער גייט צו שרעקעוודיק צו זיין אָקאָפּע, ביים איינגאַנג דרייט ער זיך צוריק אוים) ס׳איז זייער ערלעך און אָנשטענדיק פון דיין זייט, סטענהאָפּ... (סטענהאָפּ גיסט זיך אָן אַביסל וויסקי.) אַלרייט, אַלרייט.

היבערט: (גייט ארוים.)

(סטענהאָפּ נעמט אַ טרונק און זעצט זיך אַנידער ביים טיש שרייבן. מייסן קומט אַריין.)

מייסן: ווילט איר אַ געשמאַק טעפּעלע טיי, הער?

סטענהאָפּ: קענסט אָבער פאַרזיכערן, אַז ס׳איז טאַקע געשמאַק?

מייסן: יאָ, הער. ס׳שפּירט זיך אפילו ציבעלע, אָבער דאָס איז פון דער יויך-פּאַן.

סטענהאָפּ: ווייזט אוים, אַז ס׳איז גיכער ציבעלע-זופּ פאַרבריט מיט טיי, נישט אמת?

מייסן: ביז מיטאָג-צייט וועט שוין אָבער נישט זיין מער.

סטענהאָפּ: נו, גוט, אַלרייט, מייסן. ברענג צוויי טעפּעלעך ציבעלע-טיי, פאַר מיר און פאַר מיסטער היבערט.

מייסן: גלייך, הער.

(צוגייענדיק צו דער טיר, באַגעגנט ער זיך מיט אָסבאָרן, וואָס קומט נאָר וואָס אַריין.)

ווילט איר אַ געשמאַק טעפּעלע קאַווע, הער?

אָסבאָרן: ביטע, מייסן — און פאַרגעס נישט צו ברענגען אַ סך ברויט מיט פּוטער און יאַגדעס-מאַרמעלאַד.

מייסן: גלייך, הער.

סטענהאָפּ: זייער גוט, פעטערל, וואָס דו ביסט געקומען. ווי גייט עס עפּעס דאָרטן?

אָסבאָרן: נאַרוואָס זענען געפאַלן צוויי גראַנאַטן.

סטענהאָפּ: יאָ, כ'האָב געהערט. ווו האָבן זיי געטראָפן?

אָסבאָרן: פּונקט איבער דער פראָנט-ליניע, לינקס. ס'האָט קיינעם נישט געשאַדט.

(פּויזע)

סטענהאָפּ: דער קאָלאָנעל האָט דאָ גערעדט מיט מיר.

אָסבאָרן: אוודאי וועגן אָנגריף?

סטענהאָפּ: יאָ, צוביסלעך. מיר האָבן געקריגן אַ באַפעל, פעטערל, צו מאַכן אַן איבערפאַל.

אָסבאָרן: אַך, וואָס רעדסטו? אויף ווען?

סטענהאָפּ: מאָרגן נאָכמיטאָג. אונטער אַ רויך-וואָלקן. צוויי אָפיצירן און צען סאָלדאַטן.

אָסבאָרן: ווער גייט?

סטענהאָפּ: דו און ראַליי.

(פּויזע)

אָסבאָרן: איז עס אמת? (ווידער פּויזע) פאַרוואָס עפּעס ראַליי?

סטענהאָפּ: דער קאָלאָנעל האָט אויסגעקליבן — דיך אָנצופירן, און ראַליי צו אַטאַקירן.

אָסבאָרן: כ'פאַרשטיי.

סטענהאָפּ: די בריגאַדע דאַרף וויסן, ווו דער שונא באַהאַלט זיך.

אָסבאָרן: אָבער טאַקע מאָרגן? וואָסער צייט?

סטענהאָפּ: איך מיין אַרום פינף אַ זייגער פאַרנאַכט.

אָסבּאָרן: כ׳פאַרשטיי.

סטענהאָפ: איך בין שרעקלעך אויפגעבראַכט.

אָסבּאָרן: פאַרוואָס? ס׳איז אַלרייט, אַלטער בחור מיינער.

סטענהאָפ: כ׳בין פאַרבעטן אויף מיטאָג צום קאָלאָנעל, כדי צוזאַמען אַלץ צו דערליידיקן. דערנאָך וועל איך צוריקקומען און מיר וועלן צוזאַמען זיך אַדורכגיין.

אָסבּאָרן: פונוואַנען וועלן מיר מאַכן דעם איבערפאַל?

סטענהאָפ: פון דער אונטערגראָבונג, לינקס, גלייך אַנט-קעגנאיבער.

אָסבּאָרן: ווו איז די מאַפּע?

סטענהאָפ: אָט איז זי. טו אַ קוק. גלייך אַנטקעגן דעם באָשס וואַך-פּאָסט. זעכציק יאַרד. היינט ביינאַכט וועלן מיר באַ-שטימען דעם וועג ווי ווייט נאָר מעגלעך. ווען ס׳וועט שוין זיין גוט פינסטער, וועלן די האַרמאַטן אונזערע דורכשיסן די דייטשע דראָטן און מיר וועלן אויסשניידן אַ דורכגאַנג דורך אונזערע פאַרצוימונגען.

אָסבּאָרן: ווען וועסטו באַשטימען די צען מאַן?

סטענהאָפ: האָסטו אפשר אַן אויסקוק אויף עטלעכע פעיקע, פּאַסיקע סאָלדאַטן?

אָסבּאָרן: מיר וואָלטן אפשר געקאָנט נעמען אַ קאַפּראַל אויך?

סטענהאָפ: זיכער.

אָסבּאָרן: קען איך אַריינרעכענען עטלעכע פון די יונגע „קרוקס״?

סטענהאָפ: גאַנץ גוט.

אָסבּאָרן: וועסט זיך אפשר פרעגן בעסער אויף פרייוויליקע?

סטענהאָפ: זאָל זיין. איך וועל זיך זען מיטן סערזשאַנט-מאַיאָר און הייסן אים אַרומגיין און צונויפשטעלן אַ רשימה פון פרייוויליקע.

(ער גייט צו צו דער טיר. מייסן קומט אַריין מיטן טיי.)

מייסן: אָט איז אייער טיי, הערן

סטענהאָפ: זע, די טיי זאָל נישט קאַלט ווערן, מייסן.

מייסן: ווילט איר אפשר, מיסטער אָסבּאָרן, דאָס טעפּעלע טיי?

סטענהאָפ: דאָס צווייטע טעפּעלע, מייסן, גיב דאָרט דעם מיסטער היבערט.

מייסן: זייער גוט, הער. (גייט אַריין אין היבערטס אָקאָפּע.)

סטענהאָפּ: כ׳וועל זיך לאַנג נישט זאַמען, פעטערל (גייט אַרויס דורך די טרעפּלעך).

אָסבאָרן: גוט.

מייסן: (קומט צוריק) ווילט איר געשניטענע פּעניצלעך ברויט מיט פּוטער, אָדער כ׳זאָל ברענגען דאָס גאַנצע לעבל, הער?

אָסבאָרן: צעשנייד בעסער אויף פּעניצלעך, מייסן. כ׳בעט דיך.

מייסן: און די מאַרמעלאַד באַזונדער ברענגען?

אָסבאָרן: יאָ.

מייסן: גלייך, הער. (אָפּ).

(אָסבאָרן נעמט אַרויס פון קעשענע אַ קליין לעדער־געבונדן ביכל, עפנט עס ביי אַן אָנגעצייכנט אָרט און הויבט אָן לייענען. פונם שלאָף־ווינקל באַווייזט זיך טראָטער, וואָס זעט אויס זייער פאַרשלאָפן.)

טראָטער: די טיי איז פאַרטיק?

אָסבאָרן: יאָ.

טראָטער: פאַרוואָס עפּעס האָט היבערט געקריגן זיין טיי צו זיך דאָרט?

אָסבאָרן: כ׳ווייס אַליין נישט.

טראָטער: (רייבט זיך די אויגן) אָ, גאָט, כ׳פיל זיך עפּעס אַזוי אָפּגעלאָזן. פונדעסטוועגן האָט זיך גאַנץ געשמאַק געשלאָפן.

(מייסן ברענגט אַריין נאָך טיי און אַ קריגל מאַרמעלאַד.)

מייסן: באַלד ברענג איך ברויט, הער. דאָ איז דער יאַגדעס־מאַרמעלאַד, הער.

טראָטער: (דעקלאַמירט)

— „זאָג מיר, זאָג מיר, מאַמעשי, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך, וואָס זעט אויס אַזוי רויט און שיין, ווי יאַגדעס־מאַרמעלאַד?״

— „נו שוויי׳ג זשע, שאַ, מיין טייערינקער, דאָס איז דאָך בלויז דער פּאַ,

וואָס לויפט פאַרביי אויף אַ טראַמוויי...״

אָסבאָרן: ווען דו ביסט געשלאָפן, איז דאָ געווען דער קאָלאָנעל.

טראָטער: טאַקע?

אָסבאָרן: מאָרגן נאָכמיטאָג מוזן מיר מאַכן אַן איבערפאַל אויפן באַש.

טראָטער: אָך, גאָטן ווער — מיר אַלע?

אָסבּאָרן: צוויי אָפיצירן און צען סאָלדאַטן.
טראָטער ווער זענען די צוויי?
אָסבּאָרן: ראַליי און איך.
טראָטער: ראַליי?!
אָסבּאָרן: יאָ.
טראָטער: ער איז דאָך אָבער נאָרוואָס אָנגעקומען!
אָסבּאָרן: ווייזט אויס, אַז דווקא דערפאַר.
טראָטער: און דו גייסט אויך?
אָסבּאָרן: יאָ.
טראָטער: דערציייל מיר אויספירלעך וועגן אַלץ.
אָסבּאָרן: מער ווייס איך אַליין נישט. בלויז דאָס, אַז מיר מוזן עס מאַכן.
טראָטער: ס'נישט פריילעך. אַ גאַנץ שלעכטער עיסק.
אָסבּאָרן: נו, יאָ.
טראָטער: כ'דערקען, אַז די דייטשן ריכטן זיך אויף דעם. האָסט נישט געהערט וועגן דעם איבערפאַל, וואָס איז דאָ נישט לאַנג פאָרגעקומען אויף דרום פון אונז?
אָסבּאָרן: ניין.
טראָטער: די אַרטילעריע אונזערע האָט אַדורכגעשאָסן אַ לאָך אין די דייטשע דראָטן, אונזערע חברה-לייט זאָלן קענען אַדורך... און אויפדערנאַכט איז דער באַש ארויסגעקומען און אָנגעבינדן רויטע שטיקער טוך אויף יעדער זייט פון דער אויסגעשאָסענער עפענונג.
אָסבּאָרן: יאָ, וועגן דעם האָב איך טאַקע געהערט.
טראָטער: און דעמאָלט אפילו האָט אונזער חברה געמוזט מאַכן דעם איבערפאַל. דאָס איז באמת געווען אַ רציחה... דאַכט זיך, אַז פון טיי שפּירט זיך ציבעלע, ניין?
אָסבּאָרן: יאָ, אַביסל.
טראָטער: אַ שאָד, וואָס מייסן האָט נישט בעסער אויסגעוואַשן דאָס טעפּל.

(מייסן ברענגט אריין ברויט אויף אַ טעלער.)

ווייסט, מייסן, די טיי שמעקט מיט ציבעלע.
מייסן: צום באַדויערן, הער. ציבעלעס האָבן אַ טבע שטענדיק צו שפּירן זיך פון זייערע כלים, אַפילו נאָכן אויסוואַשן.
טראָטער: יאָ, אָבער לעצטנס האָבן מיר דאָך אינגאַנצן קיין ציבעלעס נישט געהאַט?

מ י י ס ן: כ׳ווייס, הער. דעריבער טאָקע זעט עס אויס עפּעס אַזוי קאָמיש...

ט ר אָ ט ע ר: נו, גוט. דו זע בעסער עפּעס אַ מיטל דערצו.

מ י י ס ן: גוט, כ׳וועל זען, הער.

(מ י י ס ן גייט אַרויס. אָ ס בּ אָ ר ן און ט ר אָ ט ע ר באַשמירן די פּעניצלעך ברויט מיט מאַרמעלאַד.)

ט ר אָ ט ע ר: (מיט שפּאַס) ס׳איז זייער לעכערלעך צו מאַכן אַן איבערפאַל, ווען דער באַש קוקט עס דווקא אויס.

אָ ס בּ אָ ר ן: דאָס איז נישט קיין שפּאַס.

ט ר אָ ט ע ר: כ׳ווייס.

אָ ס בּ אָ ר ן: גלייכער, זאָלסט ראַלייען אינגאַנצן נישט דער-ציילן דערפון.

ט ר אָ ט ע ר: פאַרוואָס עפּעס? וואָס מיינסטו דערמיט?

אָ ס בּ אָ ר ן: ס׳נישט נויטיק, ער זאָל וויסן פון אַזאַ רציחה-דיקער זאַך...

ט ר אָ ט ע ר: אַך, גאָט מיינערן ביסט גערעכט. ער דאַרף טאָקע נישט וויסן. (פּויזע) איך באַדויער זייער, וואָס ער מוז זיך באַטייליקן אינם אָנפאַל. אַ וווילער יונגער חברה-מאַן...

(אָסבּאָרן דרייט זיך אויס צו זיין בוך. שטיל.)

וואָס לייענסטו?

אָ ס בּ אָ ר ן: (פאַרטראַגן) עפּעס אַ בוך.

ט ר אָ ט ע ר: ווי הייסט עס?

אָ ס בּ אָ ר ן: (ווייזט אים די הילע) האָסט עס שוין אַמאָל געלייענט?

ט ר אָ ט ע ר: (בויגט זיך אָן און לייענט די הילע) „ע ל י י ס ע ס איבערלעבענישן אינם וווּנדערלאַנד", — ס׳איז דאָך אַ קינדער-ביכל, ניין?

אָ ס בּ אָ ר ן: יאָ.

ט ר אָ ט ע ר: לייענסט עס?

אָ ס בּ אָ ר ן: יאָ.

ט ר אָ ט ע ר: ווי קומט עס צו דיר? ס׳איז דאָך פאַר קינדער?

אָ ס בּ אָ ר ן: האָסט עס נאָך קיינמאָל נישט געלייענט?

ט ר אָ ט ע ר: (גרינגשעצנדיק) ניין.

אָ ס בּ אָ ר ן: אויב אַזוי, מוזטו עס לייענען. (לייענט אַרויס)

„ווער ווייסט, ווי קליינער קראָקאָדיל

שפּריט אויס זיין גאָלד׳נעם עק,

און שפּריצט דאָס וואַסער פון דעם ניל.
ביז וויטן, וויטן ברעג?

„ער שטשירעט אויס זיין מויל גאָר פיין
און ציט די נעגל אויס, —
פאַרבעט די פישלעך גלייך אַריין
אין שמייכלענדיקן פּיסקן...״

טראַטער: (נאָך אַ מינוט טראַכטן) כ׳זע דאָ נישט קיין שום זינען.

אַסבאַרן: (פאַרטראַכט) דאָס איז טאַקע דער זינען.

טראַטער: (קוקט נייגעריק אָן אַסבאַרנען) ביסט אַ קאָמישער יונג.

(סטענהאָפּ קומט צוריק).

סטענהאָפּ: דער סערזשאַנט-מאַיאָר נעמט צונויף פּריי-וויליקע.

אַסבאַרן: זייער גוט.

טראַטער: ווייסט, שפּרינגער, ס׳טוט מיר זייער לייד צו הערן וועגן דעם איבערפאַל.

סטענהאָפּ: (קורץ) כ׳מיין אויך אַזוי.

(מייסן ברענגט אַריין נאָך טיי.)

סטענהאָפּ: (נעמט דאָס טעפּעלע טיי) איז היבערט געשלאָפן, ווען דו ביסט אַהער געקומען?

טראַטער: ניין. ער איז גראָד געלעגן אויפן בעט און גע-רויכערט.

סטענהאָפּ: (גייט צו צו דער שלאָף-אָקאָפּע) היבערטן

היבערט: (קומט אַרויס) כ׳בין גרייט, סטענהאָפּ.

סטענהאָפּ: האָסט געקריגן טיי?

היבערט: יאָ. אַ דאַנק.

טראַטער: כ׳מיין, אַז ראַלי וועט זיין זייער צופרידן, מ׳זאָל אים איצט איבערנעמען. ס׳איז אַ פּאַסקודנע זאַך צו זיין דאָס ערשטע מאָל אויף דינסט איינער אַליין.

אַסבאַרן: איך רעכן, אַז ער טראַכט גאָרנישט דערפון.

סטענהאָפּ: איצט גיי איך אַוועק, פּעטערל. כ׳וועל זיך נישט לאַנג זאַמען.

אַסבאַרן: אַ גאַנצן טאָג האָלסטו אין איין אַרומגיין. פאַר-וואָס רוסטו זיך נישט אָפּ אַביסל?

סטענהאָפּ: צופיל אַרבעט איז פאַראַן, כ׳זאָל זיך אַוועק-

זעצן רועז. דער דאָזיקער איבערפֿאַל אונזערער וועט צעשטערן די דראָט-פֿאַרצווימונגען, וואָס די קאָמפּאַניע וועט די נאַכט פֿאַרלייגן... מ'קען דאָך נישט האַלטן דאָרט קיין סאָלדאַטן, בעת די אַרטילעריע וועט דורכשיסן די דייטשע דראָטן. (טרינקט זיין טיי) נו, היבערט, פֿאַרטיק? קום, בחור מיינער.

(סטענהאָפּ און היבערט גייען צוזאַמען אַרויס. טראָטער קוקט זיי נאָך בייגעריק און דרייט זיך אויס צו אָסבאָרן.)

טראָטער: כ'קאָן גאָרנישט פֿאַרשטיין דעם קליינעם יאַט, ווי מיינסטו?

אָסבאָרן: וועמען?

טראָטער: היבערטן. האָסט געזען אַ פּאָר אויגן? — רויט ווי פֿייער. ער'ט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געקריגן אַ שטאַרקן פֿיבער.

אָסבאָרן: כ'ווייס דאָרט, נאַרישקייטן.

טראָטער: ער האָט אַזוי געשריגן...

אָסבאָרן: (שרייבט אויפֿן טיש) קען זיין.

טראָטער: אַן אמתער שוטה, נישט אַזוי?

אָסבאָרן: מיינסט עס טאַקע אויף אַן אמת? (פּויזע) ווייסט, כ'דאַרף איצט אָפּשיקן אַ בריוו.

טראָטער: האָט מען נאָכנישט צונויפֿגענומען די בריוו?

אָסבאָרן: נאָכנישט.

טראָטער: איך שרייב אַ בריוו צו מיין אַלטער. (גייט צו צו זיין אָקאָפּע) זי האָט זיך געפֿרעגט אין אַ בריוו, צו איך האָב דאָ פֿליי.

אָסבאָרן: נו, דו האָסט טאַקע?

טראָטער: (דרייט און הויבט מיט די אַקסלען) כ'וואָלט וועלן. דאָס זאָלן זיין פֿליי...

(טראָטער גייט אַריין אין זיין אָקאָפּע; אָסבאָרן זעצט פֿאָר צו שרייבן זיין בריוו.

ראַלי קומט אַראָפּ פֿון די טרעפּלעך.)

ראַלי: (אויפֿגערעגט) ווייסט, סטענהאָפּ האָט מיר דערציילט וועגן דעם געפּלאַנטן איבערפֿאַל.

אָסבאָרן: טאַקע?

ראַלי: איז עס טאַקע אמת, אַז מיר ביידע מיט צען סאָלדאַטן וועלן דאָס אויספֿירן?

אָסבאָרן: יאָ. מאָרגן פֿאַרנאַכט. אונטער אַ רויך-וואָלקן.

ראַלי: ס'איז שטאַרק אויפֿרעגנדיקן

אָסבּאַרן: סטענהאָפּ וועט זיך היינט אַוונט זען מיטן קאָ־
לאַנעל, וועלן מיר זיך מער דערוויסן וועגן דעם.

ראַליי: איז עס ספּעציעל געווען אַזוי, וואָס מ'האָט דווקא
אונז ביידע אויסגעקליבן?

אָסבּאַרן: יאָ.

ראַליי: נו, גוט.

(פאָרהאַנג פאַלט)

דריטער אקט

ערשטע סצענע

אויפצומארגנס פארנאכט־צו. אינדרויסן גליט א העל ליכט, וואס פארבלאסט ביסלעכווייז צוזאמען מיט דער פארזינקענדיקער זון.

סטענהאפ איז אליין אין אקאפע און שפאנט ארום אהין־און־צוריק. א ווײלע קוקט ער אויף די טרעפלעך, גייט־צו צום טיש און כאפט א בליק אויף דער מאפע. ער קוקט אומרויק, אומגעדולדיק אויפן זייגערל און, צוגייענדיק צום דינערס אקאפע, רופט ער אויס:

סטענהאפ: מייסן!

מייסן: (פון זיין אקאפע) גלייך, הערן

סטענהאפ: מאכסטו קאווע?

מייסן: יא, הערן

סטענהאפ: מאך זי הייס און שטארק. צייט פינף מינוט זאל זיין פארטיק. ווען כ'וועל דארפן, וועל איך דיך רופן.

מייסן: זייער גוט, הער.

(סטענהאפ גייט ווידער ארום אן אויפהער איבער דער אקאפע. פון די טרעפלעך קומט אראפ דער קאלאנעל.)

קאלאנעל: איז אלץ שוין גרייט?

סטענהאפ: יא, הער. (ס'איז שטיל) האט איר קיין נייעס?

קאלאנעל: כ'האב מורא, אז נישט. ס'מוז אדורכגעפירט ווערן.

סטענהאפ: (נאך א פויזע) כ'פארשטיי.

קאלאנעל: דער בריגאדיער זאגט, אז דער באש האט שוין אזא זאך באוויזן דא נישט לאנג, אויף דרום פון אונזער טראנשיי.

סטענהאפ: כ'ווייס. אבער, צי האט איר נישט געפרוווט צו־רעדן אים, מיר זאלן ענדערן אונזער פלאן און מאכן אן איבערראשנ־דיקן איבערפאל טיף אין דער ליניע, ערשט ווען ס'וועט ווערן פינס־טער?

קאלאנעל: יא, כ'האב עס געפרוווט אים ראטן.

סטענהאפ: נו, וואס־זשע האט ער געזאגט?

קאלאנעל: ער האט אבער געזאגט, אז אנדערש קען שוין נישט זיין, אזוי מוז בלייבן.

סטענהאפ: מיינט ער טאקע דאס באמת אדורכצופירן?

קאַלאָנעל: (רייסט אים איבער אומגעדולדיק) הערט זיך איין, סטעניהאָפּ, איך האָב געטון אַלץ, וואָס איך קען, אָבער מיין ראַפּאָרט מוז אָנקומען אין דער הויפּט-קוואַרטיר אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט. אויב מיר וועלן וואַרטן ביז נאַכט, קען זיין צו שפּעט.

סטעניהאָפּ: וואָס עפּעס ביז זיבן?

קאַלאָנעל: דאַמאָלסט קומט פאָר אַ באַראַטונג צו באַשטימען דאָס אָרט פונם רעזערוו.

קאַלאָנעל: איך מיין, אַז ס'וועט נישט אַרויסקומען אויף שפּעטער ווי מיטאָג.

קאַלאָנעל: אַ סך איבערפאַלן זענען היינטיקן טאָג פאָרגעקומען לענגאויס דער ליניע. צוליבן גרויסן דייטשן אָנגריף מאָרגן באַגינען, ווייל די הויפּט-קוואַרטיר נאַטירלעך אַרויסבאַקומען אַלע אינפאָרמאַציעס ווי ווייט מעגלעך, וואָס פריער.

סטעניהאָפּ: דערווייל זיצט דאָרט אין יענער זייט דער באָש מיט אַ טוץ פּולעמיאָטן אָנגעשטעלט אויף דעם לאָך, וואָס מיר וועלן אויסשניידן — און וואַרט, אונזער חברה זאָל אָנקומען...

קאַלאָנעל: ריכטיק, איך קען אָבער נישט טון אַנדערש ווי דער באַפעל הייסט.

סטעניהאָפּ: פאַרוואָס זאָל אונזער אַרטילעריע נישט אַדורכשיסן אַ גאַנצן טוץ לעכער אין פאַרשיידענע ערטער, דער באָש זאָל זיך נישט כאַפּן דורכוואַנען מיר וועלן אָנקומען?

קאַלאָנעל: דאָס אַדורכשיסן בלויז אויף איין אָרט, האָט פאַרנומען גאַנצע דריי שעה, ווי האָט מען שוין געקאָנט אַדורכשיסן אויף אַ טוץ ערטער? אָבער ס'איז אינגאַנצן אומזיסט דאָס יאָדען זיך איצט צוליב דעם. צו שפּעט שוין. ווו זענען אָסבאָרן און ראַליי?

סטעניהאָפּ: זיי זענען אַוועק אין דער אונטערגראָבונג, צו באַקוקן דאָרט אַלץ דאָס לעצטע מאָל. ווי לאַנג איז נאָך צום איבערפאַל, הער?

קאַלאָנעל: נאָך גאַנצע ניינצן מינוט.

סטעניהאָפּ: מיין זייגער האַלט זיך איין אין דרייסיק סעקונדעס.

קאַלאָנעל: ס'עפּעס מאָדנע, ווי מיר האָבן היינט געפּטרט אַ פרימאָרגן.

סטעניהאָפּ: שאַ, ס'שוין גאָר נאָענט... מיר וועלן נישט גיין, ביז דער רויך וועט זיך אויפהויבן.

קאַלאָנעל: דער רויך דאַרף זיך פריער גוט צעבלאָזן. דער

ווינט איז פונקט גוט. כ'האב שוין געגעבן א סיגנאל צו אלע האר-מאטן. אלץ איז גרייט. די באמבעס וועט מען ווארפן אויף א דרייסיק יארד רעכטס.

סטענהאפ: בלייבט איר דא, הער?

קאלאנעל: כ'רעכן, וואכן אויבן, ביי די טראנשייען. די געפאנגענע זאלט איר גלייך אהער ברענגען. איך וועל זיי תיכף אויספרעגן.

סטענהאפ: פארוואס נישט פירן זיי גלייך צו דער הויפט-קווארטיר?

קאלאנעל: מ'וואלט געקאנט, נאר דער באש וועט אוודאי אנהויבן אונז שטארק באמבארדירן, וויל איך נישט ריזיקירן מיט די געפאנגענע, איידער כ'וועל זיי נישט האבן אלץ אויסגעפרעגט.

סטענהאפ: אלרייט. כ'וועל זיי אהער ברענגען.

(פויזע. דער קאלאנעל פארציט שטארק זיין לולקע. סטענ-האפ גייט ארום אומרויק, רויכערנדיק א פאפיראס.)

קאלאנעל: מ'דארף זיך נישט אזוי נעמען צום הארצן. נאך אלעמען, איז עס בלויז א זעכציק יארד. דער באש וועט עפענען א שיסעריי אינם ווייסן נעפל אריין. אסבארן איז א קאלטבלוטיקער אויסגערעכנטער יונג, און ראליי איז צום פאסיקסטן אריינצורייסן זיך און אנצוגרייפן. נו, און די סאלדאטן — האט איר אויסגעקליבן עפעס גוטע?

סטענהאפ: די בעסטע. אלץ יונגע חברה-לייט, געזונטע, בראווע בחורים.

קאלאנעל: איז גוט. (ווידער פויזע.) איר ווייסט אליין גאנץ גוט, וויפל כ'וואלט געגעבן, מ'זאל דעם גאנצן רציחהדיקן ענין קענען אפרופן.

סטענהאפ: כ'ווייס עס, הער...

קאלאנעל: האבן די רויטע טיכער אויף די דראטן עפעס איבערגעשראקן די סאלדאטן?

סטענהאפ: ס'איז שווער צו זאגן. זיי נעמען עס נאטירלעך אן פאר א שפאס. זיי זאגן נאך, אז ס'איז זייער א ווילע זאך, די טיכער וועלן זיי ווייזן דעם וועג דורך דער עפנונג.

קאלאנעל: ס'איז א סטראשידלע, סטענהאפ.

(אסבארן און ראליי קומען אן.)

א, אסבארן! זייער גוט. איז אלץ שוין גרייט?

אסבארן: יא. כ'מיין, מיר זענען שוין אלע גרייט, הער.

מיר האָבן נאָך פונקט אַ פערטל שעה.

קאָלאָנעל: יאָ, ריכטיק.

אָסבאָרן: אין דריי מינוט אַרום שטעלן זיך די סאָלדאַטן.

קאָלאָנעל: די רויך-באָמבעס שיסן שוין איצט אויס. וועט איר געבן דעם סיגנאַל, ווען דער רויך וועט שוין זיין גענוג געדיכט?

אָסבאָרן: יאָ, הער.

סטענהאָפּ: (צום דינערס אָקאָפּע) מייסן!

מייסן: כ׳גיי, הערן

סטענהאָפּ: (צו אָסבאָרן) האָבן די סאָלדאַטן געקריגן ראָם, פּעטערל?

אָסבאָרן: יאָ, גלייך, ווי מיר זענען אַוועק. זיי האָבן נאָך דאָרט אַ פערטל שעה צייט צו זופּן.

קאָלאָנעל: ס׳גוט. זענען זיי עפּעס אויפגעטראָגן?

אָסבאָרן: יאָ, גאַנץ פריילעך.

(מייסן ברענגט אַריין צוויי טעפּעלעך קאַווע און שטעלט זיי אַוועק אויפן טיש.)

סטענהאָפּ: וואָלט איר אפשר געוואָלט אַרויפגיין און רעדן עפּעס פאַר זיי, הער?

קאָלאָנעל: זייער גערן; מיינט איר אָבער נישט, אַז זיי וואָלטן איצט גיכער געוואָלט, מ׳זאָל זיי לאָזן אַליין?

סטענהאָפּ: כ׳מיין, אַז זיי וואָלטן איצט געהאַלטן פאַר וויכטיק צו הערן פון אייך אַ פּאָר ווערטער.

קאָלאָנעל: אָלרייט, אויב איר האַלט טאַקע, אַז זיי וועלן גערן אויסהערן.

אָסבאָרן: זיי זענען איצט אַלע אין דער צענטראַלער אָקאָ-פּע, הער.

קאָלאָנעל: איז גוט... נו, וועט איר קומען, סטענהאָפּ?

סטענהאָפּ: יאָ, כ׳וועל צוקומען, הער.

(דער קאָלאָנעל פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע. אַ שווערע אומאַנגענעמע פּויזע. דערנאָך הוסט ער אַפּ אַביסל און זאָגט:)

קאָלאָנעל: זייער פיין... גייט און זייט מצליח, אָסבאָרן. כ׳בין זיכער, אַז איר וועט באַווייזן אַ גוט שטיקל אַרבעט.

אָסבאָרן: (נעמענדיק דעם קאָלאָנעלס האַנט) אַ דאַנק, הער.

קאָלאָנעל: און איר, ראַלי, זאָלט זיך אַריינרייסן אינעווייניק ווי אַ העליש פייער, אַ כאַפּ טון דעם ערשטן באָש, וואָס איר וועט נאָר דערזען, בינדן אים און — גלייך אַהער. איינער וועט

אַפילו געגוג זיין. אויב ס'וועט אָבער זיין צו דער האַנט, קענט איר ברענגען מער אויך.

ראַליי: (נעמט אַן דעם קאָלאָנעלס אויסגעשטרעקטע האַנט) יאָ, הער. גוט.

קאָלאָנעל: און, אַז ס'וועט זיך אייך איינגעבן, וועל איך פאַר אייך ביידע רעקאָמענדירן אַ מיליטערישן קרייץ.

(אָסבאָרן און ראַליי ברומען צופרידן ארויס זייער דאַנק.)

געדענקט, זייער אַ סך איז אָפּהענגיק דערין, צי איר וועט ברענגען אַ דייטש, צי ניין. דערפון קען מעגלעך זיין אַפילו דאָס געווינען די גאַנצע מלחמה. מ'קען קיינמאָל נישט וויסן, ווי וויכטיק דאָס קען ווערן. (פּויזע) נו, גוט. גייט און האָט גרויס דערפאָלג. אַ גליקלעכן וועגן

(אָסבאָרן און ראַליי מורמלען ווידער ארויס זייער דאַנק. דער קאָלאָנעל און סטענהאָפּ גייען־צו צו דער טיר)

קאָלאָנעל: (איבער זיין אַקסל אויף צוריק) פאַרגעסט נישט אויסצולייזיקן פריער די קעשענעס פון וואָסער עס איז פּאַפּירן און אַנדערע זאַכן.

ראַליי: אָ, ניין. (ער גייט אַריין אין זיין אָקאָפּע און לייגט אַרויס פון די קעשענעס בריוו און צייטונגען.

סטענהאָפּ וויל שוין נאָכגיין דעם קאָלאָנעל צו די טרעפּלעך, אָסבאָרן רופט אים אָבער צוריק.)

אָסבאָרן: ע... סטענהאָפּ... כ'בעט דיך, אויף אַ רגע.

סטענהאָפּ: (גייט צוריק) העלאָ, אָסבאָרן וואָס איז?

אָסבאָרן: הער, סטענהאָפּ, מיין נישט, אַז איך בין אַזוי קרענקלעך און שוואַך, אָדער עפּעס אַנדערש ענלעכס... אָבער אפשר וואָלסטו דאָס געוואָלט דערווייל צונעמען?

סטענהאָפּ: זיכער, אָסבאָרן. ביז דו וועסט צוריק קומען, אַלטיטשקער מיינער.

אָסבאָרן: כ'האָב עס טאַקע גראָד אין קעשענע... (ער נעמט אַרויס פון זיין מונדיר־קעשענע אַ בריוו און אַ זייגער און לייגט זיי אַרויף אויפן טיש. דערנאָך ציט ער אַראָפּ זיין פינגערל.) אויב עפּעס וועט, חלילה, געשען, וואָלסטו עס געוואָלט איבערשיקן מיין ווייב?

(ער רייסט איבער און פאַרענדיקט מיט אַ שווער, אומגעשיקט געלעכטערל.)

סטענהאָפּ: (לייגט צונויף די אַלע זאַכן אויפן טיש) וועסט צוריק קומען, אַלטיטשקער, וועסט צוריק קומען. כאַפּט עס דער רוחן וואָס וואָלט שוין מיין לעבן אויף דער ערד ווערט געווען אָן דיר?

אַסבּאָרן: (לאַכט) גאָט ווייסטן

סטענהאָפּ: איך מוז דאָך האָבן עמעצן, וואָס זאָל מיך איינהאַלטן אין בעט. (פּויזע) גוט, כ'וועל זיך נאָך זען מיט דיר אין דער אונטערגראָבונג דאָרט, פאַר דיין אוועקגיין. דערווייל גיב דיר אַריין אַביסל ראָם אין קאַווע אַריין.

אַסבּאָרן: גוט.

(סטענהאָפּ גייט צו צו די טרעפּלעך און שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע.)

סטענהאָפּ: בראַוואָ, אַסבּאָרן

(אויף אַ סעקונדע באַגעגענען זיך זייערע ביידנס אויגן; זיי לאַכן. סטענהאָפּ גייט לאַנגזאַם אַרויס איבער די טרעפּלעך.

ס'איז שטיל אין דער אַקאָפּע. אַסבּאָרן האָט נאָר וואָס אָנגעפּילט זיין לולקע און פּאַרויכערט. ראַליי דרייט זיך אויס צו אים.)

אַסבּאָרן: די ריכטיקע צייט אַריינצוכאַפּן אַ לולקע.

ראַליי: גוט. איך וועל פּאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס. (זוכט אין קעשענע)

אַסבּאָרן: אָט האָסטו. (דערלאַנגט זיין פּושקע ראַלייען)

ראַליי: ווייסט, אַסבּאָרן, שטענדיק רויכער איך דיינס.

אַסבּאָרן: אַלרייט, ס'איז אויסגעצייכנט. (פּויזע) וואָס איז מיט דער קאַווע?

ראַליי: זיכער.

(זיי זעצן זיך ביידע ביים טיש.)

אַסבּאָרן: האָסט אפשר בדעה אַריינצוטון אַביסל ראָם?

ראַליי: מיינסטו נישט, אַז ס'וואָלט אונז אַביסל אויפגעהיי-טערט?

אַסבּאָרן: איך וועל טרינקען, אַזוי ווי עס איז.

ראַליי: כ'וועל אויך אַזוי טון.

אַסבּאָרן: דעם ראָם וועלן מיר האַלטן אויף שפּעטער, צו פּייערן אונזער צוריקקומען.

ראַליי: ס'איז זייער אַ ווויילער איינפאַל.

(ס'איז שטיל. ס'הערט זיך בלויז ווי זיי מישן די קאַווע. אַסבּאָרנס אויגן טרעפן זיך אָן מיט ראַליים. ער שמייכלט.)

אַסבּאָרן: ווי פילסטו זיך?

ראַליי: אַלרייט.

אַסבּאָרן: און איך פיל, ווי אינעווייניק איז ביי מיר אַזוי פּוסט.

ראַליי: דאָס טאַקע פיל איך אויך.

אָסבאָרן: צעשטריי זיךן

ראַליי: כ'האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות נישט צו גענעצן.

אָסבאָרן: אַט דאָס איז עס טאַקע. צעשטריי זיך אַביסלן איך האַלט זיך אויך איין נישט צו גענעצן. און אַזוי ווי כ'הייב נאָר אָן, גייט עס גלייך אַוועק.

ראַליי: (טוט אַ טיפן אָטעם) כ'וואָלט וועלן, מיר זאָלן שוין גיין.

אָסבאָרן: (קוקט אויפן זייגערל, וואָס אויפן טיש) מיר האָבן נאָך גאַנצע אַכט מינוט.

ראַליי: אָ, גאָטן

אָסבאָרן: לאָמיר ס'לעצטע מאָל אַ קוק טון אויף דער מאַפּע. (ער הייבט אויף די מאַפּע און שפּרייט זי אויס) גלייך ווי דער רויך וועט זיין שוין גענוג געדיכט, וועל איך געבן דעם סיגנאַל. דו וועסט אַ לויף טון צו דעם פּונקט, אָטאָדאָ...

ראַליי: ווען כ'וועל אָנקומען צום באָשס דראָט-פאַרצוימונ-גען, וועל איך זיך אַוועקלייגן און וואַרטן אויף דיר.

אָסבאָרן: פאַרגעס נאָר נישט צו וואַרפן דיינע באָמבעס.

ראַליי: (טאַפּט זיך אין קעשענע) ניין, כ'האָב זיי דאָ.

אָסבאָרן: ווען כ'וועל אַ געשריי טון „גלייך"ין — זאָלסטו זיך מאָמענטאַל אַריינרייסן מיט דיינע אַכט סאָלדאַטן. איך וועל דאָרט ליגן, ביים דייטשן אָנלען, און יעדן מאָל געבן אייך סימנים מיט מיין פייפל, איר זאָלט וויסן ווו איך בין. ווי דו וועסט זיך נאָר אַריינרייסן, וואַרף זיך באַלד אויפן ערשטן באָש, וואָס דו וועסט דער-זען, בינד אים, און — גלייך אַרויסגעשלעפּט צו מיר.

ראַליי: גוט.

אָסבאָרן: און דאַמאָלסט וועלן מיר בליצשנעל תיכף צוריק-גיין.

ראַליי: ווי לאַנג מיינסטו, קען געדויערן דער גאַנצער ענין?

אָסבאָרן: איך מיין, אַז אויב ס'וועט אונז אָפּגליקן, קענען מיר זיין צוריק צייט אַ דריי מינוט.

ראַליי: אַזוי גיך?

אָסבאָרן: כ'רעכן אַזוי. (לייגט איין די מאַפּע) און איצט, ראַליי, לאָמיר אין דעם אַלעם פאַרגעסן... (ער קוקט אויפן זייגערל) נאָך זעקס מינוט.

ראַליי: אָך, גאָט מיינער, כ'קען נישט

אָסבאָרן: דו מוזט אָבער.

ראלײ: װי שײן װאָלט עס געװען, װען מיר באַקומען בײדע דעם מיליטערישן קרײץ!

אַסבאָרן: יאָ. (פּויזע) איז דײן קאַװע גענוג זיס?

ראלײ: יאָ, אַ דאַנק. די קאַװע איז איצט אויסערגעװײנלעך גוט. (פּויזע) כ׳בין טשעקאַװע צו װיסן, װאָס דער באָש קען איצט טון דאָרט?

אַסבאָרן: װער װײס?... װאָס האָסטו בעסער ליב קאַװע, צי טײ?

ראלײ: אויף פרישטיק — קאַװע. (פּויזע) צי די רויך־באָמבעס מאַכן עפּעס אָן אַ גרויסן רעש, װען זײ פּלאַצן?

אַסבאָרן: נישט קײן גרויסן. (פּויזע) איך האָב באמת ליבער קאַקאַאָ אויף פרישטיק.

ראלײ: (לאַכט) ס׳טוט מיר זײער לײדן

אַסבאָרן: װאָס עפּעס? פאַרװאָס טאָר איך נישט ליב האָבן קײן קאַקאַאָ אויף פרישטיק?

ראלײ: נישט דאָס מײן איך. איך... כ׳מײן... ס׳טוט מיר זײער לײד צו שמועסן װעגן דעם איבערפאַל. ס׳איז עפּעס אַזוי שװער איצט צו רעדן איבער אַנדערע זאַכן... כ׳װאָלט װעלן װיסן, צי דער באָש װעט זיך װי עס איז אָפּרעכענען מיט אונז נאָכן איבערפאַל?

אַסבאָרן: נו, יאָ. ער קען עפּעס אָפּטון.

ראלײ: שיסן?

אַסבאָרן: (דעקלאַמירט)

„ס׳אַ צײט פאַראַן, זאָגט װאָלרעס קלוג,
צו רעדן — רײך צי אָרעם:
פון שיך, פון טריװאַקס און פון װאַלד,
פון קרויט און פון... קײסאָרים.

ראלײ: (פאַרענדיקט דעם פערז)

„און װאָס עס קאָכט זיך דאָרט אין ים,
צי פליען אויך חזירים...”

אַסבאָרן: נו, איצט גײען מירן נו, שנעלער, לאָמיר רעדן איבער חזירימן שװאַרצע חזירים, צי װײסע?

ראלײ: װײסע חזירים. אין נײװאַלד קענסטו זײ געפינען, נאָך װילד אינגאַנצן.

אַסבאָרן: פונװאַנען קענסטו עפּעס נײװאַלד?

ראלײ: אָ־אָ, פונװאַנען? — איך װױן דאָך דאָרטן דאָס איז אויף אַ קלײנעם פּלאַץ מ׳טן נאָמען „אַללעס גרין”, פונקט אין דער

אַנדערער זייט פון לינדהערסט.

אָסבאָרן: לינדהערסט קען איך זייער גוט.

ראַלי: ס'איז זייער אַ שיין אָרט.

אָסבאָרן: כ'האָב שטאַרק ליב יענע געגנט, מער ווי וועלכע ס'איז אַנדערע.

ראַלי: איך אויך אַזוי. פאַרשטייט זיך, ס'איז אַביסל אַנ-דערש, ווען דו וווינסט שטענדיק אין שטאָט.

אָסבאָרן: דו האָסט עס ליב אויף אַן אַנדער אופן.

ראַלי: יאָ... פונקט הינטער אונזער הויז איז פאַראַן אַ טייך, וואָס רופט זיך הויכלאַנד. ער לויפט דאָרט אַפּ גאַנצע מייל, גלייך דורכן וואַלד. איך און דעניס זענען מיר איינמאָל נאָכגעגאַנגען מיטן שטראָם ווי ווייט מיר האָבן נאָר געקאָנט.

אָסבאָרן: איך פלעג אַ סך שפּאַצירן אַרום לינדהערסט.

ראַלי: אַ שאָד, וואָס מיר האָבן זיך נישט געקאָנט איינער דעם צווייטן. וואָלסט שטענדיק געקאָנט קומען צו מיר צוזאַמען מיט דעניסן.

אָסבאָרן: באמת אַ שאָד. איך פלעג שטענדיק אַרומגיין אַליין.

ראַלי: וועסט נאָך מוזן אַמאָל קומען און זיין ביי אונז.

אָסבאָרן: כ'וואָלט עס שטאַרק געוואָלט.

ראַלי: כ'וואָלט דיר געוויזן ערטער אין וואַלד, וואָס קיין לעבעדיקער נפש קען זיי נישט, אַחוץ דעניס און איך. דאָרטן, טיף אין וואַלד, ווערט וואָס-ווייטער אַלץ-געדיכטער און פינסטערער און קילער, און דו קענסט דאָרט איבערשרעקן כלערליי ווילדע משונה-דיקע חיות.

אָסבאָרן: מ'זאָגט, אַז ערגעץ דאָרט אין וואַלד, זענען פאַראַן הורבות פון דערפער, וואָס ווילִיאַם דער זיגער האָט געהייסן חרוב מאַכן, דער וואַלד זאָל קענען פריי וואַקסן.

ראַלי: יאָ, כ'וויים. מיר פלעגן זיי שטענדיק אַרומזוכן, אָבער נאָך אַלץ נישט געפונען. (פויזע) וועסט אַמאָל מוזן קומען און העלפן אונז זוכן...

אָסבאָרן: איך וועל זיי גלייך געפינען.

ראַלי: וועסט דאַמאָלסט קענען באַלד אוועקשרייבן צו די צייטונגען: „אַ סענסאַציאָנעלע אַנטדעקונג פון פּראָפעסאָר אָסבאָרן"...

(אָסבאָרן לאַכט.)

אַסבאָרן: איך בין אַמאָל געגאַנגען אויף אַ וויסנשאַפט־לעכער פאָרשונג — אויסגראָבן רוימישע טויטע קערפּערס.

ראַלי: ווו איז דאָס געווען?

אַסבאָרן: נאָענט פון מיין היים, אין סיוסעקס, איז פאַראַן אַן אַלט־רוימישער וועג, וואָס מ׳רופט „סטיין־גאַס״. דער דאָזיקער וועג פירט גלייך ווי אַ ליניע פונם ברעג ביז לאָנדאָן.

ראַלי: יאָ, כ׳קען די דאָזיקע געגנט.

אַסבאָרן: נישט ווייט פון מיין וווינאָרט פירט דער וועג איבערן ביגנאָר־בערגל. לעצטנס אָבער, האָט מען אַדורכגעשניטן אַ וועג, צופוסנס פונם בערגל. אַנטרעפנדיק ווייטער אַביסל דעם אַלטן וועג. לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט מען דעם אַלטן רוימישן וועג לחלוטין נישט באַנוצט — איז ער אינגאַנצן פאַרוואָקסן מיט גראָז, מיט קוסטעס אוןביימער, וואָס וואַקסן דאָרט אינמיטן, פונקט ווי ס׳וואָלט דאָרט קיינמאָל קיין וועג נישט געווען.

ראַלי: קענסטו נאָך דערקענען, ווו דער וועג פירט?

אַסבאָרן: יאָ, זייער לייכט, ערטערווייז.

ראַלי: האָסט עפּעס אַ סך צעגראָבן דאָרט?

אַסבאָרן: יאָ. מיר האָבן געקריגן אַ דערלויבעניש אויף אַ געוויסן טייל. דאָס איז פאָרגעקומען ביי אויסגעצייכנטע באַדינגונגען.

ראַלי: האָט איר עפּעס געפונען?

אַסבאָרן: יאָ. מיר האָבן געפונען אַ פּאָדקאָווע פון אַ ־ערד און אַ רוימישע מטבע.

ראַלי: (לאַכט) אויסגעצייכנטן

אַסבאָרן: ס׳איז זייער אינטערעסאַנט אַזאַ אויסגראָבונג.

ראַלי: יאָ, זייער.

אַסבאָרן: (כאַפּט אַ בליק אויפן זייגערל.)

ראַלי: איז נאָך דאָ צייט?

אַסבאָרן: צוויי מינוט נאָך. מ׳מוז גיין. אַ שאָד, וואָס עס וואַרט נישט אויף אונז נאָכן צוריקקומען אַ גוטע הייסע באָד.

ראַלי: איך זשאַלעווע אויך. (פּויזע) דאַכט זיך, אַז מיר קריגן היינט אַ ספּעציעלן מיטאָג, נישט אמת?

אַסבאָרן: פונוואַנען ביסטו עס געוואָר געוואָרן? דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סוד.

ראַלי: מייסן האָט פאַרלוירן דאָס צעטעלע, האָב איך עס געלייענט.

אַסבאָרן: נו, גוט. מיר וועלן האָבן אַ געשמאַק הינדל, צו־

געשיקט פון דער נאָומעל-פּאַרם.

ראַלײ: גאַנץ גוט.

אָסבאָרן: אַחוצדעם — די גרעסטע לוקסוס-זאַכן: צוויי פלעשער שאַמפּאַניער און אַ האַלבן טוץ ציגאַרן יעדערן — איין פלאַש אויף באַלד אויסצוטרינקען, און איינע אויף שפּעטער.

ראַלײ: איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געראויכערט קיין ציגאַרן.

אָסבאָרן: ס'קען דיר נאָך פאַרשאַטן.

(ראַלײ באַמערקט אָסבאָרנס פינגערל אויפן טיש. ער נעמט עס אין האַנט.)

ראַלײ: זעסט, אָט איז דיין פינגערל.

אָסבאָרן: יאָ. איך האָב... איך האָב עס דאָ איבערגעלאָזט. איך וויל נישט ריזיקירן דערמיט. ס'קען נאָך פאַרלוירן ווערן.

ראַלײ: אַדן (ס'איז שטיל. ער לייגט לאַנגזאַם דאָס פינגערל צוריק אַנידער.)

אָסבאָרן: (הויבט זיך אויף) גוט. כ'מיין, מיר מוזן שוין זיין גרייט.

ראַלײ: יאָ, גערעכט. (ער הויבט זיך אויך אויף.)

אָסבאָרן: כ'וועל נישט טראָגן איצט דעם פּאַס — בלויז דעם רעוואָלווער, מיטן רימען.

ראַלײ: כ'פאַרשטײ. (טוט אָן דעם רימען איבערן אַקסל און נעמט אין האַנט דעם רעוואָלווער) איך פיל זיך עפּעס בעסער, אַז איך האַלט דאָס אין האַנט. דו אויך אַזוי?

אָסבאָרן: יאָ, כ'האָב שטענדיק ליב עפּעס צו האַלטן. נו, שוין אַלץ אויפגעלאָדן?

ראַלײ: יאָ.

(זיי טוען אָן די העלמען. אָסבאָרן נעמט אַרויס פון מויל די לולקע און לייגט זי זאָרגעוודיק אַנידער אויפן טיש.)

אָסבאָרן: כ'האָב נישט ליב איבערצולאָזן אַ לולקע, ווען זי טליעט נאָך.

ראַלײ: (מיט אַ דראָבנע געלעכטערל) טאַקע אַ שאָדן

(ווידער פּויזע. אָסבאָרן טוט אַ קוק אויפן זייגערל, וואָס ליגט אויפן טיש.)

אָסבאָרן: מ'דאַרף גיין.

ראַלײ: יאָ, מ'דאַרף.

(זייערע בליקן באַגעגענען זיך, ווען אָסבאָרן קערט זיך אום פון טיש.)

אסבאָרן: כּבֿין זייער צופרידן, וואָס מיר גייען צוזאַמען, ראַליי.

ראַליי: (היים) טאַקע באמת צופרידן?

אסבאָרן: יאָ.

ראַליי: איך אויך. שטאַרק צופרידן.

אסבאָרן: מיר מוזן די זאַך אַדורכפירן אויפן בעסטן אופן.

ראַליי: יאָ, זיכערן

(אַ קורצע פּויזע.)

אסבאָרן: לאָמיר גיין, ראַליי.

ראַליי: גוט, לאָמיר גיין.

(זיי גייען צו צו די טרעפּלעך.

ווען זיי גייען פאַרביי מייסאַנס אָקאָפּע, באַווייזט ער זיך ביים אַרויסגאַנג.)

מייסאַן: אַ גליקלעכן וועג, הערן

אסבאָרן: אַ דאַנק, מייסאַן.

מייסאַן: דעם בעסטן דערפאָלג, מיסטער ראַליין

ראַליי: אַ דאַנק.

(אסבאָרן און ראַליי גייען צוזאַמען אַוועק און ווערן פאַר־שוווּנדן אין דער בלאַסער פאַרנאַכט־זון.

מייסאַן לייגט צונויף די צייטונגען און פּאַפּירן אויפן טיש, נעמט צו די צוויי קאַווע־טעפּלעך און גייט אַריין צו זיך.

אין די טראַנשייען, איבער דער פּוסטער אָקאָפּע, הערשט אַ טיפע שטילקייט. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שווערער קראַך — און אויפרייס פון די פלאַצנדיקע רויך־באָמבעס און באַלד דערנאָך — אַ האַסטיק גרע־גערײ פון פּולעמיאָטן. דער רויט־גרינער גלי פון די דייטשע אַלאַרם־ראַקעטן. שלאָגט זיך שוואַך אָפּ דורך דער אָקאָפּע־עפענונג. עס דערטראָגט זיך אַ שטי־לער פייף און אַ דונער פון פאַלנדיקע גראַנאַטן; אין אַנהויב איינציקווייז, דערנאָך צו צוויי און דריי, ביז אַלע אויבאויבנעם. זיי קומען אַן אַלץ שנע־לער און שנעלער, ביז די אַלע קולות גיסן זיך צונויף אין איין ווילדן אומגעהויערן געדונער. דאָך, ווערט ביסלעכווייז דער גערויש אָפּגעטעמפּט דורך די ערד־ווענט פון דער אָקאָפּע, און ס׳ווערט אַלץ שטילער, ביז ס׳דער־הערט זיך בלויז דאָס זשומען פון איין גראַנאַט און באַלד — אַ געוואַל־דיקער אויפרייס. אַ שוואַרצער זייל ערד רייסט זיך ארויף אין יענער זייט אַנלען פון דער טראַנשיי. אויף די טרעפּ פאַלן אַראָפּ מיט אַ טעמפּן גע־רויש שטיקער ערד און שטיינער. אַ ווייסער וואָלקן רויך הויבט זיך לאַנג־זאַם אויף און הילט אַלץ אַרום. ביסלעכווייז שטאַרבט אָפּ דער טומל —

לענגערע פויזעס שוין צווישן איין גראַנאַט־אויפרייס און דעם צווייטן. די פּולעמיאָטן גרעגערן און שטעלן זיך אָפּ, — צעגרעגערן זיך ווידער, און — שטיל... די לעצטע שאָסן שוין, און — סטאָפּ.

(פון דרויסן רופן קולות. ס'הערט זיך סטענהאָפּס קול:)

סטענהאָפּ: אָלרייט, הער. קומט אַראָפּ גיכער.

קאַלאַנעל: וויפל?

סטענהאָפּ: איינעם בלויז.

(דערנאָך צעזשומעט זיך אַ גראַנאַט און ס'דערהערט זיך א הילכי־קער קראַך. א רגע איז שטיל. סטענהאָפּ רעדט ווידער:)

האָט עס אייך געטראָפן, הער?

קאַלאַנעל: ניין. ס'איז אָלרייט.

(סטענהאָפּ, בלאַס, צעשראָקן און אויסגעמאַטערט, קומט אַראָפּ פון די טרעפּלעך. נאָך אים דער קאַלאַנעל.)

סטענהאָפּ: (רופט אַרויף איבער די טרעפּ) ברענג אים אַראָפּ, סערזשאַנט־מאַיאָר.

סערזשאַנט־מאַיאָר: (פון אויבן) גלייך, הערן

סטענהאָפּ: (צום קאַלאַנעל) דאַרפט איר מיך עפּעס האָבן, הער?

קאַלאַנעל: נו, גוט. קומט אהער.

סטענהאָפּ: כ'וויל גיין זען, וואָס ס'הערט זיך ביי די סאָלדאַטן.

קאַלאַנעל: אָלרייט, אָלרייט.

(סטענהאָפּ גייט־צו צו דער טיר, מאַכנדיק אַ וועג פאַרן סער־זשאַנט־מאַיאָר, וואָס פירט אַראָפּ א דייטשן סאָלדאַט מיט א בלויזן קאָפּ, גרוי געקליידט, וועלכער כליפּעט אויף אַ ביטערן קול. פון הינטן קומען צו צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע באַגנעטן.

סטענהאָפּ גייט אַרויס דורך די טרעפּ.

דער סערזשאַנט־מאַיאָר נעמט אָן דעם דייטשן סאָלדאַט ביים אָרעם און שלעפּט אים אריין אין דער אָקאָפּע, פּנים אל פּנים צום קאַלאַ־נעל, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. פון הינטן שטייען די צוויי סאָלדאַטן).

סערזשאַנט־מאַיאָר: (רעדט מילד צום דייטש) אָלרייט אָלרייט, טייער יינגל מיינס. מיר וועלן דיר דאָ גאָרנישט טאָן. שרעק זיך נישט.

(פּלוצלונג פאַלט דער דייטש אויף די קני און כליפּעט אַרויס עטלעכע ווערטער אויף אַ צעבראָכענעם ענגליש:)

דייטש: מערסי... מיסטער... מערסין

סערזשאנט-מאיאָר: קום אהער, בחורל, הויב זיך אויף.

(ער ציט אוים זיין גרויסע פויסט, נעמט אָן דעם געפאַנגענעם ביים קאָלנער און שלעפּט אים צו צו זיינע פים.

דער דייטש וויינט היסטעריש.

דער קאָלאָנעל הוסט אָפּ אַביסל און הויבט אָן אין אַ שלעכטן דייטש:)

קאָלאָנעל: וואָס איזט זיין רעגימענט?

דייטש: ווירטעמבערגישעס.

קאָלאָנעל: וואָס איזט דער נוממער פאָן זיין רעגימענט?

דייטש: צוואַנציג.

קאָלאָנעל: (פאַרצייכנט זיך) צוואַנציקסטער ווירטעמבערגישער פולק. (רעדט ווידער צום דייטש) וואַנן קאָממען זיע היער?

דייטש: געסטערן אַבענד.

קאָלאָנעל: (פאַרצייכנט און פרעגט ווייטער) וואָ קאָממען זיע הער?

דייטש: (נאָך אַ ווײַלע טראַכטן) מיין געבורטסאָרט?

קאָלאָנעל: (פאַרגעסט זיך אַ מינוט) וואָס הייסט דאָס?

דייטש: (שטאַמלט אַרוים אין אַ שלעכטן ענגליש) ווילט... איז... ווים... ווו כ'בין... געבוירן?

קאָלאָנעל: ניין! פון וואָס פאַר אַ שטאָט ביסטו געקומען אַהער, אויף דער פּאָזיציע?

דייטש: (נאָך אַ וואַקלען זיך) איך... איך וועל עס נישט זאָגן.

קאָלאָנעל: גוט, גוט. ס'איז אַלרייט. (צום סערזשאַנט-מאַיאָר) באַזוך אים.

(דעם סערזשאַנט-מאַיאָרס גרויסע אומגעלומפּערטע הענט גראַבלען זיך אין דעם געפאַנגענעמס קעשענעס. ער געפינט אַ קליין ביכל.)

סערזשאַנט-מאַיאָר: (דערלאַנגט עס דעם קאָלאָנעל) ס'זעט אוים, הער, צו זיין אַ רעכנונג-ביכל.

קאָלאָנעל: (קוקט גיציק אַריין אינעווייניק) גוט.

(דער סערזשאַנט-מאַיאָר געפינט אַ נאָטיץ-ביכעלע. דער דייטש כאַפּט עס האַסטיק אָן.)

סערזשאַנט-מאַיאָר: סטאָפּ, לאָז אָפּ!

דייטש: לאַססען זיע מיך! (פויזע. — אויף ענגליש:) לאָזט מיך... האַלטן דאָס ביכעלע... כ'בעט אייך...

סערזשאַנט-מאַיאָר: (אין אַ שטאַרקער פאַרלעגנהייט) לאָז אָפּ!

(רייסט ארויס זיין טאַש און גיט אים דעם קאָלאָנעל.)

קאָלאָנעל: (אַרײַנקוקנדיק אין די פּאַפּירן פונם טאַש) ס'זעט אויס ווי בריוו. קענען צונוץ קומען. איז דאָס שוין אַלץ, סערזשאַנט-מאַיאָר?

סערזשאַנט-מאַיאָר: (באַקוקט אין האנט עטלעכע זאַכן) עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע זאַכן, הער, — אַ שטיקל שטריקל, הער; אַ פּושקעלע פּרוכטן-זאַפט; אַ קעשענע-מעסערל, הער; אַ צע-דער-בלייפעדער און אַ שטיקל שאָקאָלאַד, הער.

קאָלאָנעל: גיב עס אים אַלץ צוריק, אַחוץ מעסערל.

סערזשאַנט-מאַיאָר: זייער גוט, הער. (דרייט זיך אויס צום דייטשן געפאנגענעם מיט אַ שמייכל) דאָ האָסטו אַלץ צוריק, בחור מיינער.

(דער דייטש נעמט צוריק די זאַכן.)

קאָלאָנעל: אָלרייט, סערזשאַנט-מאַיאָר. שיק אים גלייך אַוועק אין מיין הויפּט-קוואַרטיר. דאָרט וועל איך אים פונדאָסניי אַלץ איבערפרעגן.

סערזשאַנט-מאַיאָר: גלייך, הער. (דרייט זיך אויס צום דייטש) קום, בחורעץ, וועסט גיין מיט מיר. (ער ווייזט אים די טרעפּ). דער דייטש, אַ באַרויקטער שוין, פאַרנויגט זיך שטייף פאַרן קאָלאָנעל און גייט ארויס. באַגלייט פון די צוויי סאָלדאַטן און דעם סערזשאַנט-מאַיאָר.

דער קאָלאָנעל איז שטאַרק פאַרטיפט אין געפאַנגענעמס רעכנונג-ביכל. ער שטאַמלט ארויס צו זיך אַליין „אויסגעצייכנט!”, דערנאָך כאַפּט ער אַ קוק אויפן זייגערל און הויבט זיך שנעל אויף.

סטענהאָפּ קומט לאַנגזאַם אַריין פון די טרעפּ.)

קאָלאָנעל: (אויפגערעגט) אויסגעצייכנט, סטענהאָפּן אַל-רייטן מיר האָבן געקריגן אַלץ, וואָס מיר האָבן נאָר געוואָלט, — צוואָנציקסטער ווירטעמבערגישער פּולק! ערשט די לעצטע נאַכט איז דער פּולק אָנגעקומען אַהער. איך מוז באַלד גיין און טעלעפאָנירן דעם בריגאַדיער. עריט זיין זייער צופרידן דערמיט. עס שמעקט מיט אַן אויסצייכנונג... אַ פּעדער אויפן העלם, סטענהאָפּן

(סטענהאָפּ האָט אַ דערשטוינטער אַ קוק געטון אויפן קאָלאָנעל און פאַרבייגעגאַנגען דורך אים. ער דרייט זיך אויס צום טיש און רעדט מיט אַן אָפּגעשטאָרבן קול.)

סטענהאָפּ: ווי גוט איז עס, ווי שיין, ווען דער בריגאַדיער איז צופרידן...

(דער קאָלאָנעל קוקט אַן שטאַר סטענהאָפּן, פּלוצלינג כאַפּט ער זיך און פרעגט:)

קאָלאָנעל: אַך, גאָר פאַרגעסן... וואָס איז מיט דער גרופּע פונם איבערפאַל? זענען זיי אַלע בשלום צוריקגעקומען?

סטענהאָפּ: ריכט איר זיך דען, הער, אַלע זאָלן בשלום צוריקקומען?

קאָלאָנעל: אַך... וואָס? וואָס, סטענהאָפּ?

סטענהאָפּ: פיר סאָלדאַטן און ראַליי זענען צוריקגעקומען, הער.

קאָלאָנעל: אַך, יאָ. ס׳טוט מיר לייד הייסט עס... הייסט עס... זעקס סאָלדאַטן און... און — אָסבאָרן... זענען...

סטענהאָפּ: יאָ, הער.

קאָלאָנעל: ס׳איז שרעקלעך... אָרעמער אָסבאָרן!

סטענהאָפּ: ס׳וועט אָבער זיין גוט און שיין, ווען דער בריגאַדיער וועט צופרידן זיין...

קאָלאָנעל: רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, סטענהאָפּ. דער-ציילט מיר, וואָס ס׳איז אים געשען... אָסבאָרנען...

סטענהאָפּ: אַ האַנט-גראַנאַט... בעת ער האָט געוואָרט אויף ראַליי...

קאָלאָנעל: כ׳בין שטאַרק געקרענקט. און די זעקס סאָל-דאַטן?

סטענהאָפּ: כ׳רעכן, פון די פּולעמיאָטן-קוילן....

קאָלאָנעל: יאָ... כ׳האָב זיך אָבער געשראָקן פריער...

(זיינע ווערטער ווערן פאַרזונקען. ער איז שוווער באַאומרויקט. סטענהאָפּ קוקט אויף אים מיט אַ בלאַסן, אויסדרוקלאָזן פּנים.

ראַליי קומט שטיל און לאַנגזאַם אַראָפּ פון די טרעפּ, ער גייט ווי פאַרשלאָפן.. די הענט זענען אים צעבלוטיקט.

דער קאָלאָנעל דרייט זיך אוים צו אים אַ באַגייסטערטער.)

קאָלאָנעל: זייער גוט געמאַכט, ראַליי. זייער גוט, מיין יונגל. קריגסט דערפאַר אַ מיליטערישן קרייצן אויסגעצייכנטן!

(ראַליי קוקט-אַן דעם קאָלאָנעל און פּרוווט רעדן. ער הייבט אויף זיין האַנט צום שטערן. דער קאָלאָנעל נעמט אים אַן פאַרן אָרעם.)

זעץ דיך אַנידער, מיין זון.

(ראַליי זעצט זיך אויפן ראַנד פון אָסבאָרנס בעט.) רו זיך אָפּ אַביסל. גוט. איך מוז אַוועקגיין. (ער גייט-צו צו די טרעפּ און דרייט זיך אוים פאַרן אַוועקגיין צו ראַליי) איר האָט עס זייער גוט

גע‌מאַכט. (ער טוט נאָך אַ שנעלן קוק אויף סטענהאָפּן און גייט אַרויס.)

(אין דרויסן איז שטיל. דער לעצטער גראַנאַט האָט אַ פּייף געטון און אויפגעריסן. איבער דער דייטשער ליניע פאַרשפּרייט זיך אָוונט־טונקל־קייט. דער גלאַנץ פון די דרויסנדיקע פלעמלעך הייבט זיך אויף און פאַר־בלאַסט אין מאַטקייט, אַנטקעגן דעם אָוונט־הימל. סטענהאָפּ קוקט שטאַר און שטום אויפן טיש — אויף אָסבאָרנס זייגערל און פינגערל. ער דרייט אוים זיין אויסגעדאַרט, צעשראָקן פּנים צו ראַליי, וועלכער זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קוקט אויף די דלאָניעס פון זיינע הענט. סטענ־האָפּ גייט פּאַמעלעך צו צום אַרויסגאַנג און שטעלט זיך אָפּ, נאָך אַ קוק צו טון אויף ראַליי. ראַליי קוקט סטענהאָפּן אין פּנים אַריין און זייערע אויגן באַגעגענען זיך. ווען סטענהאָפּ רעדט, איז זיין קול נאָך אַלץ אויסדרוקלאָז און אָפּגעשטאָרבן.)

סטענהאָפּ: מוזט טאַקע זיצן אויף אָסבאָרנס בעט?

(דרייט זיך אום און גייט לאַנגזאַם אַרויס.

ראַליי הויבט זיך אויף וואַקלדיק, זיפצט אָפּ און שטייט מיט אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ.

פאַר מיילן ווייט הילכן שווערע האַרמאַטן.)

(פאָרהאַנג פאַלט)

צווייטע סצענע

דעמזעלבן טאָג, שפּעט אינאָוונט.

די אָקאָפּע איז פֿייערלעך באַלויכטן מיט אַן אומגעוויינלעכער צאָל ליכט. צוויי פֿלעשער שאַמפּאַניער שטייען די גאַנצע צייט אויפֿן טיש. שוין נאָך מיטאָג.

סטענהאָפּ, מיט אַ ציגאַר צווישן די ציין, ליגט אָנגעשפּאַרט אויפֿן טיש, מיט איין עלנבויגן צווישן די טעלער און טעפּעלעך. די האָר זיינע — צעשויבערט. אויף די באַקן — העל־רויטע פֿלעקן. ער האָט נאָרוואָס געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג, וואָס האָט אַרויסגערופֿן ביי היבערט און טראָטער אַ הילכיקן געלעכטער. ער הערט זיך צו מיט אַ שמייכל. טראָטער זיצט אויף אַ קעסטל, רעכטס פֿונם טיש, אָנגעלענט אויף דער וואַנט, הינטן. צווישן זיינע פֿליישיקע פּוכיקע פֿינגער שטעקט אַ ציגאַר. איבער זיין פּנים איז צעגאָסן אַ העלער שאַרלאַך־קאָליר מיט טיף־רויטע פֿלעקן אונטער די אויערן. די דריי אונטערשטע קנעפּלעך פֿון זיין מונדיר זענען אויפֿגעשפּיליעט. פֿון צייט צו צייט גלעט ער זיך מיט דער האַנט מילד איבער דער ברוסט און בויך. היבערט זיצט אויפֿן בעט לינקס. מיט זיינע ווייסע פֿינגער שנעלט ער נערוועז אַראָפּ דעם אַש פֿון ציגאַר. זיין בלייך פּנים איז שטאַרק פֿאַרשוויצט פֿון דער היץ, וואָס די ליכט פֿאַרשפּרייטן. ער לאַכט הויך אויפֿן קול און אויפֿגערעגט. טראָטער רעדט הייזעריק. דאָס געלעכטער שטאַרבט ביסלעכווייז אָפּ.

טראָטער: ...און וואָס האָט זי געזאָגט דערויף?

סטענהאָפּ: זי האָט געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש: „נישט אין די דאָזיקע הויזן“...

(טראָטער און היבערט פּלאַצן ווידער אַרויס מיט אַ געלעכטער.)

טראָטער: (פֿאַרגייט זיך אין אַ הוסט און פֿאַרקייכט זיך) אָ... טייערינקער... טייערינקערן

סטענהאָפּ: איך האָב זיך פּשוט אויפֿגעשטעלט און געזאָגט: „זייער גוט, מאַדמואַזעל, קענסט זיך גיין דיין וועג“.

טראָטער: נו, האָט זי טאַקע אַזוי געטון?

סטענהאָפּ: ניין, זי ט'עס נישט געטון.

(ווידער געלעכטער. טראַטער ווישט אָפּ אַ טרער פון אויג.)

טראַטער: אַ, שפּרינגער, ביסט גענוג זשוואווע, טויגסט זיך צו די זאכן... האסט קיין טעות נישט.

היבערט: איך האָב קיינמאָל נישט פארגעסן אויסצוקלויבן ביינאַכט אַ פּאָר טאָרטן און האַלטן זיי אויף מיטאָג.

טראַטער: (ווינקט צו סטענהאָפּן) ער האט שוין ווידער אין קעפּל...

היבערט: מיר האָבן זיך אַזויפיל אָנגעזשלאָקעט, נאָר צו דערטרינקען אַ קריגסשיף.

סטענהאָפּ: צו שווימען אויף אַ קריגסשיף.

היבערט: נו, גוט, זאָל זיין אַזוי — צו שווימען אויף אַ קריגסשיף... דערנאָך האָב איך זיי גענומען אַדורכצופאָרן זיך אַביסל ארום מיידנהעד. אפשר אַ זעכציק דעם גאַנצן וועג... ביי סקינדלס האָבן מיר אַ שיין ביסל געטאַנצט און נישקשהדיק אָנגעטרונקען זיך מיט פּאָרטער. און שפּעטער... כאַפּט מיך דער רוח, אויב כ'האָב נישט פארלוירן דעם וועג אויף צוריק... אָפּגעשטעלט זיך דאָרט אויף גאַנצע מיילן ווייט פון ערגעץ. און די מיידן יענע האָבן מיך אָנגעהויבן שעלטן, ווי דער טייוול... געזאָגט, אַז איך האָב עס בכיוון אַזוי אָפּגעטון... האָב איך זיי געזאָגט, אויב זיי וועלן נישט האַלטן פּיסק, וועל איך זיי פּשוט דערוואַרגן אויפן וועג, איבערלאָזן זיי און אַוועק.

סטענהאָפּ: (איראָניש) הוראַ בראַוואָ ס'אַ פיינער איינפאַל אַזוי דאַרף מען זיך מיט זיי באַגיין, האַרט, שטרענגן

היבערט: (קייכט פון געלעכטער) ...און דאָס האָט געווירקט. זיי זענען באַלד שטיל געוואָרן, אַ פאַרגעניגן האָב איך אָנגעהויבן אויספּרובירן אַלע וועגן און וועגלעך... ענדלעך בין איך געקומען ערגעץ אין אַ ווינקל אויף צוויי רעדער... מיט די מיידלשע האָר... שוין מער נישט געהאַט מיט זיי וואָס צו טון... (ער צעלאַכט זיך און נעמט אַ שלוק שאַמפּאַניער.)

סטענהאָפּ: אָ, קענסט גוט ווילן מיידלעך.

טראַטער: (שווער) איך האָב קיינמאָל קיין אויטאָ נישט געהאַט. מיט מיין אַלטער פלעג איך שטענדיק גיין צופוס. מיר דינען נאָך די פיס.

סטענהאָפּ: האָסט ליב פיס?

טראַטער: יאָ, כ'האָב ליב.

סטענהאָפּ: ס'אַסך ביליקער.

היבערט: (לאַכט צופרידן) אַ טייערע זאַך, פּיסן

סטענהאָפּ: (הויבט אויף זיין טעפּעלע שאַמפּאַניער) גוט. כ'וועל האַלטן אַ טאָסט וועגן פּיס... זאָל זיי גאָט בענטשן!...

היבערט: (הויבט אויף זיין טעפּעלע) גוטע אַלטע פּיסן!

טראָטער: (הויבט אויף זיין טעפּעלע) אַ ליטקע איז אַ שקאַפּע.

סטענהאָפּ: וואָס איז אַ ליטקע?

טראָטער: אַ שקאַפּע. מ'רופט זי אַזוי.

סטענהאָפּ: וואָס רופט מען?

טראָטער: וואָס? — די פּיס...

היבערט: (כמעט פריילעך אויסשרייענדיק) אָ, טראָטערן ביסט אַ חלום...

טראָטער: (גלאָצט אויס אַן אויג אויף היבערטן) האָסט שוין אַביסל צופיל שאַמפּאַניער... צופיל...

(היבערט נעמט ארויס פון קעשענע אַ לעדערנעם טאַש און ציט ארויס עטלעכע קאַרטלעך.)

היבערט: הערט, האָב איך עס נאָך אייך קיינמאָל נישט געוויזן? (ער דערלאנגט זיי אויעציקוויז סטענהאָפּן און שמייכלט אים אין פּנים אַריין, וואַרטנדיק אויף זיין אָנערקענונג.)

סטענהאָפּ: פונוואַנעט האָסטו זיי געקריגן?

היבערט: נאָך אין בעטהען. (דערלאנגט איין קאַרטע) ווי געפעלט דיר זי? אָלרייט, ניין?

סטענהאָפּ: צו גראָב.

היבערט: (קוקט איבער סטענהאָפּס אַקסל) כ'האָב עס גאָר־נישט געוווסט.

סטענהאָפּ: צו גראָב. (ער דערלאַנגט די קאַרטע טראָטערן.) וואָס זאָגסטו אויף איר, טראָטער?

טראָטער: (נעמט ארויס פון קעשענע אַ פּאָר פּענסנע, טוט זיי אָן אויפן נאָז און באַטראַכט דאָס בילד.)

היבערט: ס'אַן אויסגעצייכנטע קאַרטע, אָלרייט נישט אמת?

טראָטער: כ'ווייס אַליין נישט. ווען דו זאָלסט זיך פרעגן מבינות, וואָלט איך גערנער געוואָלט האָבן אַ געהעריק בילד פון גייט פּאַיער.

היבערט: (אומגעדולדיק) פאַרשטייסט זיך נישט אויף

קונסט, טראָטער. (דערלאַנגט סטענהאָפּן אַן אַנדערע קאַרטע) אָט דאָ האָסטו אַ פּאָר פיינע פּיסלעך.

סטענהאָפּ: צו דין. נישט אמת, טראָטער? (דערלאַנגט עס טראָטערן.)

טראָטער: (נאָך אַ ווײַלע טראַכטן) פאַר מיר זענען זיי צו מאָגער.

היבערט: (גיט סטענהאָפּן אַ ניי בילד) אָט דאָס האָב איך צוממיינסטן ליב.

סטענהאָפּ: נישט שלעכט.

היבערט: פּרעכטיקע שלאָפּצימער-אויגן.

סטענהאָפּ: זי זעט אויס אָלרייט.

היבערט: האָסטו געזען אַמאָל די „זיפּ"-פאָרשטעלונג אויפן היפּאָדראָם? אַ פּאָר גרויסאַרטיק-שיינע מיידלעך זענען דאָרט געווען, אַ צווילינג. האָסט זיי געזען, שפּרינגער?

סטענהאָפּ: (פאַרמאַטערט) ניין, נישט געזען... געווען שוין אויף אַ סך פאָרשטעלונגען, ווער קען זיי אַלע געדענקען? (אויפגעמונטערט) נו, חברה׳ן! יעצט דאַרף מען פון יענץ אויך אַ זופּ טון.... היי, מייסן!

מייסן: גלייך, הערן (באַווייזט זיך)

סטענהאָפּ: ברענג אַביסל וויסקי.

מייסן: גלייך, הערן (אָפּ)

טראָטער: וואָס עפּעס? וויסקי נאָך שאַמפּאַניער?

סטענהאָפּ: פאַרוואָס נישט? ס׳איז אָלרייט.

טראָטער: אויב אַזוי, איז זייער גוט. כ׳האָב דערפון גאָרנישט געוווסט. ס׳האָט מיך געוווּנדערט... ווייסט, איך פיל זיך איצט, ווי עמעצער, וואָלט מיר אָנגעפּאָמפּעט מיט אַ ראָווער-פּאָמפּע.

סטענהאָפּ: זעסט טאַקע אַזוי אויס.

טראָטער: (לאָזט ארויס אַ מויל רויך פון ציגאַר צום טונקעלן סופיט) ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָבן מיר געהאַט אַ פיין געשמאַק שטיקל עוף... און מיילן גאַנצע וואָלט איך אויסגעגאַנגען, פאַר אַביסל מאַרמעלאַד-פּודינג, ווי מיר האָבן היינט געהאַט.

מייסן: (ברענגט אַריין אַ פלעשל וויסקי.)

סטענהאָפּ: דיין פּודינג, מייסן, האָט שלעכט געווירקט אויף מיסטער טראָטער; ער פילט זיך, ווי ער וואָלט וועלן ברעכן.

מייסן: ס׳טוט מיר זייער לייד, הער. כ׳האָב עס נישט געמאַכט בכיוון אַזוי, הער.

טראַטער: ס׳איז געווען אויסגעצייכנט, מייסן. נעם עס צו. איך בין אַ גרויסער מבין אויף פּודינג. ווי נאָר איך זע עס, ווייס איך באַלד, צי ס׳איז גוט.

מייסן: ס׳איז געווען בלויז געקאָכטע ביסקוויט מיט מאַר-מעלאַד, הער. (ווענדט זיך צו סטענהאָפּן) כ׳האָב אייך געוואָלט זאָגן, הער, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע פלעשל וויסקי.

סטענהאָפּ: ס׳לעצטע פלעשל שוין? ווי אַזוי, צו אַלדי רוחות? מיר האָבן דאָך געבראַכט זעקסן?

מייסן: כ׳ווייס, הער. אָבער זיי זענען שוין אוועקגעגאַנגען.

סטענהאָפּ: צו וואָס פאַר אַ טייוול זענען זיי אוועקגע-גאַנגען?

מייסן: איר געדענקט, הער: איינס אין דער ערשטער נאַכט... און שפּעטער נאָך איינס... און דערנאָך...

סטענהאָפּ: אָ, מייסן, אום גאָטס ווילן, זיי אַביסל איינ-געהאַלטענער מיט די פלעשלעך. דאָס פלעשל וועט שוין געדויערן ביז זון-אויפגאַנג (צו טראַטער און היבערט) ביז מאָרגן זון-אויפגאַנג, חברה-לייט מיינע!

טראַטער: אַך, פאַרגעס עס.

סטענהאָפּ: קענסט זיך וועטן, אַז ס׳וועט זיין... נו, ווער נעמט אַביסל וויסקי?

טראַטער: איך בין שוין פול. כ׳וואָלט וועלן, מייסן, אַ גוט טעפּעלע טיי.

מייסן: זייער גוט, הער. (אָפּ)

סטענהאָפּ: טיי?

טראַטער: יאָ, דאָס וויל איך טאַקע. אַ געשמאַק טעפּעלע טיי. שאַ, גיב מיר אַ לעפעלע וויסקי — ט׳ווערן אַביסל מונטערער, לעבעדיקער.

סטענהאָפּ: נאַ דיר. ווילסטו אפשר נאָך?

טראַטער: אָ, גענוגן

סטענהאָפּ: ווילסטו אַ גוט ביסל וויסקי, היבערט?

היבערט: יאָ. כ׳בין איצט גאַנץ אויפגעלייגט.

טראַטער: (נעמט אַ שלוק וויסקי) בלויז אַ טעפּעלע טיי, וועל איך תיכף גיין איבערנעמען דעם יונגן ראַליי. אַ שאָד, וואָס ער איז נישט געקומען אויף אוונט-עסן.

סטענהאָפּ: כ׳האָב עס אים געזאָגט. געהייסן אים קומען אין אַ שעה אַרום און איבערגעבן די וואַך דעם סערזשאַנט-מאַיאָר.

טראַטער: כ׳וווּנדער זיך, וואָס ער איז נישט געקומען.

היבערט: דער יונג נעמט זיך צופיל איבער מיט זיין „דינסט״... ער האָט מיר געהאַט געזאָגט, אַז ער וואָלט וועלן בעסער זיין דאָרט מיט די סאָלדאַטן, איידער דאָ מיט אונז.

סטענהאָפּ: (רויק) אַזוי האָט ער געזאָגט?

היבערט: יאָ. איך האָב אים דערציילט וועגן אונזער הינדל, שאַמפּאַניער און ציגאַרן, און ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן און געזאָגט: „איר האָט דאָך עס נישט, נישט אמת?״... פּונקט ווי ער זאָל מיינען, אַז מיר ווילן אים עפּעס אריינ־נאַרן...

טראַטער: איך גלייב, אַז דער איבערפּאַל האָט אים שטאַרק אויפגעטרייסלט, מער נאָך ווי מיר מיינען אַליין. כ׳האָב אים שטאַרק ליב, דעם דאָזיקן בחור. ער נעמט זיך מיט אַלץ שטאַרק איבער... ער איז זייער אַ שטאַרקער. איר האָט באַדאַרפט זען, ווי אַזוי ער האָט, צוריקגייענדיק פונם איבערפּאַל, צווישן די רויך־וואָלקנס, גע־טראָגן דעם באָש אונטערן אָרעם, ווי מ׳טראָגט אַ ליאַלקע.

היבערט: און שפּעטער האָסטו אים געזען? ר׳איז אריינ־געקומען אין אָקאָפּע און קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט, ווי ער וואָלט לחלוטין נישט געוווּסט, אויף וואָסער וועלט ער איז.

טראַטער: נו, יאָ, ער איז נאָך נישט מער ווי אַ יונגל.

סטענהאָפּ: (צו היבערט) האָט ער דיר ווירקלעך געזאָגט, אַז ער וואָלט בעסער געוואָלט זיין מיט די סאָלדאַטן דאָרט, איידער דאָ מיט אונז?

היבערט: יאָ, אַזוי האָט ער געזאָגט.

טראַטער: איך גלייב, אַז ער קריגט זיכער דעם מיליטע־רישן קרייץ... ווען איך האָב אַזאַ געזונט און אויפגעלייגט בחור ווי ער, וואָלט איך אים שטאַרק ליב געהאַט.

סטענהאָפּ: אָ, אום גאָטס ווילן, פאַרגעס דעם בלוטיקן טייוולדיקן איבערפּאַל. מיינסט, ס׳איז אַזוי אָנגענעם דערפון צו רעדן?

טראַטער: (איבערראַשט) ניין... אָבער... נאָך אַלעמען...

סטענהאָפּ: גוט. גוט... מאַך צו ס׳מוילן

טראַטער: (שווער) אַלרייט, אַלרייט.

סטענהאָפּ: מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פיינעם פרייל־עכן אָוונט, ביז דו האָסט אָנגעהויבן פּלוידערן וועגן דער מלחמה.

טראַטער: איך האָב עס נישט אָנגעהויבן.

סטענהאָפּ: האָסט יאָ אָנגעהויבן.

טראַטער: דו האָסט אָנגעהויבן.

סטענהאָפּ: גענוג שוין הער אויף!

טראַטער: אָלרייט, אָלרייטן

היבערט: (צו סטענהאָפּ) האָב איך דיר שוין דערציילט אמאָל די געשיכטע פון דעם מיידל, וואָס איך האָב באַגעגנט אין סאָהאָ?

סטענהאָפּ: כ׳וויים נישט. שוין אוודאי דערציילט.

היבערט: (דרייסט) עס וועט דיך אַמוזירן... האָב איך עס דאמאָלסט געטאַנצט און געוויילט זיך און אהיימגעקומען אזוי שפּעט אינדערנאַכט...

סטענהאָפּ: יאָ, ס׳איז שוין טאַקע שפּעט. אַזייגער עלף דאַרפסטו שוין גיין אויף דינסט. לייג זשע זיך צו אביסל שלאָפן.

היבערט: אָ, אָלרייטן כ׳בין איצט פריש ווי א מאַרגאַ-ריטקע.

סטענהאָפּ: קען זיין. אָבער שלאָפן דאַרפסטו גיין.

היבערט: וואָס?

סטענהאָפּ: (העכער) „גיי שלאָפן!" — האָב איך געזאָגט.

היבערט: דאָס איז אַ גאַנץ פיינער סוף פון אונזער פריילעכן אָוונט...

סטענהאָפּ: ליידער. כ׳בין זייער מיד.

היבערט: (פאַריסן) גיי דו בעסער שלאָפן

(ס׳איז שטיל. סטענהאָפּ קוקט אָן היבערטן, וועלכער לאַכט אין זיך.)

סטענהאָפּ: וואָס אַזוינס האָסטו געזאָגט?

היבערט: כ׳האָב עס געמיינט אין שפּאַס.

סטענהאָפּ: איך פרעג דאָך דיך, וואָס דו האָסט אַזוינס געזאָגטן

היבערט: כ׳האָב געזאָגט: „גיי דו בעסער שלאָפן".

(סטענהאָפּ ווערט רויט ווי אָנגעצונדן, און קוקט גלייך היבערטן אין פּנים אַריין. היבערט שמייכלט אין זיך.)

סטענהאָפּ: טראָג זיך אַרוים פונדאַנען!

היבערט: (הויבט זיך אויף צעמישט) וואָס... וואָס מיינסטו דערמיט?

סטענהאָפּ: שוין אַרוים פונדאַנען אום גאָטס נאָמען, אַרויסן

היבערט: (אויפן קול) הער אוים... טו נאָר אַ קוק...

סטענהאָפּ: אַוועק פון מיינע אויגן!

הי ב ע ר ט: (גלאָצט אוים אויף ס ט ע נ ה אָ פ ן אַ פּאָר שרעקעדיקע אויגן און רוקט זיך ביסלעכווייז — הינטערווייַלעכץ — אַרוים אין זיין אַקאָפּע)

(ס'איז שטיל. פון וויטן הערט זיך האַרמאַטן־שיסערייַ, טיף און גרויליק.)

ס ט ע נ ה אָ פ: קליינע ווערעמלעך קריכן מיר אויף די נערוון.

ט ר אָ ט ע ר: אָרעמער יונג, וואָס ער איזן כ'האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פּריילעכן ווי דאָסמאָל.

ס ט ע נ ה אָ פ: פילסטו נישט, ווי ער קען אַ מענטשן פּשוט משוגע מאַכן?

ט ר אָ ט ע ר: כ'גלייב, אַז ער שטרענגט זיך בלויז אָן צו זיין מונטער.

ס ט ע נ ה אָ פ: און מיט זיין אָפּשטויסנדיקן קליינלעכן פאַר־שטאַנד, קען ער ממש קראַנק מאַכן.

(מויסן ברענגט אַריין ט ר אָ ט ע ר ן אַ טעפּעלע טיי און גייט אַוועק.)

איך בין דיך מקנא, טראָטער. קיין זאַך דערשלאָגט דיך נישט, נישט אמת? דו ביסט שטענדיק דער זעלביקער.

ט ר אָ ט ע ר: שטענדיק דער זעלביקער? (ער זיפצט אָפּ) קענסט מיך נאָך ווייניק...

ס ט ע נ ה אָ פ: ווערסט קיינמאָל נישט קראַנק, צו שטאַרבן, צוליב עפּעס אַן עגמת־נפש. ביסט שטענדיק גליקלעך און פול מיט פאַרלאַנג צו זינגען.

ט ר אָ ט ע ר: כ'ווייס אַליין נישט... אָפּטמאָל פייף איך זיך צו אַביסל.

ס ט ע נ ה אָ פ: דו פילסט אָבער שטענדיק דאָס אייגענע.

ט ר אָ ט ע ר: כ'פיל, ווי איך בין איצט אַזוי אָנגעפּוישט.

(פּויזע. ט ר אָ ט ע ר זוכט זיין טיי, און סטענהאָפּ נעמט אַ טרינק וויסקי.)

אַט דאָ זענען היבערטס בילדער. אַ מאָדנער בחור עפּעס: טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע קאַרטעס. דערמיט, ווייזט אוים, באַ־פרידיקט ער זיינע פאַרלאַנגען — אָרעמער קליינער ייִנגלן (ער הויבט זיך אויף) נו, גוט. כ'גיי איבערנעמען ראַלייען. אַ שאָד, וואָס ער איז נישט געקומען צו אונזער אָונט־עסן. (ער פּרוווט פאַרקנעפּלען זיין מונ־דיר, אָבער אָן דערפאָלג. ענדלעך פאַרקלאַמערט ער זיין געוועבטן פּאַס אי־בערן אומפאַרקנעפּלטן מונדיר, טוט אָן דעם העלם און פאַרלייגט איבער די אַקסלען דעם אָטעם־אַפּאַראַט.)

אויסגעצייכנט, סטענהאָפּן בראַוואָ!

סטענהאָפּ: דו שטעלסט זיך פֿאָר, אַז דו ביסט איצט דער צווייטער אין מיין קאָמאַנדע, נישט אמת?

טראַטער: האָסט נאָך אַפּילו וועגן דעם גאַרנישט דער־מאָנט, אָבער...

סטענהאָפּ: גוט, טראַטער, דו ביסט עס.

טראַטער: זייער גוט, שפּרינגער. (ער רייסט איבער) אַ דאַנקען (גייט־צו צו דער טיר) כ'וועל דיך נישט אַרויסלאָזן דאָרט אַראָפּ, אויף דער פּאָזיציע.

סטענהאָפּ: נאָך דיין דינסט, זאָלסטו זיך אַביסל איבער־שלאָפֿן. מיר דאַרפֿן זיין גרייט אויף האַלב זעקס.

טראַטער: ריכטיק, שפּרינגער. גוט. איך גיי. איך וויל זיך אַביסל אָפּקילן דאָרט, דאָ איז אַזוי הייס, ווי אין אַ גיהינום... די טייוולדיקע ליכט, וואָס ברענען דאָ שטענדיק.

סטענהאָפּ: יאָ, יאָ, כ'מיין אויך אַזוי. דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר שיר. (ער לעשט אויס דריי ליכט און לאָזט איבער איין קליין, טונקל־ברענענדיק ליכטל.)

טראַטער: (האַלב שוין אויף די טרעפּלעך) וואָס פֿאַר אַ נעפּל ס'הייבט זיך דאָרט אויף!

סטענהאָפּ: (שוואַך) טאַקע?

(טראַטער פֿאַרשווינדט אין דער נאַכט.)

סטענהאָפּ: (צעלייגט זיך איבערן טיש און רופֿט) מייסאָן!

מייסאָן: (פֿון יענער זייט) גלייך, הערן!

סטענהאָפּ: קענסט שוין דערלאַנגען מיסטער ראַלייס מיטאָג.

מייסאָן: זייער גוט, הער.

(מייסאָן ברענגט אַריין אַ טעלער הייס געקעכץ. ער לייגט צונויף און רוימט אַראָפּ די פֿריערדיקע כלים. אינדעם קומט לאַנגזאַם אָן ראַליי. ער פֿאַרהאַלט זיך אויף די טרעפּלעך, נעמט אַראָפּ דעם העלם און קווענקלט זיך וואָס צו טון.

סטענהאָפּ זיצט בײַם טיש, רויכערנדיק דאָס איבערגעבליבענע שטיקל ציגאַר. ס'איז שטיל, ס'הערט זיך בלויז אַ ווייט פֿאַרדומפּן שי־סעריי.)

סטענהאָפּ: דאַכט זיך, אַז כ'האָב דיר געהייסן קומען אויף מיטאָג אַזייגער אַכט, ניין?

ראַליי: אָ, ס'טוט מיר זייער לייד. כ'האָב נישט געוווּסט, אַז איר... דאָ...

סטענהאָפּ: וואָס? האָסט נישט געוווּסט, אַז איך... דאָ... וואָס הייסט?

ראַליי: כ'האָב נישט געוווּסט, אַז איר וועט עפּעס האָבן דאַקעגן, אויב איך וועל נישט זיין...

סטענהאָפּ: כ'פאַרשטיי. טאָ וואָס-זשע האָב איך דיך געפרעגט, אויב איך האָב נישט דאַקעגן?

ראַליי: כ'באַדויער זייער.

סטענהאָפּ: נו, גוט. דיין מיטאָג האָבן מיר געהאַלטן ביז איצט. אָט שטייט ער דאָ צוגעגרייט.

ראַליי: אַך, סטענהאָפּ, ס'איז זייער שיין און גוט פון אייער זייט, וואָס איר האָט געהאַלטן פאַר מיר דעם מיטאָג ביז איצט. אָבער... איך האָב שוין עפּעס געגעסן דאָרט.

סטענהאָפּ: דו האָסט שוין עפּעס געגעסן דאָרט? זאָג מיר, וואָס דו מיינסט דערמיט.

ראַליי: בעת איך בין געווען אויף דער וואַך, האָט מען גראָד אַרומגעטראָגן טיי. האָב איך באַקומען אַ טעפּעלע טיי און אַ שטיקל ברויט מיט קעז.

סטענהאָפּ: איז עס טאַקע אמת, אַז דו האָסט געגעסן צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן?

ראַליי: יאָ. סערזשאַנט בייקער האָט עס מיך געראַטן...

סטענהאָפּ: אַזוי גאָר? באַקומסטו שוין דיינע באַפעלן פון סערזשאַנט בייקער?

ראַליי: ניין, אָבער...

סטענהאָפּ: דו עסט אויף ביי די סאָלדאַטן זייערע פּאָר-ציעס, וואָס קלעקן נישט פאַר זיי אַליין?

ראַליי: זיי האָבן מיך געבעטן, כ'זאָל מיט זיי מיטעסן.

סטענהאָפּ: נו, טו אַ קוק, ראַליי. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו ביסט נאָך דאָ אַ פרישער. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך גע-מיינט, אַז דו וועסט האָבן אַזויפיל געזונטן פאַרשטאַנד, צו לאָזן די סאָלדאַטן אַליין עסן זייער מאָלצייט. מיינסטו טאַקע, אַז די סאָל-דאַטן ווילן אַזוי גערן, אַן אָפיציר זאָל אָוועקנעמען זייערע פּאָרציעס און אַלץ אויסנאָגן ביי זיי? מיינע אָפיצירן דאַרפן ווערן רעספּעק-טירט, נישט אויסגעלאַכט, אָדער פאַרהאַסט.

ראליי: פארוואס-זשע האבן זיי עס געבעטן, אויב זיי פארלאנגען נישט?

סטענהאפ: דו שטעלסט זיך גארנישט פאר, אז זיי האבן פון דיר געוואלט אפּחוזקן און דיך מאכן צום נאר.

ראליי: פארוואס זאלן זיי אזוי טון?

סטענהאפ: מיינסטו, ראליי, אז דו קענסט שוין מער מיינע סאלדאטן, ווי איך אליין?

(ס'איז שטיל. ראליי קוקט סטענהאפן גלייך אין פנים אריין.)

ראליי: כ'באדויער עס זייער, אויב איך בין באגאנגען א פעלער.

סטענהאפ: זעץ דיך אנידער.

ראליי: אלרייט, א דאנק.

סטענהאפ: (מיט פלוצלונג א געשריי) זעץ דיך אנידערן

(ראליי זעצט זיך אויפן קעסטל, רעכטס פונם טיש. סטענהאפ רעדט ווידער רויק.)

איך פארשטיי, אז דיר איז ליבער צו זיין דארט מיט די סאל-דאטן, איידער דא צוזאמען מיט אונז, ניין?

ראליי: כ'פארשטיי נישט, וואס איר מיינט דערמיט.

סטענהאפ: פארשטייסט נישט? — און וואס האסט גע-זאגט היבערטן?

ראליי: היבערטן? כ'האב... כ'האב גארנישט געזאגט...

סטענהאפ: לייקן נישטן

ראליי: (הייבט זיך אויף) איך לייקן נישטן פארוואס זאל איך עפעס לייקענען?

סטענהאפ: טא פארוואס-זשע ביסטו נישט געקומען אזייגער אכט צום אוונט-עסן, ווי כ'האב געזאגט?

ראליי: איך... איך בין געווען הונגעריק. ס'האט מיר גיכער דער קאפ וויי געטון. דארט איז קילער, איז מיר געווען בעסער דארט צו זיין.

סטענהאפ: האסט באליידיקט טראטערן און היבערטן, דערמיט וואס דו ביסט נישט געקומען. האסטו עס בארעכנט?

ראליי: כ'האב נישט געהאט די מינדסטע כוונה עמעצן צו באליידיקן.

סטענהאפ: נו, גוט. אבער איצט ווייסטו שוין, האל?

(ראליי ענטפערט נישט. ער באמיט זיך צו פארשטיין, פארוואס סטענהאפ האט זיך אזוי אויפגעקאכט און אריינגעפאלן אין אן אויפ-

גערייצטער פוריע. סטענהאָפּ איז שטאַרק אויפגערעגט און קען זיך קוים באַהערשן. ער שרייט הויך:)

נו, איצטער ווייסטו שוין? ווייסט שוין?

ראַליי: יאָ. כ׳באַדויער זייער.

סטענהאָפּ: מיינע אָפּיצירן מוזן געמיינזאַם אַרבעטן. כ׳וועל נישט דולדן קיין פאַרשאָלטענע אויסוואורפן.

ראַליי: כ׳וועל איבערעדן מיט טראָטערן און היבערטן. כ׳האָב עס נישט געמיינט בכיוון...

סטענהאָפּ הויבט אויף צום מויל דעם ציגאַר. זיין האַנט ציטערט אָבער אַזוי האַסטיק, אַז ער קען אים קוים אַריינשטעקן צווישן די ציין. ראַליי קוקט אים אָן, מיטגעריסן און צעשראָקן.)

סטענהאָפּ: וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

ראַליי: (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) גאָרנישט.

סטענהאָפּ: זעסטו עפּעס משונהדיקס אויף מיר?

ראַליי: ניין. (נאָך אַ מינוט שווייגן רעדט ער ווידער, שטיל און אָפּגעהאַקט) עס קרענקט מיך שרעקלעך, דעניס. אויב... אויב איך האָב מיט עפּעס דערקוטשעט אָדער געקריוודעט עמעצן פון אייער אָפּטייל, זינט איך בין אַהערגעקומען.

סטענהאָפּ: וועגן וואָס רעדסטו עפּעס? וואָס מיינסטו?

ראַליי: איך זע, אַז איר האָט פּאַריבל אויף מיין זיין דאָ.

סטענהאָפּ: פּאַריבל אויף דיין זיין דאָ?

ראַליי: יאָ, די גאַנצע צייט, זינט איך בין געקומען...

סטענהאָפּ: כ׳ווייס נישט, וואָס דו מיינסט. איך האָב פּאַריבל בלויז, וואָס דו ביסט אַזאַ נאַר. דאָס איז אַלץ. (פּויזע) עס בעסער דעם מיטאָג דיינעם, איידער ס׳ווערט קאַלט.

ראַליי: כ׳בין נישט הונגעריק. אַ דאַנק.

סטענהאָפּ: אַך, גאָט מיינערן זעץ דעך אַנידער, ראַליי, און עס ווי אַ מענטש

ראַליי: כ׳קען נישט עסן. איך דאַנק.

סטענהאָפּ: (מיט אַ געשריי) זעצסט דיך אַנידער עסן, צי ניין?!

ראַליי: אַך, גאָט מיינערן פאַרשטייט איר נישט? ווי קען איך זיך איצט אַוועקזעצן און עסן... ווען... (זיין קול ברעכט זיך) ווען... אַסבאָרן.. ליגט שוין דאָרטן?...

(סטענהאָפּ הויבט זיך לאַנגזאַם אויף. זיינע אויגן זענען ברייט-

צעעפּנט און שטאַר. ער מאַטערט זיך צו אָטעמען, און די ווערטער קומען ביי אים ארויס צעבראָכן.)

סטענהאָפּ: גאָט מיינערן דו... קליינער שוויין דו מיינסט, איך לייד גאָרנישט... מיינסט, דו ביסט דער איינציקער, וואָס דו ליידסט אזויפיל?...

ראַליי: און פונדעסטוועגן קענט איר זיך זיצן רויק ביים טיש און טרינקען שאַמפּאַניער... וויסקי... און רויכערן ציגאַרן...

סטענהאָפּ: דער איינציקער מענטש, וועמען כ'האָב זיך געקאָנט אָנפאַרטרויען, איז ער געווען... מיין בעסטער פריינט... דער איינציקער, וואָס כ'האָב געקאָנט רעדן מיט אים, ווי א מענטש מיט א מענטש.. וואָס האָט אַלצדינג פארשטאַנען און געפילט.. אַלץ... און דו מיינסט, איך לייד גאָרנישט...

ראַליי: אָבער, ווי אזוי קענט איר, בעת...

סטענהאָפּ: דאָס איז דאָך אַלץ — כדי צו פארגעסן... דו נאר — צו פארגעסן... פארשטייסט? — פארגעסן מיינסט, ס'איז קיין גרעניץ נישטאָ צו מענטשלעכע ליידן?...

(ער דרייט זיך שנעל אַוועק פון ראַליי און גייט צו צום טונקעלן ווינקל, ביי אָסבאָרנס בעט. ער שטייט מיטן פּנים צו דער וואַנט. די אַקסלען צוקן אים אַרויף און אַראָפּ. ער סאָפּעט קוים.)

ראַליי: ס'קרענקט מיך זייער, דענים. כ'באַדויער. כ'האָב עס נישט פארשטאַנען.

(סטענהאָפּ ענטפערט נישט.)

איר ווייסט נישט, ווי אזוי... איך...

סטענהאָפּ: גיי אַוועק, איך בעט דיך... לאָז מיך אַליין...

ראַליי: קען איך נישט....?

סטענהאָפּ: (דרייט זיך אויס ווילד צו ראַליי) אָ, גיי ארויסן אום גאָטס ווילן, טו צוליב, און גיי ארויסן

(ראַליי גייט אַרויס אין זיין אָקאָפּע. סטענהאָפּ בלייבט אַליין. אין דרויסן הייבן זיך און פאלן די נאַכט-פלעמלעך. שניידן אַדורך די פינסטערניש מיט זייער גלי — אַמאָל מיט אַ שטאָלענער בלאָקייט, אַמאָל גרוי. דורך דער נאַכט דערטראָגט זיך פון וויטן דער געהילך פון אַ ביקסן-שיסעריי, וואָס ווערט גאָרנישט שטיל.)

(פאָרהאַנג פאַלט)

דריטע סצענע

באַגינען־צו. די ליכט ברענען שוין נישט. די געדיכטע פינסטערניש פון דער אָקאָפּע ווערט אַביסל געמילדערט פונם גלי פון די פּאָזיציע־פלעמלעך אין דרויסן. ס׳איז שטיל. ס׳הערט זיך בלויז אַ ווייטער געברום פון הארמאטן.

עמעצער קומט אַרויס פון דעם דינערס אָקאָפּע. אויף אַ ווײלע שלאָגן זיך אָפּ זיין קאָפּ און אַקסלען ווי אַ שוואַרצער סילועט אַנטקעגן דעם גליהיקן הימל אינדרויסן. דערנאָך גייט ער אריין טיפער אין דער פינס־טערניש, צום טיש. ס׳דערהערט זיך אַ שאָרך פון אַן אָנגעריבן שוועבעלע — אַ קליין פלעמל — און אַ ליכטל ברענט שוין און באַלייכט אַלץ אַרום. מייסן קוקט זיך איין אין ליכט און דרייט זיך אוים צו סטענ־האָפּס בעט. סטענהאָפּ ליגט אויפן בעט אַ צעבראָסטעטער, פעסט איבער־געדעקט מיט אַ קאָלדרע.

מייסן: (שטיל) הער...

(סטענהאָפּ באַוועגט זיך נישט. מייסן טוט אים מילד אַ שאָקל ביי די קני.

אַביסל העכער) הערן...

סטענהאָפּ: וואָס איז? (פּויזע) אַך, דאָס ביסטו, מייסן?

מייסן: שוין האַלב זעקס, הערן

סטענהאָפּ: אַ, גאַנץ גוט. (ער הייבט זיך אויף, אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן.) כ׳האָב בלויז געכאַפּט אַ דרימל. כ׳האָב שוין גע־האַלטן ביים אויפשטיין... ווי שרעקלעך קאַלט דאָ איז...

מייסן: ס׳איז אַ קאַלטע אָקאָפּע אונזערע, הער. כ׳האָב גע־מאַכט אביסל הייסע טיי.

סטענהאָפּ: גוט. ברענג אַ טעפּעלע.

מייסן: אַט האָט איר דאָ, הער.

סטענהאָפּ: דערלאַנג אויך די אָפיצירן און וועק זיי אויף.

מייסן: זייער גוט, הער.

(מייסן גייט אַריין אין זיין אָקאָפּע.

סטענהאָפּ הייבט זיך אויף שטיל פונם בעט. שוידערט עטלעכע מאָל פון קעלט און הייבט אָן לאַנגזאַם אָנטון די גאַנצע אויסריכטונג זיינע.

טראַטער קומט אַריין אין אַקאָפּע מיט ענערגישע טריט, אַנזייפנ־דיק זיך ס'פּנים. ער איז שוין כמעט אינגאַנצן אַנגעטון, אַחוץ קאָלנער.)

טראַטער: (אויפן קול) „געוואַשן און געפּוצט, געפּוצט און געוואַשן — צוויי פּענסן"

סטענהאָפּ: (קוקט אים אָן איבעראַשט) העלאָ! כ'האָב גע־מיינט, דו שלאָפסט נאָך.

טראַטער: כ'בין געשלאָפן זייער געשמאַק, נאָכן קומען פון דער וואַך. וויפל איז שוין דער זייגער?

סטענהאָפּ: האַלב זעקס. ס'וועט שוין באַלד טאָגן... נו, פּוץ דיך אָרום און זיי גרייט.

טראַטער: אָלרייט. ס'וועט לאַנג נישט געדויערן... ס'איצט גאַנץ שטיל, ווי מיינסטו?

סטענהאָפּ: יאָ.

(מייסן ברענגט אַריין פיר טעפּעלעך טיי.)

טראַטער: אָ, גוט. דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט. אַ גוט געשמאַק טעפּעלע טיי.

מייסן: (שטעלט אַוועק איין טעפּעלע אויפן טיש פאַר סטענ־האָפּן.) געשמאַק און הייס, הער... כ'האָב צוגעגרייט קאָנסערוון, הער, פאַר יעדן אַ פּושקע.

סטענהאָפּ: גאַנץ פיין.

(מייסן נעמט די איבריקע טעפּעלעך טיי און טראָגט זיי אַריין צו די אָפיצירן רעכטס. טראַטער גייט אים נאָך, זייפנדיק נאָך אַלץ ענערגיש דעם פּנים.)

סטענהאָפּ: שוין צייט אויפצוּוועקן היבערטן און ראַלייען.

טראַטער: אָ, כ'האָב זיי שוין לאַנג אויפגעוועקט, שפּרינ־גער. זיי טוען זיך שוין אָן.

(מייסן קומט צוריק אַריין.)

סטענהאָפּ: ווען דו וועסט האָבן אַלץ שוין אויפגעראַמט און ריין געמאַכט אין קיך, מוזטו זיך תיכף אָנטון אין פולער אויס־ריכטונג און אַריינטרעטן אין דיין ראָטע אויף דער פּאָזיציע.

מייסן: יאָ, הער.

סטענהאָפּ: אויב ס'וועט אַלץ גיין כשורה ביז אַזייגער עלף, זאָלסטו זיך אַראָפּכאַפּן אַהער און זען צוגרייטן דעם צווייטן פרישטיק. מיר וועלן צוריקקומען אַזוי גיך, ווי מיר וועלן נאָר קענען.

מייסן: גוט, הער.

(סטענהאָפּ זעצט זיך ביים טיש און הייבט אָן צו שרייבן אַ קורצן ראַפּאָרט. די ערשטע שפּורן פון באַגינען צעלייכטן זיך אין טונקעלן הימל. סטענהאָפּ רופט אויס נאָכן אָפּשרייבן: קוריער!

פון מייסנס אַקאָפּע קומט אַריין אַ סאָלדאַט.)

סטענהאָפּ: (לייגט איין דעם פאַרשריבענעם פּאַפּיר) נעם און טראָג דאָס אַוועק אין באַטאַליאָן-הויפּטקוואַרטיר. דאַרפסט נישט וואַרטן אויף קיין ענטפער.

סאָלדאַט: גלייך, הער.

(דער סאָלדאַט סאַלוטירט און גייט אַרויס דורך די טרעפּ.

אַ קלאָגעדיקער קול דערטראָגט זיך פון דער צווייטער אַקאָפּע. טראָ־טער זינגט:

„פאַראַן אַ לאַנגער, לאַנגער ווײדל,
און דער ווײדל דרייט זיך"...

סטענהאָפּ הערט זיך צו אַ ווײלע, דאַן הייבט ער זיך אויף, נעמט אַרויס פון קעשענע עטלעכע קליינע מטבעות און וואַרפט זיי צו צו טראָטערס אַקאָפּע. דאָס געזאַנג רייסט זיך האַסטיק איבער. נאָך אַ מינוט. הערט זיך טראָטערס קול.)

טראָטער: מיין אונטערטעניקסטן דאַנק אייך, גנעדיקער הערן

(דער סערזשאַנט-מאַיאָר קומט־אָן פון דרויסן.)

סטענהאָפּ: אַך, סערזשאַנט-מאַיאָר, גוט מאָרגן

סערזשאַנט-מאַיאָר: ט'מאָרגן, ט'מאָרגן, הער. די דראָט-פאַרצוימער-גרופּע קומט נאָר-וואָס אָן, הער. אָפּגעטון אַ פיין שטיקל אַרבעט — גלייך אַראָפּ אויף דער שוץ-ליניע.

סטענהאָפּ: זייער פיין. איז אַלץ רויק?

סערזשאַנט-מאַיאָר: אין יענער זייט, הער, איז אַלץ אָלרייט. מ'הערט אָבער ווי די האַרמאַטן גייען דאָרט אַראָפּ צו דרום צו. מ'וועט שווער באָמבאַרדירן. כ'בין נישט זיכער, צי ס'וועט זיך נישט פאַרשפּרייטן אויפן גאַנצן וועג, הער.

סטענהאָפּ: זייער מעגלעך... באַלד קומען אָן די אָפיצירן. זיי וועלן זיך תיכף שטעלן ביי די ראָטעס זייערע. איך מוז דאָ דער-ווייל בלייבן, אין פאַל ווען ס'וועט זיין עפּעס אַ וויכטיקע ידיעה. איך וועל צוקומען גלייך, ווי אַלץ וועט זיך אָנהייבן.

סערזשאַנט-מאַיאָר: ריכטיק, הער.

סטענהאָפּ: האָבן די סאָלדאַטן שוין באַקומען זייער טיי?

סערזשאַנט-מאַיאָר: יאָ, הער.

סטענהאָפּ: גיב זיי אויך אַביסל ראָם.

סערזשאַנט-מאַיאָר: נאָך צו האַלבע פּאָרציעס, הער?

סטענהאָפּ: יאָ.

סערזשאַנט-מאַיאָר: אויב זייער אָנגריף וועט נישט פּאָרקומען, ווי לאַנג, הער, וועלן מיר אַזוי דארפן שטיין?

סטענהאָפּ: מיר דאַרפן זיך ריכטן אויפן אָנגריף יעדע רגע, ביז אַ האַלבן טאָג. אויב ביז דעמאָלט וועט גאָרנישט געשען, גלייב איך, אַז ס׳וועט שוין נישט פּאָקומען ביז מאָרגן.

סערזשאַנט-מאַיאָר: זייער ריכטיק, הער.

סטענהאָפּ: מיר מוזן, נאַטירלעך, אויסאַרבעטן אונזערע פּלענער צו זיין גרייט יעדע מינוט, ווי נאָר ס׳וועט עפּעס געשען.

סערזשאַנט-מאַיאָר: פולקאָם ריכטיק, הער.

סטענהאָפּ: אָלרייט, סערזשאַנט-מאַיאָר. מיר וועלן זיך גיך זען דאָרט, אויף דער ליניע.

סערזשאַנט-מאַיאָר: גוט, הער.

(ער סאַלוטירט און גייט ארויס.)

מייסן ברענגט אַריין פיר פּושקעס סענדוויטש און לייגט אויף נע אַוועק פאַר סטענהאָפּן.)

מייסן: אייערע קאָנסערוון, הער. האַלב רינדפלייש און האַלב סאַרדין. סאַרדין פון אויבן, הער.

סטענהאָפּ: אָ, ווי פיין, מייסן. איז עס נישט קיין „pâté de foie gras"?

מייסן: (פארשטייט נישט) נישט קיין וואָס, הער?

סטענהאָפּ: נישט קיין „pâté de foie gras"?

מייסן: ניין, הער... דער מילך-טרעגער איז נאָכנישט גע-וועז דאָ.

(מייסן טראָגט אַריין די איבעריקע דריי פּושקעס אין דער אנדערער אָקאָפּע, לינקס.

סטענהאָפּ גיסט זיך אַריין אין טיי אביסל וויסקי. ס׳לעצטע ביסל, וואָס ס׳בליבט איבער, גיסט ער אַריין אין פעלדפלאַש.

מייסן קומט צוריק.)

סטענהאָפּ: טו זיך אָן וואָס שנעלער.

מייסן: גלייך, הער.

(ער גייט ארויס. באלד קומט אָן טראָטער, אין פולער אויס-ריכטונג, גרייט צו דער פּאָזיציע.)

טראַטער: אַלץ איז גרייט, שפּרינגער. הייסטו מיך גיין?

סטענהאָפּ: יאָ, כ'מיין אַזוי. גיי דאָרט אַרום אויף דער ליניע און זע, צי אַלץ איז אין אָרדנונג. איך וועל באַלד זיין דאָרט.

(פלוצלינג דערהערט זיך אַ שוואַכער פייף, און באַלד דערנאָך אַ קראַך פון פאַלנדיקע גראַנאַטן, מיט פויזעס פון עטלעכע סעקונדעס צווישן איינעם און דעם צווייטן. סטענהאָפּ און טראַטער הערן זיך צו אויפמערקזאַם. פיר גראַנאַטן פאַלן. ס'ווערט ווידער שטיל.)

טראַטער: העלאָ, העלאָן

(סטענהאָפּ שפּאַנט־צו צום אַרויסגאַנג, גייט אַרויף אויף עטלעכע טרעפּלעך און קוקט אין דער נאַכט אַריין. דערנאָך קערט ער זיך לאַנגזאַם צוריק.)

סטענהאָפּ: איבער דער לאַנסער־אַלייע. ערגעץ ווו ביי דער רעזערוו־ליניע.

(ס'דערהערט זיך אַ שטאַרקער קנאַל פון דריי אויפגעריסענע גראַנאַטן.)

טראַטער: דאָס איז שוין נעענטער.

סטענהאָפּ: גיי בעסער אַהין, טראַטער. רוף די איבעריקע.

טראַטער: (צו דער לינקער אָקאָפּע) היבערטן ראַליין אַהערן

(ער פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס ביי דעם ליכט, פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע און גייט לאַנגזאַם אַרויס.) בראַוואָ, שפּרינגערן מ'עט זיך זען שפּעטער.

סטענהאָפּ: שיק באַלד אַ שליח: אינפאָרמירן מיך, ווי ס'האַלט דאָרטן.

טראַטער: אויסגעצייכנט.

(טראַטער פאַרשווינדט אין דער פינסטערניש.

אַ שווערער ציטערדיקער פאַס ליכטיקייט פון באַגינען צעלייגט זיך איבער דער דרויסנדיקער שוואַרצער טראַנשײ־וואַנט. סטענהאָפּ זיצט ביים טיש און זופּט זיין טיי. ער נעמט אַ פּאַפּיראָס און פאַרוויכערט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט.

ראַליי קומט אָן פון זיין אָקאָפּע.

סטענהאָפּ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שרייבט עפּעס אין אַ נאָטיצביכל.)

ראַליי: באַפעלט איר מיך גיין?

סטענהאָפּ: (נישט אומקונדיק זיך) יאָ. טראַטער איז שוין אַוועק.

ראַליי: גוט. (גייט צו צו די טרעפּלעך און דרייט זיך אויס אומדרייסט צו סטענהאָפּן) צום ווידערזען, סטענהאָפּן

אומדרייסט צו סטענהאָפּן) צום ווידערזען, סטענהאָפּן

סטענהאָפּ: (שרייבט נאָך אַלץ מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ) צום ווידערזען, ראַליי. כ׳וועל באַלד זיין דאָרט.

(ראַליי גייט ארויס.

סטענהאָפּ הערט אויף צו שרייבן, הייבט אויף דעם קאָפּ און הערט זיך צו. די קוילן פאַלן שוין איצט אָן אויפהער און שטאַרק. ער וואַרפט אַ בליק אויף דער זייטיקער אָקאָפּע, לינקס, און רופט) היבערטן

(קיינער ענטפערט נישט. סטענהאָפּ הייבט זיך אויף און גייט לאַנג־זאַם צו צום אַריינגאַנג אין דער לינקער אָקאָפּע. ער רופט נאָכאַמאָל, שטאַרקער:) היבערטן! (ער קוקט אַריין אינעווייניק און פרעגט) וואָס טוסטו דאָרט?

היבערט: (באַווייזט זיך. ער איז זייער בלאַס. באַוועגט זיך ווי אין דרימל.)

סטענהאָפּ: קום אהער, מענטשן

היבערט: הייסט מיך איצט גיין?

סטענהאָפּ: פאַרשטייט זיך, אַז איך היים. יענע זענען שוין לאַנג אַוועק.

היבערט: קען איך קריגן אַ טראָפּן וואַסער?

סטענהאָפּ: צו וואָס דאַרפסטו עפּעס וואַסער?

היבערט: כ׳בין שרעקלעך דאָרשטיק. פוי... דער גאַנצער שאַמפּאַניער, מיט די אַלע מאכלים דאָרט... האָבן מיר אויסגע־טריקנט דאָס מויל...

סטענהאָפּ: (גיסט אַריין אַביסל וואַסער אין אַ קווערטל און דערלאַנגט אים) אָט האָסטו וואַסער. טיי האָסטו באַקומען?

היבערט: יאָ, באַקומען. ס׳אַפילו געווען גאַנץ זיס.

(די שיסעריי ווערט אַלץ שטאַרקער. אַ חוץ די לייכטע קראַכן פון די קלענערע גראַנאַטן, הילכט שוין אָפּ פון ווייט אַ טיפער געבּרום פון מינעוואַרפער. היבערט זופּט דאָס וואַסער זייער פּאַמעלעך, אויסגעצויגן, אויפהויבנדיק נאָך יעדן זופּ דאָס מויל, אַ פאַרטראַכטער, מיט ישוב־הדעת. סטענהאָפּ שטייט ביים אַרויסגאַנג און קוקט אַרויס אין די טראַנשייען, ער האָט זיך נאַרוואָס אויסגעדרייט פון דער טיר. און פּלוצלינג האָט זיך דורכגעשניטן דורכן באַגינען אַ קלינגענדיקער אויס־געצויגענער רוף: „סאַ־ני־טאַ־רן! סאַ־ני־טאַ־רן!"

סטענהאָפּ דרייט זיך אויס האַלב און דערזעט היבערטן.)

סטענהאָפּ: נו, גיי, היבערט. מאַך דיך גרייט.

היבערט: וואָס איז דאָס געאייל? — ס׳נישט אַזוי דרינגלעך.

סטענהאָפּ: נישט דרינגלעך? פאַרוואָס זענען די איבע־ריקע חברים דיינע שוין לאַנג אַוועק?

היבערט: (צײט לאַנג די ווערטער) ווער? טראָטער און ראַליי?

סטענהאָפּ: (שאַרף און אָפּגעהאַקט) כאַפּ דיך אויף, דון וואָס טוט זיך מיט דיר, צו אַלדי טײוול?

היבערט: (שטעלט לאַנגזאַם אַוועק דאָס קווערטל) אַלץ דער שאַמפּאַניער... טריקנט אויס דאָס מויל. די צונג ווערט עפּעס צעקראַכן, ווי אַ שטיקל פּאַפּיר.

(קורצע פּויזע)

סטענהאָפּ: וואָס לענגער דו זאַמסט זיך דאָ, אַלץ שווע־רער וועט דיר זיין שפּעטער אַרויסצוגיין.

היבערט: אַך, גרויסער גאָטן ווייסטו דען נישט, אַז איך בין...

סטענהאָפּ: (רייסט אים איבער) כ׳ווייס דיין כוונה, אָפּ־צוציען וואָס מער צייט.

היבערט: נו, זאָל זיין, כאַפּט עס דער רוחן ס׳אָבער נישט גוט אַרויסצוגיין אויף דער ליניע, איידער מ׳פּילט זיך גוט... לאָז מיך נעמען נאָך אַביסל וואַסער.

(היבערט נעמט דאָס קווערטל און גיסט זיך אָן אַביסל וואַסער. ער זעט אויס זייער נעבעכדיק. סטענהאָפּ שטייט אומגעדולדיק נעבן אים.

מייסן באַווייזט זיך פון זיין אָקאָפּע, אינגאַנצן באַלאָדן, גרייט צו דער פּאָזיציע. זיין ביקס הענגט אים איבערן אָקסל.)

מייסן: כ׳גיי גלייך, הער. כ׳האָב אָנגעלייגט אַ פייער, ס׳זאָל זיך טליען אַ דריי שעה. וועט איר נישט האָבן דאַקעגן, כ׳זאָל זיך אַ זייגער ניין צוכאַפּן אַהער אַ קוק טון?

סטענהאָפּ: אָלרייט, מייסן. מיסטער היבערט גייט איצט אויך אַהין. קענסט גיין צוזאַמען מיט אים.

מייסן: (צו היבערטן) כ׳וואָלט געקאָנט גיין צוזאַמען מיט אייך, הער, אויב איר וואָלט נישט געהאַט דאַקעגן. כ׳בין נאָך קיינ־מאָל נישט געווען אין דאָזיקן טייל פּאָזיציע. אַליין — וועל איך פאַרבלאָנדזשעט ווערן.

סטענהאָפּ: מיסטער היבערט וועט דיר ווייזן דעם וועג אַהין. (ווענדט זיך צו היבערטן) האַלט אויף דיינע סאָלדאַטן אָנט־

קעגנאיבער דער טראַנשיי-וואַנט, כל-זמן די קוילן וועלן פאַלן. צום ווידערזען.

(היבערט קוקט אַן אַ ווײַלע סטענהאָפּן, טוט אַ לײַכט שמייכעלע און גייט פּאַמעלעך אַרויס מיט די טרעפּ. פון הינטן גייט אים נאָך מייסן.

אַנטקעגן בלייבן הימל, אינדרויסן, באַווייזט זיך אַ טונקעלע פיגור. לויפט איילִיק אַראָפּ פון די טרעפּ — אַ סאָלדאַט. אויפגערעגט און שטאַרק פּארסאָפּעט.)

סטענהאָפּ: וואָס איז געשען?

סאָלדאַט: אַ ידיעה פון מיסטער טראָטער, הער. די גראַנאַטן פאַלן אממיינסטן הינטער דער שוץ-ליניע. קוילן — לענג-אויס דער פראָנט-ליניע.

סטענהאָפּ: וועמען האָט שוין געטראָפן?

סאָלדאַט: קאַפּראַל ראָסס, זייער וואַרשיינלעך, הער. אין דער טראַנשיי, ביים ווינקל, געפאַלן אַ סך קוילן. פונקט ווען כ'בין פון דאָרט אַוועק.

(פון די טרעפּ קומט אַראָפּ דער סערזשאַנט-מאַיאָר. פאַרמאַטערט. אָטעמט שווער.)

סטענהאָפּ: (צום סאָלדאַט) אַלרייט, אַ דאַנק.

(דער סערזשאַנט סאַלוטירט און גייט אַרויס לאַנגזאַמער, ווי ער איז אַריין.)

סערזשאַנט-מאַיאָר: ס'הייבט אָן צו ווערן היים, הער.

סטענהאָפּ: קאַפּראַל ראָסס איז פאַרווונדעט?

סערזשאַנט-מאַיאָר: יאָ, הער.

סטענהאָפּ: ווי האַלט עס, שלעכט?

סערזשאַנט-מאַיאָר: זייער שלעכט, הער.

סטענהאָפּ: ס'רוב גראַנאַטן פליען אַריבער, נישט אמת?

סערזשאַנט-מאַיאָר: יאָ, אַ סך גראַנאַטן פליען אַריבער, הער. אָבער לענגאויס דעם פראָנט האָגלט כסדר מיט האַרמאַטן-קוילן און ביקסן-פייער. ס'איז געוואָרן נישקשהדיק היים, הער. זיי אַטאַקירן אין דרום. דאָרט איז דאָס גאַנצע ביקסן-פייער.

סטענהאָפּ: אַלרייט, סערזשאַנט-מאַיאָר. אַ דאַנק.

סערזשאַנט-מאַיאָר: וואָס בין איך געקומען פרעגן?... יאָ, הער, וועגן די פאַרווונדעטע. זאָל איך זיי אַראָפּפירן, הער? די שיסערייַ איבער לאַנסער-אַלייע איז זייער געדיכט.

סטענהאָפּ: ווי האַלט עס מיטן פּאָס-וועג?

סערזשאַנט-מאַיאָר: זייער שלעכט, הער.

סטענהאָפּ: אויב אַזוי, פיר נאָך קיינעם נישט אַראָפּ. יעדן שווער-פאַרוואונדעטן נעם אַריין אין דער גרויסער אָקאָפּע, רעכטס. און די סאַניטאַרן זאָלן טון, וואָס זיי קענען נאָר.

סערזשאַנט-מאַיאָר: זייער גוט, הער.

סטענהאָפּ: האָט עס געטראָפן בלויז דעם קאַפּראַל ראָסס?

סערזשאַנט-מאַיאָר: יאָ, הער, בלויז...

(ווידער הערט זיך דער אויסגעצויגענער רוף — עטלעכע מאָל, אי-בערגייענדיק פון איינעם צו אַ צווייטן — „סאַניטאַרן! סאַ—ני—טאַ—רן!"

די אויגן פון סערזשאַנט-מאַיאָר באַגעגענען זיך מיט סטענהאָפּס. ער דרייט זיך אום און גייט אַרויס.

סטענהאָפּ בלייבט אַליין. פון דרויסן דערטראָגט זיך אַ פּייפן, זשומען, שיפּען און קרעכצן פון פליענדיקע שטיקער שראַפּנעלן. דער שאַר-פער, קאַנטיקער קראַך פון ביקסן-קוילן, דאָס קנאַלן פון גראַנאַטן און דער טיפער, דונערנדיקער „בום" פון דער אַרטילעריע — מישן זיך צונויף אין איין ווילדן כאַאָטישן רעווען. סטענהאָפּ נעמט פון טיש זיין פּאַס און טוט אים אָן, דעם רעוואָלווער-רימען פאַרלייגט ער אַרום האַלז, הענגט אָן די פעלד-פלאַש און לאָזט אַראָפּ אין קעשענע די פּושקע קאָנסערוון.

דער סערזשאַנט-מאַיאָר באַווייזט זיך ווידער און לויפט שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ.)

סטענהאָפּ: (דרייט זיך אויס שנעל) איז עפּעס געשען, סערזשאַנט-מאַיאָר?

סערזשאַנט-מאַיאָר: מיסטער ראַליי, הער...

סטענהאָפּ: וואָס?

סערזשאַנט-מאַיאָר: מיסטער ראַליי איז פאַרוואונדעט. אַ שטיק שראַפּנעל אין רוקן.

סטענהאָפּ: געפערלעך?

סערזשאַנט-מאַיאָר: כ'האָב מורא, הער, אַז דער רוקן-ביין איז אים צעבראָכן. קען נישט רירן מיט די פיס.

סטענהאָפּ: ברענג אים אַהער.

סערזשאַנט-מאַיאָר: אַהער?

סטענהאָפּ: (מיט אַ געשריי) יאָ, אַהערן... אָבער שנעלן

(דער סערזשאַנט-מאַיאָר לויפט אַרויס. נאָענט פון דער אָקאָ-פּע האָט אויפגעריסן אַ שראַפּנעל. ס'האָט אַ ריטש געטון. דער סערזשאַנט-מאַיאָר איז אָפּגעשפּרונגען הינטער זיך און פאַרוואָרפן די האַנט אויפן פּנים, פּונקט ווי אַ מענטשלעכע האַנט וואָלט אים געקאָנט שיצן פון די

פליענדיקע הייסע פייער־שטיקער. ער פאַלט עטוואָס צוריק אַריין אין דער אַקאַפּע און לויפט גלייך אַרוים.

סטענהאָפּ שטייט נעבן אָסבאָרנס בעט און טאַפּט מיט דער האַנט די קאָלדרע. ער נעמט אַראָפּ פון וואַנט אַ טראַנשוי־שינעל און וויקלט אים איין פאר א קישן. ער גייט צו צו זיין אייגן בעט, נעמט אַראָפּ די קאָלדרע. אינדעם קומט אָן דער סערזשאַנט־מאַיאָר און טראָגט פּאַרזיכטיק אין זיינע ברייטע אָרעמס ראַלייען, ווי אַ קינד.)

סטענהאָפּ: (מיט דער קאָלדרע אין האַנט) לייג אים אַטאָדאָ.

סערזשאַנט־מאַיאָר: ער איז פאַרחלשט, הער. ווען איך האָב אים אויפגעהויבן, איז ער געווען ביים גאַנצן באַוווסטזיין.

(דער סערזשאַנט־מאַיאָר לייגט אים אַנידער פּאַרזיכטיק און וויקלט אויפן בעט. ער נעמט אַוועק זיינע הענט אין ביידע זייטן, קוקט פון אַ זייט אויף זיינע דלאָניעס און ווישט אָפּ דאָס בלוט אויף ביידע זייטן פון זיינע הויזן. סטענהאָפּ דעקט איבער ראַלייען מיט זיין קאָלדרע, קוקט אים אויפמערקזאַם אָן און ווענדט זיך צום סערזשאַנט־מאַיאָר:)

סטענהאָפּ: האָט מען באַנדאַזשירט די וווּנד?

סערזשאַנט־מאַיאָר: בלויז אַ שטיקל וואַטע האָט מען צוגעלייגט. מער האָט מען נישט געקאָנט טאָן.

סטענהאָפּ: גיי תיכף און ברענג צוויי סאָלדאַטן מיט אַ טראָג־בעטל.

סערזשאַנט־מאַיאָר: ס'איז דאָך אָבער אוממעגלעך אים אַוועקצוטראָגן, הער, אונטערן האָגל פון גראַנאַטן און שראַפּנעלן, וואָס פאַלט איבער לאַנסער־אַלייע.

סטענהאָפּ: האָסט געהערט, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט? גיי תיכף און ברענג צוויי סאָלדאַטן מיט אַ טראָג־בעטלען

סערזשאַנט־מאַיאָר: (נאָך אַ ווײַלע וואַקלען זיך) גלייך, הער.

(דער סערזשאַנט־מאַיאָר גייט פאַמעלעך אַרוים. סטענהאָפּ דרייט זיך נאָכאַמאָל אוים צו ראַליי, דאַן גייט ער צו צום טיש, שטעקט אַריין זיין הענטשקע אין קווערטל וואַסער, קוועטשט עס אוים און ברענגט עס צו צו ראַלייס בעט. ער ווישט אים דאָס פּנים. ראַליי זיפצט אָפּ לייכט, עפנט די אויגן און דרייט אוים זיין קאָפּ צו סטענהאָפּן.)

ראַליי: העלאָ... דעניס...

סטענהאָפּ: זייער גוט, דזשימי. (ער שמייכלט) ס'האָט דיר געטראָפן זייער גיך.

(ס'איז שטיל אַ ווײַלע. סטענהאָפּ זיצט אויף אַ קעסטל נעבן ראַליי. ראַליי רעדט ווידער, אין אַ פאַרוואונדערטן קול.)

ראַליי: ווו בין איך דאָ? פונוואַנען קום איך אַהער?

סטענהאָפּ: דער סערזשאַנט-מאַיאָר האָט דיך אַהער געבראַכט.

(ראַליי רעדט ווײַטער, פאַרטראַכט, אומזיכער, פּרוּוונדיק זיך דערמאָנען.)

ראַליי: עפּעס... כ'ווייס נישט וואָס... געטראָפן מיך אין רוקן... אַדורכגעשאָסן... אַזוי אָנגעבלאָזן מיך... (שטאַרקט זיך) איצט אָבער פיל איך זיך אַלרייט (פּרוּווט זיך אויפהויבן).

סטענהאָפּ: שטאַרק זיך, אַלטער בחור מײַנער. דאַרפסט אָבער ליגן רויק.

ראַליי: כ'וועל זיך פילן בעסער, ווען כ'וועל זיך אויפהויבן און זיך אַדורכגיין אַביסל... — כ'האָב שוין איינמאָל געהאַט אַזוי... געקריגן אַ קלאַפּ אויפן אייגענעם אָרט. דאָס איז געווען ביי „ראַדזשער"... און ס'איז... ס'איז באַלד פאַריבער. ס'טוט נאָר אַ פאַרקלעם און ס'גייט איבער. (פוּזע) וואָס דונערט עס דאָרט אַזוי?

סטענהאָפּ: דאָס איז פון די האַרמאַטן אַזאַ ברומעריי.

ראַליי: אונזערע האַרמאַטן?

סטענהאָפּ: ניין. אַמייסטנס זייערע.

(ס'איז ווידער שטיל אין דער אָקאָפּע. אַ שוואַך ראָז ליכט צעהעלט זיך אין באַגינענדיקן הימל.

ראַליי רעדט ווידער, אָבער שווער, פאַרטראָגן.)

ראַליי: הער... דעניס...

סטענהאָפּ: וואָס איז דיר, גוטער בחור מײַנער?

ראַליי: האָט עס נישט... האָט 'עס נישט אינגאַנצן אַדורכגעשאָסן? ניין? האָט עס מיך בלויז אָנגערירט און אומגעוואָרפן?...

סטענהאָפּ: נאָר אַביסעלע געטראָפן דיך, דזשימי.

ראַליי: וועל איך דאָ לאַנג ליגן?... לאַנג?...

סטענהאָפּ: ניין. מ'וועט דיך באַלד צונעמען פונדאַנען.

ראַליי: צונעמען? וווהין?

סטענהאָפּ: דאָרט אַהין, צום באַנדאַזשיר פּונקט... דער-

נאָך אין שפּיטאָל... און דאַן — אהיים. (ער שמייכלט) יאָ, דזשימי. ביסט דאָך פאַרוואונדעט.

ראַליי: אָבער... כ'קען דאָך נישט גיין אהיים צוליב אזא קליינינקייט... צוליב אַ קנאַק אין רוקן... (ער וואַרפט זיך אומרויק) כ'בין זיכער, אַז כ'וועל זיך פילן בעסער, אויב... אויב כ'וועל זיך נאָר אויפהויבן. (ער פּרובירט זיך אויפהויבן. פּלוצלינג טוט ער אַ געשריי) אָ, גאָט! ס'טוט וויי!

סטענהאָפּ: ס'נישט קיין וואונדער, דזשימי, וואָס ס'טוט וויי.

ראַליי: וואָס איז עפּעס... אויף מיינע פיס? עפּעס ציט זיי אראָפּ...

סטענהאָפּ: ס'איז גאָרנישט. שרעק דיך נישט, יונגל מיינער. פון דער גרויסער צעטרייסלונג איז דיר דער פוס פאַרשטייפט געוואָרן.

(ווידער פּויזע. ווען ראַליי רעדט, ענדערט זיך אַלעמאָל זיין קול.)

ראַליי: ס'איז זייער גוט פון דיין זייט, דעניס... דו ביסט זיך אזוי מטריח צוליב מיר... כ'פיל זיך עפּעס אזוי שלעכט צו ליגן דאָ... אַלע אַנדערע זענען דאָרט... איך — דאָ...

סטענהאָפּ: דאָס איז דאָך נישט דיין שולד, דזשימי.

ראַליי: יאָ... צום טייוול... אזוי נאַריש... פאַרוואונדעט געוואָרן (פּויזע) אפשר... אפשר איז דאָ פאַראַן אַ טראָפּן וואַסער?

סטענהאָפּ: (הייבט זיך שנעל אויף) פאַראַן, זיכער. כ'וועל דיר דערלאַנגען.

(ער גיסט אַריין אַביסל וואַסער אין קווערטל און דערלאַנגט עס ראַליי׳ען.)

מונטער) כ'האָב דאָ פאַרבריט אַביסל טיי. ס'מאַכט נישט אויס, דזשימי?

ראַליי: ניין. ס'איז זייער גוט. אַלרייט... אַ דאַנק...

(סטענהאָפּ האַלט אונטער דאָס קווערטל און ראַליי טרינקט.)

הער, דעניס, ווילסט אפשר אוועקגיין?... אָנטון זיך און אוועקגיין?....

סטענהאָפּ: זיי רויק. ס'איז אַלרייט, דזשימי.

ראַליי: קענסטו אפשר בלייבן דאָ אַביסל?

סטענהאָפּ: נו, אוודאי, פאַרשטייט זיך. כ'וועל דאָ בלייבן מיט דיר.

ראַליי: (שוואַך) כ'דאַנק זייער.

(אַ צייט איז רויק אין אָקאָפּע. שטיל. סטענהאָפּ זיצט מיט איין האנט אויף ראַליס אָרעם. ראַליי ליגט זייער שטיל. דערנאָך הויבט ער ווידער אָן צו רעדן, שטיל, כמעט שעפּשטענדיק.)

ראַליי: דעניס...

סטענהאָפּ: וואָס איז דיר, טייער יונגל?

ראַליי: קען מען אפשר מאכן ליכטיק?... ס'איז דאָ אזוי שרעקלעך פינסטער... און קאַלט...

סטענהאָפּ: (הויבט זיך אויף) זיכערן כ'וועל ברענגען א ליכט און נעמען נאָך אַ קאָלדרע.

(סטענהאָפּ גייט אַריין אין דער לינקער אָקאָפּע. ראַליי בלייבט אַליין אויף אָסבאָרנס בעט. זייער שטיל און רויק. דער בלייכער ראָזער גלאַנץ פון באַגינען ווערט אלץ שארפער און טיפער, ביז אַ העלישן רויט. דער גרויער נאַכט-הימל צעשווימט זיך. די שטערנס לעשן זיך. אַ שוואַ־בער, שטילינקער קול דערטראָגט זיך פונם אָרט, ווו ראַליי ליגט, — עפּעס צווישן אַ כליפּ און אַ קרעכץ. סטענהאָפּ קומט צוריק מיט אַ קאָלדרע. ער נעמט פון טיש אַ ליכט און טראָגט זי צו צו ראַליס בעט. ער שטעלט זי אַוועק אויפן קעסטל נעבן ראַליי און רעדט מונטערער.)

נו, דזשימי, איז דיר בעסער? (ראַליי רירט זיך נישט.) דזשימיין

(שטיל. ראַליי ליגט רויק, אָן אַ שפּור פון באַוועגונג. סטענהאָפּ נעמט מילד אָן זיין האַנט. אַ לאַנגע צייט איז שטיל. סטענהאָפּ לאָזט ענדלעך אַראָפּ ראַליס האַנט אויפן בעט, הייבט זיך אויף און שטעלט צוריק אַוועק דאָס ליכט אויפן טיש. ער זעצט זיך אַוועק אויפן באַנק נעבן טיש, מיטן רוקן צו דער וואַנט און קוקט גלייכגילטיק אויפן אומ־באַוועגלעכן בחור דאָרט אויף אָסבאָרנס בעט. דאָס איינציקע ליכט־פלעמל באַלייכט די שטריכן פון זיין בלאַסן, אויסגעצויגענעם פּנים און די טונקעלע שאָטנס אונטער זיינע מידע אויגן. דער געפּרום פון די קוילן און גראַנאַטן שטייגט און פאַלט מינוטנווייז, ווי אַ צעבייזערטער ים.

אַ סאָלדאַט קומט קריכנדיק אַראָפּ פון די טרעפּ. זיין רויט, קיילעכדיק פּנים איז באַדעקט מיט שווייס, זיין ברוסט אָטעמט שווער און פאַרשטיקט.)

סאָלדאַט: אַ ידיעה פון מיסטער טראָטער, הער. ער האָט געזאָגט, איר זאָלט תיכּף קומען.

(סטענהאָפּ קוקט אַרום דעם סאָלדאַט און מאַכט קיין שום באַוועגונג נישט.)

מיסטער טראָטער, הער... האָט געזאָגט, איר זאָלט תיכף קומען

(סטענהאָפּ הייבט זיך אויף שטאַר און נעמט פון טיש זיין העלם.)

סטענהאָפּ: אָלרייט, בראָוטן איך גיי.

(דער סאָלדאַט דרייט זיך אוים און גייט אַוועק.

סטענהאָפּ פאַרהאַלט זיך אַ מינוט ביי אָסבאָרנס בעט און לויפט מיט די פינגער איבער ראַליס צעפּאַטלטע האָר. שטייף לאָזט ער זיך אַרויף אויף די טרעפּלעך. זיין הויכע פיגור שוואַרצט זיך אַנטקעגן דעם פרימאָרגן־הימל.

דאָס שיסעריי שטאַרקט זיך ביז אַ שרעקלעכער פּוריע. די אויבּיקע ליכט ברענט גאַנץ שטאַרק און ראַליי ליגט איינגעהילט אין שאָטנס. ס'דערהערט זיך אַ זשום פון אַ שראַפּנעל, וואָס גייט איבער אין אַ הילכיקן קוויטש. געפּלאַצט אויפן אָקאָפּע־דאַך. פונם טרויסל לעשט זיך האַסטיק אוים דאָס ליכט. דאָס געהילץ פון דער טיר ברעכט זיך ביסלעכווייז איין און ווערט מיטאַמאָל אַריינגעשלײדערט אין דער אָקאָפּע. זאַמדזעק הייבן אָן פאַלן און פאַרלייגן די גאַנצע עפנונג פון דער טיר.

ס'איז פינסטער אין אָקאָפּע. דאָ און דאָרט גליט אַריין דער רויטער פרימאָרגן דורך די זיגזאַג־לעכער פון דער צעבראָכענער און פאַרשטאָפּטער טיר־עפנונג.

זייער שטיל און געדעמפט דערטראָגט זיך דאָס גרעגעריי פון פּולעמיאָטן און דאָס פיבערדיקע קראַכן פון ביקסן־פייער.)

פאַרהאַנג פאַלט

(סוף)